# UCLA

## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title

Khesbn no. 79-80 - April 1975 - Journal

### Permalink

https://escholarship.org/uc/item/4mn862rp

### Journal

Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 79-80(1)

### Author

Admin, LAYCC

### Publication Date

1975

### Copyright Information

Copyright 1975 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California



פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

ניסן
תשל"ה

80-79

APRIL
1975

# ספּעציעלער נומער

געווידמעט דעם אַכציק-יאָריקן יובילײ פון

# אריה פאָזי

רעדאַקטירט פון:

א. גאָלאָמב, ש. ווייס, א. ראָבין און זלמן שלאָסער

אַרויסגעגעבן פון:

● לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרײַבער-קרײַז

מיט דער מיטהילף פון:

● ל. א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
● אַרבעטער רינג קולטור צענטער אין ל. א.

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן

מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

**ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון**
**ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**

יעקב קאַהאַן, פרעזידענט • משה כהן, עקז. סעקרעטאַר

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**
**8339 WEST THIRD STREET • LOS ANGELES, CALIF. 90048**
**Telephone: 938-3823**



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

7617 De Longpre Ave. — Los Angeles, Calif. 90046

S. SCHLOSSER, SAMUEL WEISS, Associate Editors

S. BUNYAN, *Editorial Secretary*

ALEX ROBIN, *Consultant*

*Administration*: H. BERMAN, *Treasurer*

ELIMELECH DEITCH • DAVID GOLDMAN • SAM ZUCKERMAN

M. GOLDFARB, *Financial Secretary*

153 So. Hayworth Ave. — Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 935-2950

**Subscripton price: $5.00 per year**

**PRINTED BY SCHWARTZ PRINTING CO.**

100

# אינהאַלט


זלמן שלאָסער: אריה פּאָזי — דער מענטש, לערער און שרייבער — 3
דינה מעטצגער: אריה פּאָזי — מיין טאַטע — 7
יוסף לעפּטוויטש: מער ווי זעכציק יאָר פריינדשאַפט — 12
משה שקליאַר: דאָס וואָרט (ליד) — 14
חיים גראַדע: מעבל (ליד) — 15
ש. וו.: דער אַכציקסטער געבוירן־יאָר פון אריה פּאָזי געפייערט (באַריכט) — 17
שמואל ווייס: מיין לאַנג־יאָריקע באַקאַנטשאַפט מיט אריה פּאָזי — 20
מלך ראַוויטש: אַ בריוול צו אריה פּאָזי — 22
מ. חסיד: לידער — 22
יצחק קאַהאַן: י. ל. פּרץ — דאָס וואָס בלייבט — 26
זאב וואָלף סאַלעס: רבי יהודה הלוי (צו זיין 900־יאָריקן יובל) — 34
ד״ר יהודה ראָזענמאַן: די באַציונג צווישן גאָט און מענטש — 42
רבקה סאַוויטש גאָלאָמב: פון שפּיטאָל — 45
חיים לייב פוקס: פּראָבלעמען פון קינסטלערישער יצירה — 54
דב סדן: וועלוול שאָר — אַ בן תשעים — 57


## שרייבערס און ביכער


מלכה חפץ טוזמאַן: ז. בובין — אַ פינף און אַכציקער — 58
ס. נוטקעוויטש: אַ נײַ בוך לידער פון מלכה חפץ טוזמאַן — 60
ס. שניאור: דער יסוד פון דער ידישער קולטור־יצירה — 62
מ. גאָלדפאַרב: ביבלישע געשיכטעס — 67
זלמן שלאָסער: עלי שעכטמאַנס „ערב" — 69
יצחק ביומאַן: שמשון דונסקיס תרגום מדרש — 79
אברהם גאָלאָמב: די פּראָבלעמאַטישע השכלה — 84


## אונדזערע אבידות


יעקב שמואל טויבעס: פינטשע בערמאַן ע״ה — דיכטער פון לעבנס־פריד — 89
העניך בערמאַן: יעקב שמואל טויבעס ז״ל — 92
אַלעקס ראַבין: יעקב שמואל טויבעס ז״ל — 94
נעקראָלאָגן — 94
משה שטאַרקמאַן חזקוני ז״ל — 95
א. גאָלאָמב: ניטאָ מער משה שטאַרקמאַן — 97
שלמה צוקערמאַן: קיצור פון אַ הספד פאַר בלומע שטיינבערג ע״ה — 99

אריה פּאַזי, רעדאַקטאָר
זלמן שלאָסער,
שמואל ווייס,
מיטרעדאַקטאָרן
ז. בונין, סעקרעטאַר

# חשבון

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען.

העניך בערמאַן,
פּראָוואַלטער־קאַסירער
מ. גאָלדפאַרב,
פינאַנץ־סעקרעטאַר
אַלעקס ראַבין, קאָנסולטאַנט

31טער יאָרגאַנג, נומערן 79־80 • פרילינג 1975 • לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.


זלמן שלאָסער

# אַריה פּאַזי — דער מענטש, לערער און שרייבער

צו זיינע אַכציק יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק, איז אונדזער ליבער חבר, און פריינד, אַריה פּאַזי, אַקטיוו און מונטער, פול מיט גלויבן און ביטחון אין מענטש און אין נצח ישראל. ע ראיז וואַכזאַם און אַקטיוו סיי אין מחשבה סיי אין מעשים. זיינע פילאָסאָפישע עסייען זעט מען פון צייט צו צייט געדרוקט אין „די גאָלדענע קייט" פון ישראל, אָדער אין „חשבון", וואָס ער רעדאַקטירט פאַר די לעצטע צען יאָר. זיינע לעקציעס הערט מען אָפט אין די פאַרשיידענע צווייגן פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג און אין „קולטור קלוב". זיין אָנטייל אין די היגע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן זעט זיך שטאַרק אָן און ער איז אַלע מאָל פון די ערשטע זיך אָפּצורופן אויף יעדן הילפס־רוף, אָבער אַלע מאָל מיט באַשיידנקייט און אָן רעקלאַמע.

זיין מונטערקייט און שטענדיק פרישער אָפּטימיזם האָבן, נאַטירלעך, טיפע וואָרצלען אין זיין פערזענלעכקייט, און זיין אַנטוויקלונג און אין דעם טיפן חותם, וואָס זיין פאָטער האָט אין די יונגע יאָרן געלייגט אויף אים. נאָר אַ מער דירעקטע שייכות צו זיין מונטערקייט האָט טיילווייז אויך זיין פרוי בעלאַ, וואָס שפרודלט שטענדיק מיט געזעלשאַפטלעכער ענערגיע, וואָס געפינט שטענדיק צייט און ענטוזיאַזם פאַר אַלטע, איינגעשטעלטע אַקטיוויטעטן און אויך פאַר אָפּזוכן נייע, וויכטיקע אונטערנעמונגען. אַזאַ מונטערקייט און רירעוודיקייט מוז זיך אָפּרופן אויף יעדן, וואָס קומט אין קאָנטאַקט מיט איר.

ערגעץ ווו האָט י. ל. פרץ געוואָרפן אַ וואָרט: „זוכט ניט ביים קינסטלער דאָס אַש, זוכט דאָס פייער." אָט דאָס פייער זעט מען ביים לערער און אויפקלערער, ביים שרייבער און קינסטלער אַריה פּאַזי און זיינע קינסטלערישע ווערק, ווי „משיח אין קייטן", אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע „יוסף", אין די שיינע היסטאָרישע מעשהלעך פאַר קינדער און דערוואַקסענע אין יידיש און ענגליש, און אפילו אין זיינע היסטאָרישע און פילאָסאָפישע עסייען, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין פאַרשיידענע גרעסערע זשורנאַלן און זאַמלביכער אויף יידיש און ענגליש, ספּעציעל דאָס בוך „מיסטיק טרענדס אין דזשודאַאיזם." ביי לייטן שרייבער, וואָס זוכן אָנערקענונג און כבוד, וואָלטן אויפן סמך פון אַזאַ בוך געקראָגן אַ דאָקטאָראַט פון יעדן אָנגעזעענעם אוניווערסיטעט און נאָך דעם פאַרנומען הויכע פּאָזיציעס אין יידישן לעבן. אין יעדער אַרבעט זיינע לויכט אַרויס דאָס פייער פון זיין נשמה און די וואַרעמקייט פון זיין האַרץ.

אין די צייטן פון דעם היטלער־חורבן, נאָך פאַר דער מלחמה, האָט פּאַזי אָנגעשריבן אַ לענגערן פאַמפלעט וועגן די נאַציס און זייער פאַרמעסט קעגן יידישן פאָלק. דער פאַמפלעט איז אַרויס אין 1939 אין צוויי גרויסע אויפלאַגעס און איז אין די צענדליקער טויזנטער פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די סטודענטן פון די גרויסע אוניווערסיטעטן. שפּעטער איז ער אויפן גרונט פון זיינע ענגלישע ביכער אַריינגענומען געוואָרן ווי אַן ערן־מיטגליד

אין „די יודזשין פילד נעשאָנאַל אַסאָסיאיישן אָוו אָטאָרס ענד דזשורנאַליסטס.“

און אפילו איצט, צו זיינע אַכציק יאָר, זעט מען פון צייט צו צייט דאָס פייער אויפלייכטן, ווען ער צעוואַרעמט זיך ביי אַ יידישער טעמע, ווען מען רירט אָן אַ דינע סטרונע פון אונדזער ציטערדיקן געמיט, אָדער ווען ער כאַפּט אויף אַ נייעם טאָן, אַ נייעם מאָטיוו אָדער וואָרט אין אונדזער פּאָעזיע, אין אונדזער בעלעטריסטיק. מיר לעבן אָבער אין אַ וועלט פון אייביקן אומרו, פון כסדרדיקע אויפטרייסלונגען. און צו אָפּט זייען דאָס ענדערונגען, וואָס וועקן פעסימיזם און פאַרצווייפלונג אין אונדזער יידישער וועלט. אין אַזעלכע דערדריקנדיקע מאָמענטן איז גוט ווען מען איז, אַזוי ווי ער, פאַראַנקערט אין דער יידישער געשיכטע, אין דעם יידישן געדאַנק פון נצח ישראל לא ישקר.

ניט לאַנג צוריק האָט פּאָזי פאַרעפנטלעכט אין „די גאָלדענע קייט“ אַ לענגערן פילאָסאָפישן עסיי: „מענטש אין ירידה, עליה און נצחיות“, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט אַזאַ אַלעגאָרישן אָדער סימבאָלישן זאַץ:

„משיח וועט אפשר מיט דער צייט יאָ קומען, אָבער פאַר דעם איז דאָ אַ באַשטימטער תנאַי: דער דור דאַרף קודם כל ווערן כולו זכאי“, אין גאַנצן אומשולדיק. האָב איך אַנומלט געפרעגט פריינד פּאָזין: סטייטש, ווי קומט צו אייך אַזאַ פעסימיזם, אַז משיח וועט א פ ש ר קומען? וואָס הייסט אפשר? האָט ער אויף דעם זייער קלוג געענטפערט: ווען שלמה המלך איז געווען יונג האָט ער געשריבן שיר השירים, דאָס געזאַנג פון ליבע; אין זיינע רייפע, מיטעלע יאָרן, האָט ער געשריבן משלי, געשיקט דעם מענטש צו לערנען חכמה פון דער מוראַשקע; און צום סוף, אויף דער עלטער, ווען ער האָט געהאַט גענוג צייט און געדולד נאָכצוטראַכטן, האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן דעם ווערט פון מענטש און לעבן, און אָנגעשריבן דעם ספר קהלת, אַז אַלץ איז הבל הבלים. ווי קאָן איך אין מיין עלטער וואַגן איבערצוקליגלען אַזאַ וועלט־חכם ווי שלמה המלך?

דאָס איז טאַקע קלוג געענטפערט, נאָר נישקשה, מיט אַזאַ אויך־מיר פעסימיזם איז כדאי צו לעבן ביז הונדערט און צוואַנציק, וואָרים ס'איז דאָך אויך מעגלעך, אַז אין משך פון די „עטלעכע“ יאָר זאָל פון דעם אומבאַשטימטן א פ ש ר ווערן אַ פּאָזיטיווער יאָ.

אַריה פּאָזי איז פון זיין קינדהייט אָן טיף, זייער טיף אַריינגעטאָן אין דער גאַנצער גאַמע פון יידישן געדאַנק, ווי ער האָט זיך אויסגעפאָרעמט אין היסטאָרישן גאַנג פון יידישן לעבן. פון דריי גרויסע לערערס האָט פּאָזי געלערנט, און יעדער איינער האָט געלאָזט זיין חותם אויף פּאָזין דעם מענטש, דעם לערער און דעם שרייבער. פון זיין פאָטער האָט ער זייער פרי איבערגענומען די שיינע מידות פון אַרבעט און עניוות. זיין פאָטער, דער אָנגעזעענער רב, האָט פרי איינגעזען דעם אמת פון דעם תלמודישן זאָג, פון קרדום לחפור בה — ניט צו מאַכן פון דער תורה קיין גראָבאײַזן, קיין מיטל פאַר פרנסה; און די חכמה פון דעם פסוק: „אהב את המלאכה ושנא את הרבנות“ — האָב ליב די אַרבעט און האַס די פירערשאַפט. וואָרים ער האָט געזען ווי שווער ס'איז צו זיין אָפּהענגיק פון קהל. זיין פאָטער האָט טאַקע אויסגעטוישט זיין רבנות־שטול אויף אַן אַקעראײַזן און געקאָנט זיצן און לערנען ווען ער האָט געוואָלט, לשמה.

אַריה פּאָזי, נאָך עטלעכע יאָר לערנען אין דער מאָהילאָווער ישיבה, האָט אויך זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז צייט זיך אויסצולערנען אַ מלאכה און האָט אויסגעטוישט די ישיבה אויף אַ פאַך־שול, די „רעמעסלענע אוטשילישטשע“. און שפּעטער, נאָכן אָפּדינען עטלעכע מאָנאַטן פּאָניען, ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד, האָט ער אויך דאָרטן פאַרשטאַנען, אַז חוץ לערעריי און שרייבעריי מוז מען, אין אונדזערע באַדינגונגען אויך האָבן עפּעס אַ פיזישע, פּראַקטישע מלאכה, און איז אין צוגאָב אויך געוואָרן אַ דרוקער. אויף אַזאַ אופן איז ער פאַרבליבן אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש. איצט האָט ער שוין מער ניט געדאַרפט זיין אָפּהענגיק פון קהלישע קאַפּריזן. ער איז געבליבן אַ פרייער און געזעלשאַפטלעך פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש צו לערנען און שרייבן לויט זיי־

נע איבערצייגונגען. זיין פּאַטערס איינ־פלוס דורכן דירעקטן ביישפּיל איז הפּנים געווען זייער שטאַרק אויף דער פאָרמירונג פון פּאַזיס פּערזענלעכקייט, אויף זיין באַשיידנקייט און אויף זיין אַרבעט־פּלייסי־קייט. דאָך איז זייער מעגלעך, קוקנדיק אויף צוריק, אַז פּאַזיס ערלעכקייט האָט אים אפשר געשטערט, ווי דער שטייגער פון דער וועלט איז, צו קלעטערן אויפן לייטער פון כבוד און פּירערשאַפט. ווארים פּאַזי האָט זיך קיין מאָל ניט געפּוצט אין פּרעמדע פעדערן כדי צו מאַכן אַן איינ־דרוק. ער האָט זיך קיין מאָל ניט געשטופּט צו דער מזרח־וואַנט. אָנשטאָט זיך צו שטופּן מיט די עלנבויגנס האָט ער געלאָזט זיינע מעשים רײדן פאַר זיך.

דער איינפלוס פון די אַנדערע צוויי גרויסע לערערס זיינע, פון אחד העם און פון י. ל. פּרץ, איז שוין געווען פון אַן אומדירעקטן כאַראַקטער. פּאַזי איז גלייכצייטיק געווען פאַרליבט אין ביידע גרויסע קעגנגעזעצטע יידישע דענקערס און שרייבערס. פון אחד העמען האָט ער געלערנט דעם קריטישן אַנאַליז פון היסטאָרישע פּראָבלעמען, דעם קלאָרן אינטעלעקטואַלן סטיל, וואָס מאַכן מעגלעך אַן מליצות נאָר פּשוט און לאָגיש, צו דערקלערן אַלץ אויף אַ פאַרשטענדלעכן, שיינעם אופן.

אחד העם האָט דאַן געלעבט אין לאָנדאָן, און פּאַזי האָט ממש געשלונגען יעדע שורה וואָס דער טיפער דענקער האָט געשריבן. און פון פּרצן האָט ער געלערנט ליב צו האָבן ביידע יידישע שפּראַכן, טייער צו האַלטן אונדזערע אַלטע יידישע אוצרות און דורך ארץ פאַרן פאָלקלאָר, פאָלקס־מעשיות און יידישע טראַדיציעס. י. ל. פּרץ, מיט זיין אומרואיקן, שטענדיק זוכנדיקן גייסט צו שאַפן, צו וועקן און צו געפינען נייע וועגן פון קינסטלערישן אויס־

עמיינדע ביים סאַמע שפּיץ פון ברוקלין, וואָס גרענעצט זיך פון דריי זייטן מיטן ים. אין 30 מינוט האָט מען געקענט אַרומשפּאַצירן אַרום און אַרום גאַנץ סי־געיט. אין דער וואָכן פלעגט דער טאַטע אַרבעטן שווער. ער פלעגט אַוועק צו דער אַרבעט ... ביינאַכט.

שרייבט: די היסטאָריש־פילאָסאָפ... די לאַנגע

דער פּובליציסטישער אַרטיקל, און ...

מעשהלע, די קינסטלערישע דערציילונג אָדער דראַמע.

פּאַזיאיז געבענטשט מיט אַ גראַדן שכל, מיט דער פעאיקייט צו קאָנען לאָגיש און קלאָר דערקלערן אַ פאַרפּלאָנטערטן ענין, צו קאָנען שרייבן פּשוט און קלאָר אויף היסטאָרישע טעמעס און צו קאָנען דער־ציעריש, דורך זיין באַשיידנקייט און זאַכלעכקייט, ווירקן אויף דערוואַקסענע פּונקט ווי אויף קינדער. דאָס מאַכט אים פאַר אַן אידעאַלן לערער און לעקטאָר. און זיין נייגונג צו מיסטיציזם, די ליבשאַפט צו פּאָעזיע און סימבאָלישע מעשהלעך, וואָס ער האָט געלערנט פון פּרצן, האָבן אים געשטויסן אַליין צו שאַפן און שרייבן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר פּאַזין איז טאַקע ווי ער איז געוואָרן אַ שרייבער. ער האָט דאַן געוווינט אין לאָנדאָן, וווהין ער איז געהאַט געקומען ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין יענער צייט, אין 1915, איז, ווי באַקאַנט, אין וואַרשע געשטאָרבן י. ל. פּרץ. אַט די נייעס האָט דעם יונגן פאַר־ערער פּרצעס שטאַרק געטראָפן. אינס־טינקטיוו האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און גלייך אָנגעשריבן אַ מאמר וועגן פּרצן און דאָס נאָך דעם אַוועקגעשיקט צו דער לאָנדאָנער טעגלעכער יידישער צייטונג „דער יידישער עקספּרעס“. ס'האָט לאַנג ניט גענומען און פּאַזי איז געוואָרן אַ שטענ־דיקער מיטאַרבעטער פון דער צייטונג.

אַזוי איז ער דאַן אין צוגאָב צו זיין לערערישער קאַריערע אויך אַרויף אויפן שווערן וועג פון אַ יידישן שרייבער. און ווען ער איז אין 1920 געקומען קיין אַמע־ריקע האָט ער שוין מיט שטאָלץ געמעגט קוקן אויף זיין רעפּוטאַציע ווי אַ דערפאָלג־רייכער לערער און שרייבער. ערשט דאָ האָט זיך זיין טאַלאַנט רעכט צעבליט. ווי אַ פלייסיקער, שעפערישער מענטש האָט

ליטעראַטור און שרייבן אין קאַליפאָ...

ניער „אינסטיטוט פאַר די קונסטן“ א...

אין „פעמיניסט סטודיאָ וואָירקשאָפּ...

אין דער „געביידע פון דער פרוי“ א...

לאָס אַנדזשעלעס. איר שרייבן א...

ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן און היי...

טיקס יאָר וועט דערשיינען איר...

ראָמאַן.

טיזירן די זעלבע מעשהלעך. איידער וואָס־ווען האָט ער אין יענער צייט אָנגעשריבן אַ גרעסערע צאָל דערציילונגען און איינ־אַקטערס, וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס פאַרנעם אין די גרעסערע יידישע שולן דאָ אין לאַנד, אין פוילן און אין אַנדערע לענדער.

שפּעטער האָט ער זיינע דערציילונגען אויך אַרויסגעגעבן אין ענגליש. נאָך היינט זיינען זיי אַ וווּנדערלעכער מאַטעריאַל פאַר קינדער און דערוואַקסענע: „דער בינ־שטאָק", „דער אויפשטאַנד", „יוֹאש", „שרה בת טובים", און נאָך און נאָך איינ־אַקטערס, און אַוודאי די גרויסע דראַמאַ־טישע פּאָעמע „יוסף" אין פיר אַקטן, וואָס איז שוין געמיינט אויך פאַר דערוואַקסענע. אָט די דראַמאַטישע פּאָעמע שטעלט מיט זיך פאַר אַ גרויס קינסטלערישן פאַר־מעסט, לויטן נוסח און דער טראַדיציע פון אונדזערע גרויסע שרייבערס. נאָר ווען מען זעט די דאַטע און דאָס אָרט, ווו פּאַזי האָט דאָס ווערק געשאַפן, פאַרשטייט מען גלייך פאַרוואָס די פּאָעמע האָט קינסטלע־ריש ניט געקאָנט דערגרייכן יענע הייכן אויף וועלכע דער דיכטער האָט זיך פאַר־מאָסטן. געשריבן האָט ער דאָס צווישן מילוואָקי און שיקאַגע אין די יאָרן 1927 און 1928, ווו ס'האָט מסתמא געפעלט די נייטיקע גייסטיקע סביבה און גענוג צייט צו חלומען, צו טראַכטן און צו גע־שטאַלטן אַ גרויס ווערק, ווי עס האָט גע־דאַרפט זיין. אַזאַ קינסטלערישער פאַרמעסט נייטיקט זיך אין גאָר אַ סך פרייע צייט.

ווען טאָמאַס מאַן האָט אין 1933 אַרויס־געגעבן דעם ערשטן באַנד פון זיין גרויסע נאָוועלע „יוסף און זיינע ברידער" האָט ער דאָס געהאַט אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין 1926. און דער לעצטער באַנד, דער 4טער, איז פאַרטיק געוואָרן ערשט אין 1942. און איידער פרץ האָט פּראָדוקט זיין דראַמאַטישע פּאָעמע „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" האָט ער דאָס איבערגעשריבן און איבערגעאַרבעט, דאַכט זיך, זעקס מאָל. און דאָ האָט פּאַזי געוואָלט איינס און צוויי פאַרטיק ווערן מיט אַזאַ קינסט־לערישער שאַפונג, הגם געדרוקט האָט ער דאָס אין 1939 אין ניו־יאָרק. פון דעסט־וועגן האָט ער מיט אָט דער פּאָעמע באַ־וויזן, אַז ער פאַרשטייט און באַהערשט די גרונט־פּרינציפּן פון דער דראַמע און אַז ער פאַרמאָגט טאַלאַנט, טעמפּעראַמענט און פייער פאַר דער פּאָעטישער יצירה.

די טעמע יוסף און זיינע ברידער איז אַן אייביקע טעמע אין דער ליטעראַטור, און פאַר אַ קינסטלער איז שטענדיק כדאי זיך צו פאַרמעסטן און אויסצופּרוּוון זיין טאַלאַנט אויף אַזאַ רייכע און רייצנדע טעמע. אריה פּאַזי האָט מיט זיין „יוסף" באַוויזן, אַז טראָץ אַלע חסרונות איז דאָס פּאַרט אַן אייגנאַרטיקער אויפטו. מען ווערט מיטגעריסן פון דער שטאַרק דראַ־מאַטישער האַנדלונג, פון דעם פּאָעטיש לירישן דיאַלאָג און פון דעם יוגנטלעכן פייער, וואָס טראָגט זיך פון דער אַלט־ביבלישער שפּיל.

פּאַזי האָט אין משך פון די יאָרן ניט נאָר געשריבן נאָר אויך רעדאַקטירט וועכנטלעכע בלעטער און מאָנאַטלעכע זשורנאַלן אין מילוואָקי, אין שיקאַגאָ, אין ניו־יאָרק און איצט דאָ אין לאָס אַנדזשע־לעס. אונטער זיין רעדאַקציע איז דער „חשבון" געוואָרן אַ וויכטיקע צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע ענינים מיט אַ גוטן נאָמען אומעטום ווו יידיש ווערט הויך געשאַצט. ווינטשן מיר אונדזער רעדאַקטאָר, דעם ליבן חבר און פריינט אריה פּאַזי, נאָך פיל געזונטע און שעפערישע יאָרן.

ענוג צייט און געדולד נאָכצוטראַכטן, אָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן דעם ווערט ון מענטש און לעבן, און אָנגעשריבן דעם ספר קהלת, אַז אַלץ איז הבל הבלים. ווי אַן איך אין מיין עלטער וואָגן איבערצו־ליגלען אַזאַ וועלט־חכם ווי שלמה המלך? דאָס איז טאַקע קלוג געענטפערט, נאָר ןשקשה, מיט אַזאַ אויך־מיר פעסימיזם

פּראַקטישע מלאכה, און איז אין צוגאָב אויך געוואָרן אַ דרוקער. אויף אַזאַ אופ איז ער פאַרבליבן אַ זעלבסטשטענדיקע מענטש. איצט האָט ער שוין מער ני געדאַרפט זיין אָפּהענגיק פון קהלישע קאַ פריזן. ער איז געבליבן אַ פרייער או געזעלשאַפ

פאַרוואַלטונג „חשבון"

מענטש צ

דינה מעטצגער

# אריה פאַזי: מיין טאַטע

וואָס זאָגט די טאָכטער וועגן טאַטן? כדי זי זאָל קענען ענטפערן ווי געהעריק אויף אָט־דער פראַגע, וועט די טאָכטער מוזן כאַפּן אַ בליק אויף צוריק, אויף איר ביז־איצטיקן לעבנס־גאַנג, און אויסזוכן דאָרט די מאָמענטן, וואָס זיינען דויערנדיק; די מאָמענטן, וואָס זיינען געגליכן צו קוילן; קוילן, וואָס טליען נאָך ביז היינט און וואַרעמען איר לעבן; קוילן, וואָס זיינען אַזוי ענלעך אויף יענע קוילן, וואָס מיין טאַטע אַליין האָט אַ כאַפּ געטאָן ווען ער איז געווען אַ קליין קינד — נאָך קיין דריי יאָר ניט אַלט — אַ כאַפּ געטאָן אין הענטעלע, ווייל זיי זיינען געווען אַזוי שיין, און צוגעדריקט צו דער ברוסט, איבערלאָזנדיק דאָרט אַ שראַם, וואָס אין מיינע אויגן — ווען איך בין געווען אַ קליינינקע — האָט אָט־דער שראַם אויסגעזען ווי אַ פראַכטיקער זון־פאַרגאַנג. אַ מאָמענט אין מיין טאַטנס לעבן, וואָס איז אַריין אין מיין לעבן און איז דאָרט פאַרבליבן.

איצט, אין דער צייט פון אויסזאָגן אַלע סודות, ווערט שוין אויך אַנטפּלעקט דער סוד, אַז אָט־דער מענטש, וואָס איר קענט אים דורך זיין שרייבן, איז ביי זיך אין שטוב געווען און פאַרבליבן פּונקט דער זעלבער, ווי בעת ער דערשיינט אין דער עפנטלעכקייט: אַן אידעלער, שטילער, קלוגער מענטש, אַ מענטש פול מיט ליבשאַפט, און מיט זאָרג פאַרן מיטמענטשן.

וועל איך בלאָזן אויף די קוילן. זאָלן פון זיי אַרויסטאַנצן ציטערנדיקע פלעמלעך, זאָלן זיך די פלעמלעך צוזאַמענפלעכטן און שאַפן אַ פּאָרטרעט.

פון זינט איך בין אַלט געווען פינף יאָר האָבן מיר געוווינט אין סי־געיט, אַ קליינע געמיינדע ביים סאַמע שפּיץ פון ברוקלין, וואָס גרענעצט זיך פון דריי זייטן מיטן ים. אין 30 מינוט האָט מען געקענט אַרומשפּאַצירן אַרום און אַרום גאַנץ סי־געיט. אין דער וואָכן פלעגט דער טאַטע אַרבעטן שווער. ער פלעגט אַוועק צו דער אַרבעט גאַנץ פרי און אַהיימקומען שפּעט ביינאַכט. ער האָט מקבל באהבה געווען די לאַנגע נסיעות מיט דער אויבער־באַן און מיטן אויטאָבוס קיין מאַנהעטן און צוריק, כדי מיר זאָלן קענען געניסן פון ים, פון זון, און פון אַ גאָרטן, און כדי איך זאָל קענען אויסוואַקסן אין אַ שטילן, רואיקן פּלאַץ. שרייבן האָט ער צייט געהאַט בלויז אין די סוף־וואָכן און איך געדענק, ווי ער פלעגט זיצן אין די שבתים און זונטיקס ביי אַ נידעריקן, הילצערנעם שרייב־טיש. דער טיש איז געווען צוגעדעקט מיט אַ דיקן גלעזערנעם צודעק, וואָס האָט באַשיצט אַלע פאָטאָגראַפיעס פון מיר, פון מיין מאַמען און פון זיין משפחה אין אייראָפּע. די יאָרן זיינען געגאַנגען און די פאָטאָגראַפיעס האָבן זיך כסדר פאַרמערט, האָבן זיך צוזאַמענגערוקט נעענטער איינע צו דער אַנדערער; און איצט קאָנקורירן די פאָטאָגראַפיעס פון דער יונגער דינה מיט די פאָטאָגראַפיעס פון אירע זין, מאַרק און גרעג. אַ געשיכטע פון דער משפחה האָט דאַן גערוט אונטערן גלאָז, האָט זיך שטענדיק געפונען מיט אים, אונטער זיין שרייבן. איך טראַכט, אַז בעת ער שרייבט, האָט ער שטענדיק אין זינען זיינע באָענטע; ער טראַכט נאָך: וואָס קען ער אונדז זאָגן אַזעלכס, וואָס זאָל אונדז געבן נאַרונג? וואָס קען ער אונדז זאָגן אַזעלכס, וואָס זאָל אונדז געבן מוט?

נאַרונג אין ווערטער און אין אימאַזשן. פרילינג־צייט פלעגט דער טאַטע זיצן און שרייבן אונטער דעם ריזיקן קאַרשן־בוים, וואָס איז געווען באַדעקט מיט ווייסע בליטן. דער טאַטע האָט ליב צו זאָגן: „איך בין דער ערשטער מענטש פון

---

דינה מעטצגער איז אַ פּאָעט, אַ ראָמאַנען־שרייבער, און אַ פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור און שרייבן אין קאַליפאָרניער „אינסטיטוט פאַר די קונסטן" און אין „פעמיניסט סטודיאָ וואָירקשאַפּ" אין דער „געביידע פון דער פרוי" אין לאָס אַנדזשעלעס. איר שרייבן איז ברייט פאַרשפּרייט געוואָרן און היינטיקס יאָר וועט דערשיינען אירס אַ ראָמאַן.

פרילינג", ווייל זיין געבוירנטאָג פאַלט אויס דעם 21טן מערץ. ער איז אַ מענטש פון דער נאַטור, פון די צייטן פון יאָר. ער איז געקומען קיין אַמעריקע דעם 21טן יוני, אין דעם ערשטן טאָג פון זומער. אינעם ערשטן טאָג פון ווינטער, דעם 21טן דעצעמבער, האָבן זיינע פריינד באַשלאָסן אים אָפּגעבן כבוד צו זיין 80סטן יאָר, ניט ווויסנדיק דעם באַזונדערן באַדייט פון אָט־דעם טאָג: ס'איז דעמאָלט אויך געווען זיין 45טער חתונה־יובל.

דער קאַרשן־בוים איז פאַר מיר פאַרבליבן אַן אייביקער סימבאָל פון אַבסאָלוטער שיינקייט. קיין איינער פון אונדז האָט קיין מאָל ניט אויסגעזאָגט, אַז די פרוכט פון אָט־דעם בוים איז געווען זויער — אַ שרעק; ווייל דאָס וואָלט דאָך געווען אַ באַליידיקונג פאַר די ווייסע בליטן. חוץ לזה פלעגן די פייגל אַראָפּכאַפּן האַלב פונעם גערעטעניש און פון דעם וואָס איז געבליבן פלעגן טאַטע־מאַמע מאַכן נאַליווקע.

אַריה פאָזי שטאַמט פון אַ קליינעם דאָרף אין רוסלאַנד, און די ערד איז געווען זיין ערשטער לערער. ער האָט אַלע מאָל אנערקענט דעם כוח פון אָט־דעם צוזאַמענבונד. ער איז אַ מענטש פון דער ערד; אַן אינטעלעקטואַל, וואָס איז אויך אַן ערד־אַרבעטער. איך געדענק, ווי ער פלעגט אַריינקומען אין שטוב מיט פולע הענט מיט טאָמאַטן, ווייַנטרויבן אָדער עפּל, און זיינע אויגן זיינען פול געווען מיט טרערן **פון פרייד.**

ווי אַלע אונדזערע שכנים, האָבן מיר אין דער צייט פון דער מלחמה געהאַט אַ „נצחון־גאָרטן". איך האָב דאָרט געהאַט מיין אייגענעם ווינקל, וו כ'האָב זיך פאַרנומען מיט בעבלעך און טאָמאַטן. נאָר אַמבעסטן געדענק איך דעם גאָרטן פון טאַטן. נאָך דער מלחמה האָבן מיר געהאַט אַ „שלום־גאָרטן", וו די מאַמע האָט פאַרפלאַנצט בלומען און דער טאַטע האָט פאַרזעצט גרינסן און פרוכט.

אין איינעם אַ פרילינג האָבן מיר אונטערגעצונדן אַ שכנותדיקן ליידיקן פלאַץ, כדי אָפּצורייניקן פון דאָרט דאָס ווילדגראָז, און די פלאַמען האָבן זיך דורכגעטראָגן ווי מעכטיקע פליגל. דאַן האָבן מיר פאַרפלאַנצט יאַגעדעס און נאָך ווייַנטרויבן. פאַראַיאָרן פרילינג האָב איך דערפילט אַ הונגער נאָך ערד אין מיין גאַנצן גוף. כ'האָב אויפגעגראָבן אונדזער לאָנקע און פאַרפלאַנצט פרוכט־ביימער, וויפל כ'האָב נאָר געקענט. „זיי זיינען צו נאָענט איינע צו די אַנדערע", האָט דער טאַטע געזאָגט. נאָר דאָס האָט מיך ניט געאַרט. איך ווייס אַז ווען זיי וועלן אויסוואַקסן הויך, וועל איך קענען אַרויסנעמען דעם אָדער יענעם בוים, אויב ס'וועט זיין נייטיק צו געבן פלאַץ די איבעריקע וואָרצלען און צוויגן זיך אויסצושפּרייטן. נאָר איצטער האָב איך פאַרפלאַנצט די ביימער לכבוד מיין טאַטן, ווייל איינע פון די וויכטיקסטע לעקציעס, וואָס איך האָב פון אים געלערנט, איז — דער טיפער באַדייט פון פרוכט און פרוכטבאַרקייט; און איך האָב געוואָלט פלאַנצן אַזוי פיל ביימער וויפל כ'האָב נאָר געקענט — פאַר אים. וואָלט איך געהאַט גענוג באָדן, וואָלט איך פאַרפלאַנצט אַ וואַלד.

ווי מאָדנע עס איז, וואָס די ערשטע זכרונות פון דער קינדהייט פאַלן זיך ניט שטענדיק צוזאַמען דווקא מיט דראַמאַטישע מאָמענטן. איך בין גיכער גענייגט צו געדענקען שטילע אָוונטן איידער גרויסע געשעענישן. ווי אַ מאַמע ווייס איך איצט, אַז די רגעס, וואָס פאַלן ווי לייטזעליקע שאָטנס איבער מיין זונס זכרון, זיינען ניט די זעלבע געשעענישן וואָס איך געדענק. און ס'קען גאָר זיין, אַז דווקא אַ צופעליקער קוש אין מיטן דער נאַכט, סתם אַזוי, זאָל פאַרבלייבן אויף שטענדיק ביי מיין זון, ווי אַ דערינערונג פון מיין מאַמעשער ליבשאַפט. אַזוי ווייס איך אויך ניט פאַרוואָס איך געדענק מיין טאַטן דווקא אין איינער אַ ווינטערדיקער נאַכט, ווי ער זיצט און לייענט, אויף דער שטול וואָס ער פלעגט שטענדיק זיצן אויף איר: אַ שטול באַצויגן מיט אַן אַפריקאַנער גאָבעלען שטאָף. אין מיינע אויגן איז דאָס געווען גאָר אַן עלעגאַנטע שטול, פאָלירט גאָלד. ביי מיר איז קיין מאָל ניט געווען דער מינדסטער ספק, אַז עס קומט אים אַזאַ שטול. וואָס ער האָט געלייענט? דאָס ווייס איך ניט. ער פלעגט שטענדיק לייענען אָדער שרייבן, אַרבעטן אין גאָרטן אָדער ריידן מיט מיר. ער איז אַלע מאָל געווען ערנסט, פאַרטיפט, **נאָר זיין פנים פלעגט זיך גרינג צעשמייכלען.** ער איז

געווען אַ פאַנאַטיש־ערנסטער מענטש, וואָס לאָזט אָבער אויך צו צו זיך פרייד.

ניט קיין וווּנדער וואָס איך אַליין בין געוואָרן אַ שרייבערין. אַזוי האָט עס טאַקע געדאַפט זיין. צווישן די גאָר ערשטע זאַכן וואָס איך האָב קליינערהייט אויפגעכאַפּט, איז געווען דאָס באַוווּסטזיין, אַז שפּראַך — גערעדטע, געלייענטע אָדער געשריבענע — איז גאָר, גאָר אַ וויכטיקער ענין. מיין טאַטע שמועסט קיין מאָל ניט גלאַט לשם שמועסן. ער ווייסט פשוט ניט, ווי אַזוי צו פירן אַ שמועס וועגן קלייניקייטן. עס דרינגט אַרויס פון זיין גאַנצער פּערזענלעכקייט, אַז ווערטער זיינען וויכטיק, אַז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק ביים באַנוצן זיך מיט זיי; אַז עס ליגט אין זיי כוח. איך האָב אים קיין מאָל ניט געשטערט בעת ער האָט געשריבן, ווייל איך האָב אַלע מאָל געזען, ווי ווייניק צייט ער האָט געהאַט פאַר זיין אייגענער אַרבעט; און יעדע מינוט וואָס ער האָט געקענט אָפּגעבן די ווייסע בלעטלעך, וואָס ער האָט אויסגעפילט מיט זיין אָפּגעהיטענעם, פּערלדיקן כתב — אַזאַ מינוט איז אונדז אַלעמען געווען טייער, ניט אָפּצושאַצן.

וואָס נאָך געדענק איך? לאַנגע, לאַנגע, באַטעמטע שמועסן ביים אָוונטדיקן מאָלצייט, באַטראַכטונגען, פילאָסאָפישע עקסקורסיעס. ער איז קיין מאָל ניט געווען אומגעדולדיק. אַדרבא — ער האָט אפילו שטאַרק חשק געהאַט צו ריידן מיט מיר. ער איז שטענדיק געווען גרייט מיך צו נעמען ערנסט און האָט זיך אַלע מאָל באַצויגן צו מיר מיט דרך־ארץ און מיט דערוואַרטונג. ערשט איצט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט מיך באַהאַנדלט פּונקט אַזוי ווי ער וואָלט באַהאַנדלט אַ זון. ער איז בישט און איז קיין מאָל נישט געווען קיין „מאַנצבילשער שאָוויניסט". פאַרקערט — ער האָט דערמוטיקט מיין כוח־הדמיון, מיין אינטעלעקט און אפילו (כאָטש כ'האָב מורא, אַז היינט פאַרשאַפט עס אים זאָרג) מיין בונטאַרישקייט.

דעריבער קען איך איצט מיט אים מיטפילן, ווען מיין אייגענער זון, זיין פופצןיאָריקער אייניקל, פירט אַ פּרינציפּיעלן קאַמף אין זיין שול צוליב אַ באַגראָזט שטיקל ערד, וואָס ער האָט חשק עס צו „באַפרייען", כדי צו עסן דאָרט זיין בייטאָגיקן מאָלצייט רויִק, פּריוואַט, און אין זונען־שיין. די שול־אויטאָריטעטן טענהן, אַז זיי קענען ניט אויפפּאַסן אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, נאָר מאַרק שטעלט זיך קעגן זיי. ער האַלט זיך אייזן־פעסט ביי זיין איבערצייגונג, אַז דיסציפּלין קען ניט קאָנקורירן מיט די מענטשלעכע ווערטן, וואָס זיינען פאַרקערפּערט אין דעם דאָזיקן קליינעם שטיקעלע באָדן. מאַרק האָט אָנגעשריבן שיינע עטלעכע מאַניפעסטן וועגן ערד און וועגן סטודענטן־רעכט. נו, מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ שטיץ איך מיין זון און אויב איך דאַגה זיך אַמאָל, אַז איך האָב אפשר צופיל באַאיינפלוסט אָט־דעם יונגן מאַן,ליג איך אַרויף אַ טייל פון דער שולד אויף זיין זיידן. איך קוועטש מיט די פּלייצעס און טראַכט: „אַריה פּאָזי האָט דאָך דאָס אַלץ אָנגעהויבן."

קעמפן פאַר לאַנד און שרייבן מאַניפעסטן — דאָס זיינען צוויי מלאכות, וואָס זיינען מיין טאַטן ניט פרעמד. אין רוסלאַנד (איידער ער איז פון דאָרט אַנטלאָפן, ווייל ער האָט ניט געוואָלט דינען אין דער צאַרישער אַרמיי — מיט שטאָלץ דערציילט איך מיינע זין, אַז זיי וועלן זיין דער דריטער דור פּאַציפיסטן) האָט זיין מאַמע אַ מאָל זיך געדאַרפט אַריינלייגן אין בעט, קרעכצן און מאַכן דעם אָנשטעל אַז זי איז קראַנק, כדי צו באַהאַלטן אונטערן ליילעך איר יונגן זונס פּאַפּירן, בשעת סאָלדאַטן האָבן דורכגעפירט אין שטוב אַ רעוויזיע. אַזוי האָט זיך עס ביי אים אָנגעהויבן. שפּעטער איז דער קאַמף פאַר זיין אייגן לאַנד (וואָס ער האָט געזען בלויז איין מאָל, מיט עטלעכע יאָר צוריק), דער קאַמף פאַר ישראל, געוואָרן אַ קאַמף וואָס האָט אויסגעפילט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן. איר אַלע, וואָס לייענט איצט די ווערטער, ווייסט וואָס פאַר אַ קאַמף דאָס איז געווען, ווייל איר האָט זיך אַלע אין דעם דאָזיקן קאַמף מיטבאַטייליקט. דאָס איז מערסטנטיילס געווען אַ מלחמה אָן ביקסן; אַ מלחמה פאַר ביימער. צי איז דען אַמאָל געווען אַ וויכטיקע געלעגנהייט ביי אונדז אין שטוב, וואָס איז ניט פאַרצייכנט געוואָרן דורך אַריינוואַרפן עפּעס אין דער פּושקע אָדער דורך קויפן אַ בוים אין ישראל? אָדער דער טאַטע, אָדער די

מאַמע פלעגט שטענדיק אַ זאָג טאָן: „חי!" און מיר פלעגן אַרײַנוואַרפן 18 סענט אָדער 18 דאָלער, אָדער וויפל מיר האָבן געהאַט, אין דער בלויער פושקע פון קרן קיימת.

דער טאַטע פלעגט מיר אַלע מאָל דערציילן מעשהלעך. ניט קוקנדיק דערויף וואָס זיין אייגן שרייבן איז קאָמפּליצירט און וואָגיק, זיינען די מעשהלעך וואָס ער האָט מיר דערציילט, געווען לייכטע, קאָמישע געשיכטעלעך וועגן די מאָדנע אַוואַנטורעס פון רחלע און משהלע קאַפּויר. די מעשה וואָס איז מיר אַמבעסטן געפעלן, איז געווען וועגן די שניי־קוילן (הידראַנגיע־בלומען) וואָס רחלע האָט אָנגעריסן און אַרײַנגעשטעלט אין אַ וואַזע, כדי צו באַפּוצן די שטוב אין ווינטער. יעדעס מאָל וואָס די בלומען זיינען זיך צעגאַנגען, האָב איך אָנגעקוואָלן. דאָס זיינען געווען זייער שיינע מעשהלעך, וואָס דורך זיי האָט ער געוואָלט אַרויסרופן ביי מיר געלעכטער, אפילו אין ציטן ווען ער אַליין האָט נישט געקענט זיך דערלויבן דעם לוקסוס פון געלעכטער: די מלחמה אין אייראָפּע, די אומגעקומענע יידן (די אומגעקומענע פון זיין משפחה האָבן געלעבט מיט אונדז) און דאָך האָט ער אַלע מאָל איבערגעלאָזט פּלאַץ פאַר מיין געלעכטער.

איין מאָל, ווען איך בין געווען קראַנק, האָט די מאַמע אים געבעטן, ער זאָל מיר קויפן אַ ליאַלקע. „אַ ליאַלקע?" האָט ער אויסגערופן מיט גרויס צאָרן. „מיין דינה וועט זיך ניט שפּילן מיט קיין ליאַלקעס!" ער איז געווען היפּשלעך אויפגעקלערט וואָס שייך פעמיניסטישע ענינים נאָך לאַנג איידער ס'איז אויפגעקומען די היינטיקע, צווייטע פרויען־באַוועגונג. אין יענע יאָרן פלעגט ער באַשטיין, אַז ער וועט מיר קויפן בלויז אַזעלכע דערציערישע שפּילערייען ווי קליינינקע באַנען, כעמישע מאַטעריאַלן אָדער בוי־מאַטעריאַלן. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט מיר געקויפט אַ ליאַלקע און דווקא די גרעסטע ליאַלקע וואָס ער האָט נאָר געקענט געפינען. די ליאַלקע איז געווען אַ סך גרעסער ווי מיין דריי־יאָריקער גוף און איך האָב זי געדאַרפט אָנהאַלטן פאַר אַ הענטל און נאָכשלעפּן נאָך זיך. היינטיקע ציטן זע איך ניט, אַז דער טאַטע זאָל זיך פילן אומבאַקוועם צוליב מיין מיליטאַנטן פעמיניזם. און ווען איך זאָג אים, אַז איך בין פאַראינטערעסירט אין איבערשרייבן פון דאָס ניי די אַלטע געשיכטעס, איבערדערציילן אויף אַ נייעם אופן די געשיכטעס פון חוהן, פון שרהן, פון רחלען; אַז איך באַטראַכט חוהן ווי די ערשטע און די וויכטיקסטע רעוואָלוציאָנערע פיגור — גיט ער אַ קוועטש מיט דער פּלייצע און שמייכלט.

קינדער האָבן אַ מיאוסע טבע צו ווערן קראַנק פונקט אין דער צייט פון אַ יום־טוב. און אַז איך האָב געמאָזלט אין דער צייט פון דער קריסטלעכער פאַסכע, האָט ער מיר געבראַכט אַ געל, פאַסכעדיק העזעלע („איסטער באָני" בלע"ז). אפילו דעמאָלט, דוכט מיר, בין איך געווען איבערראַשט און גערירט דערפון וואָס ער האָט מיר געבראַכט דאָס דאָזיקע „קריסטלעכע" שפּילעכל, פשוט דערפאַר ווייל ער האָט געוווסט, אַז ס'וועט מיר געפעלן. שפּעטער, ווען איך בין געווען אַ סטודענט און כ'האָב זיך באַקענט מיט דעם פאַסכע־העזעלע אין אַ ניי ליכט, ווי אַן אוראַלטער, פרע־קריסטלעכער סימבאָל פון פרוכטבאַרקייט, דער ברענגער פון דעם וועלט־איי, האָב איך פאַרשטאַנען דעם טאַטנס האַנדלונג.

מיינע עלטערן זיינען געווען ברייטהאַרציקע מענטשן און זיי האָבן מיר שטענדיק געגעבן מתנות, וואָס האָבן פאַר מיר געהאַט אַ גרויסן באַדייט, ניט בלויז צוליב דער פיזישער מתנה גופא. די מתנה וואָס האָט ביי מיר אויסגענומען מער ווי אַלע, איז, דוכט מיר, געווען אַ פּיטשינקע צירונג־קעסטעלע, באַדעקט מיט זילבערנע און טיף־בלויע שפּיגעלעך און אָנגעפילט מיט „וואַלענטיין"־צוקערקעס. יאָרן נאָכאַנאַנד פלעגט מיר דער טאַטע שיקן קאַרטלעך מיט אַן אויפשריפט: „צו מיין וועלענטיין" פון „דיין געהיימען ליבהאָבער". און דעם סוד האָט ער קיין מאָל ניט אַנטפּלעקט.

כאָטש ער איז שטאַרק פאַרקלעמט צוליבן מצב פון דער וועלט, איז אריה פאָזי נישט קיין ציניקער. ער גלייבט נאָך אַלץ, אַז דער מענטש קען דערגרייכן צו שלימות. און איך האָב מורא, אַז איך האָב זיך אָנגעשטעקט פון אים מיט אָט־דעם איינשטעל, כאָטש אַמאָל טראַכט איך, אַז דער

דאָזיקער אָפּטימיזם איז גאָר אַ מין אַנשיקעניש און עס באַפאַלט מיר אַ חשק צו זאָגן דער גאַנצער וועלט: „פאַרדריי זיך דיין קאָפּ!“ ס'איז אָבער נישט מעגלעך. מיין טאַטע האָט זיך געראַנגלט פאַר אַן אָנשטענדיקער וועלט און אויך איך ראַנגל זיך. אַזוי איז עס, און ס'קען אַנדערש ניט זיין. ס'קען זיין און ס'איז טאַקע אַן אמת, אַז מיר האָבן נישט די זעלבע פּאָליטישע מיינונגען; נאָר זיי פליסן אַרויס פונעם זעלבן קוואַל.

ווי אַ פולשטענדיק קאָנסעקווענטער מענטש, האָט מיין טאַטע מיר ניט בלויז געגעבן אַ וועלט־בליק, נאָר ער האָט שטענדיק אונטערשטיצט מיינע ראַנגלענישן צו פאַרווירקלעכן מיין וועלט־בליק אין לעבן. ציטנוויין איז אים געווען שווער זיך צו סאָלידאַריזירן מיט מיר. ער פלעגט פרוון רייַדן מיט אַ האַלבן מויל, מיך פרעגן: „דו מוזט זיך טאַקע באַטייליקן אין אָט־דעם קאַמף?“ אָבער נישט ער און נישט די מאַמע האָבן מיך נישט געלאָזט אַליין, ווען איך פלעג זאָגן: „דאָס מוז געטאָן ווערן.“

אויף וויפל איך געדענק, איז מיין ערשטע פּאָליטישע רעדע געווען לטובת העברי וואַלאַסן. איך ווייס ניט פאַר וועמען מיינע עלטערן האָבן אין יענעם יאָר געשטימט. נאָר איך בין געווען פאַר וואַלאַסן בלב ונפש. אַזוי ווי איך בין געקומען פון אַ ליבעראַלער יידישער געגנט, האָב איך געמיינט, אַז די איינוווינער פון מיין געגנט וועלן אַוודאי איינשטימען מיט מיינע מיינונגען. כ'בין דערפאַר געווען היפּשלעך שאָקירט, ווען איך האָב געזען, אַז איך בין כמעט די איינציקע אין מיין גאַנצער שול, וואָס פירט אָן פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ דריטער פאַרטיי. צום גליק האָט די אַטמאָספער ביי אונדז אין שטוב מיך באַזאָרגט ניט נאָר מיט געפיל, נאָר אויך מיט אינפאָרמאַציע; און הערפאַר האָב איך געטראַכט, אַז איך בין גוט אינפאָרמירט און האָב אַ ריכטיקע שטעלונג וועגן דעם ענין, נישט קוקנדיק דערויף וואָס איך בין איינזאַם צווישן מיינע מיט־תלמידים. חוץ דעם האָט דער טאַטע מיך שוין געהאַט געלערנט, אַז זיין אַליין איז אַן אומפאַרמיידלעכער מאָמענט אין מענטשלעכן לעבן.

שטילקייט. איך האָב אַלע מאָל ליב

געהאַט שטילקייט. איך האַלט־אָן אינטימנאָענטע באַציונגען מיט אַ סך מענטשן און איך האָב אויך אַ טיפע באַדערפעניש פאַר שטילקייט און פאַר זיין אַליין. אונדזער שטוב איז קיין מאָל ניט געווען פול מיט ניט־אויפריכטיקע שמועסן , מיט סתם רייד, אָדער מיט טומל אין הינטערגרונט, כאָטש די שטוב איז אָפט געווען פול מיט מענטשן. מיינע עלטערן האָבן ליב צוצושטעלן נאָך אַ טעלער אָדער צוויי ביים אָונטדיקן מאָלצייט. די מאַמע האָט בעסער ליב קאָכן פאַר צען מענטשן איידער פאַר צוויי. מ'האָט מיך געלערנט אַז האָבן אַן אורח אויף שבת איז אַ מצוה, און מ'האָט מיך שטענדיק דערמוטיקט צו ברענגען אַהיים פריינד. כאָטש מיר האָבן אין ניו־יאָרק נישט געהאַט קיין משפּחה, פלעגן מיר דאָרט שטענדיק האָבן צוואַנציק געסט צום סדר. נאָר אַז מיר האָבן געהאַט געסט, זיינען דאָס געווען מענטשן וואָס די עלטערן האָבן פון זיי הנאה געהאַט און זיי רעספּעקטירט. אַז עס זיינען ניט געווען קיין געסט, און מיר זיינען ניט געווען פאַרנומען מיט ערנסטע שמועסן, איז געווען שטיל; אַזוי שטיל, אַז יעדער האָט געקענט זיין פאַרנומען מיט זיינע אייגענע געדאַנקען. די דאָזיקע שטילקייט האָט גענערט דעם שרייבער אין מיר.

איך האָב זיך געלערנט אידעאַליזם אויפן בעסט־מעגלעכן אופן — דורך צוקוקן זיך צו דער אויפפירונג פון מיינע עלטערן. זעט אויס, אַז מיין טאַטע האָט, אָן שום באַזונדערער אָנשטרענגונג, געלעבט אַ מוסטער־לעבן, וואָס שייך באַציונגען צווישן מענטש און מענטש. ער איז ניט קיין דאָגמאַטיקער, נאָר אין די קלייניקייטן פון דער טאָג־טעגלעכקייט, פונקט ווי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז ער אַ מוסטער פון גוטסקייט.

נאָך אַ לעקציע וואָס איך האָב געלערנט פון טאַטן איז: טיף דורכלעבן עמאָציעס, סיי צווישן מענטשן און סיי ביחידות. אַז איך פלעג זען ווי ער ווישט די אויגן (וואָס טרעפט זיך ביי אים ניט זעלטן, בעת ער ווערט איבערגעוועלטיקט דורך זיינע געפילן), האָב איך זיך דערוווסט, אַז אפילו אַ מאַן מעג וויינען; וואָס דאָס איז גוואַלדיק כדאי צו וויסן. איך בין געווען שטאָלץ ווען איך האָב געזען ווי דער טאַטע

יוסף לעפטאָוויטש / לאָנדאָן

# מער ווי זעכציק יאָריקער פֿריינדשאַפֿט

מיין טייערער פּאַזי:

וואָס קען איך דיר זאָגן צו דיין ווערן אַ בן־שמונים ווי דערמאָנען דיך און מיך וואָס דו האָסט מיר געשריבן ווען איך בין געוואָרן אַן אַכציקער מיט צוויי יאָר צוריק? האָסט אָנגעהויבן דערמיט וואָס אונדזער פֿריינדשאַפֿט „ציט זיך שוין אַ קיימא לן פֿון 60 יאָר." הייסט עס, אַז איצט איז שוין מער ווי 60 יאָר ווי מיר זענען פֿריינד. „און פֿריינדשאַפֿט, אויב זי האַלט זיך אַזוי לאַנג," האָסטו געשריבן, „האָט דאָך אירע סיבות."

די סיבות זענען קלאָר. מיר האָבן זיך ביידע, פֿון אונדזער ערשטע באַגעגעניש ליב געקראָגן, און, ווי דו שרייבסט מיר, די ליבשאַפֿט איז באַגלייט געווען מיט דרך־ארץ.

איך האָב דערמאָנט אין מיין הקדמה צו דיין בוך „משיחס קייטן", אַז מיר זענען געווען גאַנץ יונג, אין די צוואַנציקער, ווען מיר האָבן זיך באַקענט. דו ביסט דעמאָלט געווען אַ העברעיִשער לערער, אַ מיטרעדאַקטאָר אין אַ טאָג־צייטונג, נחום סאָקאָלאָווס סעקרעטאַר, אַ הייסער פּועל־ציון. ס'איז געווען די צייט ווען אַרום אונדזער לאָנדאָנער יידיש לאַנד ווהייט־טשעפּל האָט די לופֿט געאָטעמט מיט באַלפֿור דעקלאַראַציע און אַ יידישע מלוכה. איך בין מיטגעריסן געוואָרן. איך בין דאָך באַלד נאָך דעם אויך אַריין אַרבעטן אין פּועלי־ציון וועלט־קאָנפֿעדעראַציע ביוראָ מיט שלמה קאַפּלאַנסקי, בן־גוריון און משה שרת, וואָס דעמאָלט האָט ער נאָך געהייסן שערטאָק, און יעקב פּאָמעראַנץ. אָבער איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַריינגעטאָן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און נאָענט צו דער אַנאַרכיסטישער גרופּע אַרום דעם „אַרבעטער פֿריינד", אַרום ראָקער און זיין פֿרוי מילי וויטקאָפּס משפּחה, און סאָלאָ לינדער און זיין פֿרוי פּאָלאַ — לינדער וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער רעדאַקטאָר און פֿאַרוואַלטער פֿון דער „פֿרייע אַרבעטער שטימע."

דו האָסט דערמאָנט, באַגריסנדיק מיך צו מיינע אַכציק, אַז איך האָב דעמאָלט אין מיין „סאַמע אָנפֿאַנג" געדרוקט איינס פֿון מיינע ערשטע לידער (אויף ענגליש) אין דעם וויכטיקן ענגלישן זשורנאַל „ביישאַן". אַ ליד, האָסטו איבערדערציילט, ווו איך גיב איבער אַז פֿאָרנדיק מיטן לאָנדאָנער סאָבוויי, אַז ס'איז געקומען די צייט צו דאַוונען מנחה, האָב איך זיך אויפֿגעשטעלט, און שטיל פֿאַר זיך געדאַוונט מנחה, און געטראַכט, וואָס קלערן די מענטשן אַרום, וואָס איך שטיי אַזוי, און מיינע ליפּן באַוועגן זיך און מ'הערט

---

נעמט אַרום אַ טייערן פֿריינד אין דער נאַכט פֿון 21טן דעצעמבער, און ווי ס'איז ביי אים געווען רעכט אויסצודריקן זיינע טיפֿסטע געפֿילן, אַפֿילו פֿאַר אַן עולם מענטשן. מיין טאַטע איז אַ מענטש, וואָס ווייזט אַרויס אָפֿן זיינע געפֿילן און וואָס האָט פּשוט ליב מענטשן.

דאָ אַנומלטן איז מיר אויסגעקומען נאָך אַ מאָל איבערלייענען טיילן פֿון טאַטנס שריפֿטן און כ'האָב זיך אָנגעשטויסן אויף דער דערציילונג „אלכסנדר מוקדון", וואָס ער דערציילט איבער אין זיין בוך „ישראלדיקע מעשיות און לעגענדעס". די דאָזיקע מעשה פֿרעגט אָפּ מאַטעריאַליסטישע ווערטן און פֿאַרטיידיקט פּאַסיוון ווידערשטאַנד; זי גיט אָפּ כבוד דער מאָראַלישער האַלטונג פֿון מענטשן וואָס שטעלן זיך שטילערהייט קעגן, פּשוט דורך שטיין אומבאַוועגלעך אויף אַן אָרט; פֿון מענטשן וואָס זאָגן זיך אָפּ שלום צו מאַכן מיט רשעות. אָט אַזעלכע זיינען געווען די ווערטן, וואָס מיט זיי איז געווען דורכגעזאַפּט מיין טאַטנס שטוב; ווערטן, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט סיי אין ווערטער און סיי אין מעשים. אויב עמעצער וואָלט געוואָלט אויסוואַקסן אַ בונטאַר (ווי איך בין אויסגעוואַקסן), וואָלט זי ביטיק געדאַרפֿט האָבן פּונקט אַזאַ טאַטן, ווי איך האָב.

(פֿון ענגליש: אליהו כאַזאַנאָוו)

קיין וואָרט ניט. אַ משוגענער וואָס רעדט צו זיך? איך ציטיר דיינע ווערטער דערביי: „און דאָס דאַוועגען דיינס, אַט דער אָפּשייד דיינער פון טאָג־טעגלעכקייט, האָסטו אָנגעהאַלטן אַלע דיינע יאָרן.“

איז עס טאַקע אַזוי. מיינע חברים אין דער אַנאַרכיסטישער גרופּע, לינדער בפרט, האָבן געוווּסט אַז איך בין ניט פון די יום־כּיפּור־בעלער אַנאַרכיסטן, אַז מ'קען האַלטן יידישקייט אויך ווען מ'האָט אַן אידעאַל פון פרייהייט.

דוכט זיך, מיין ערשטע איבערזעצונג איז געווען פון דיינס אַ מאמר, דעמאָלט, „חשבון הנפש“. אַ באַווייז האָסטו, אַז דעם מאמר, פול מיט גאָט־געדאַנקען, האָט מילי וויטקאָפּס שוועסטער, ראָוז וויטקאָפּ, געדרוקט אין ענגלישן אַנאַרכיסטישן זשורנאַל „ספּער“, וואָס זי האָט רעדאַקטירט. איך קוק אַדורך די אויסשניטן, געפין איך אין „ספּער“ אין 1919־1920 אַ ריי איבערזעצונגען מיינע אויף ענגליש פון באָוושאָווערס רעוואָלוציאָנערע לידער, און עטלעכע מאמרים מיינע איבער קונסט און רעוואָלוציע. איך בין געווען שטאַרק אונטער דער השפּעה פון שעלי. אויך זענען אין „ספּער“ געווען אַ סך פון מיינע ערשטע געדרוקטע (ענגלישע) לידער.

איך האָב זיך דאָך אין אָנהייב געשניטן צו זיין אַן ענגלישער שרייבער, אַן ענגלישער דיכטער. איך האָב זיך אָנגעהערט צו אַ גרופּע יונגע קינסטלער און מאָלערס, יונגע יידן אין וויטשעפּל, וואָס עטלעכע פון זיי זענען אויסגעוואַקסן צו גאונות, געוואָרן לעגענדעס. איינער פון זיי, פּראָפעסאָר דזשעק אייזעקס, פּראָפ' פון ענגלישער ליטעראַטור אין לאָנדאָנער אוניווערסיטעט, און אַמאָל געווען דער ערשטער פּראָפ' פון ענגלישער ליטעראַטור אין ירושלימער אוניווערסיטעט, האָט מיר געשריבן, ווען מ'האָט געפייערט מיין ווערן 75: „מיר האָבן זיך געקענט מיט אייזעק ראָזנבערג, לאַזאַרוס אַראָנסאָן, דוד באָמבערג, דזשייקאָב קראַמער, מאַרק גערטלער, דזשאָן ראָדקער און דזשייקאָב עפּשטיין. מיר זיינען געווען אַ טייל פון יענעם רענעסאַנס ביי יידן, וואָס אין ראָזנבערג און באָמבערג איז אנערקענט געוואָרן פון דער גרויסער דרויסנדיקער וועלט.“

מאָדנע — דזשעק אייזעקס איז געווען 50 יאָר מיין פריינד און חבר. ביז ער איז געשטאָרבן מיט צוויי יאָר צוריק. צו מיינע אַכציק איז ער שוין נישט געווען. איך האָב געהאַט אַ חלק אין דעם וואָס ער איז געגאַנגען אַהין אין ירושלימער אוניווערסיטעט.

איך האָב געוווּסט, אַז זיין נאָכפאָלגער, זיינער אַ תלמיד, הייסט אדם מענדעלאָוו. אָבער ביז דו ביזט, זייענדיק אויף אַ באַזוך אין לאָנדאָן ביי דיין משפּחה דאָ, געקומען צו מיר אין שטוב און אים מיטגעבראַכט, האָב איך ניט געוווּסט אַז דער דאָזיקער מענדעלאָוו איז דיין פּלימעניק. אַז מ'איז פאַרבונדן, געפינען זיך די פעדים איבעראַל.

מיינע יוגנט־חברים זיינען אַוועק אויף ענגליש. אייזאַק ראָזנבערג, וואָס איז דערהרגעט געוואָרן אין ערשטן וועלט־קריג, איז היינט באַקאַנט ווי איינער פון די גרעסטע ענגלישע דיכטערס פון יענער תקופה. יענע וואָך בין איך געווען ביי דער עפענונג פון אַן אויסשטעלונג אין ענגלישן וואָר מוזעום, געווידמעט זעקס פון די וויכטיקסטע פּאָעטן פון דער מלחמה — ראָזנבערג צווישן זיי. און זיינע בריוו צו מיר זענען געווען אויסגעשטעלט. זיי ווערן געדרוקט אין די ביכער וואָס דרוקן זיך וועגן אים. אַ יונגער וויטשעפּעלער ייִד. אַזוי אויך דוד באָמבערג. מ'שרייבט וועגן אים ווי דער גרעסטער ענגלישער מאָלער פון אונדזער יאָרהונדערט. איך בין געווען ביי דער דערעפענונג פון זיין אויסשטעלונג (נאָך זיין טויט) אין דער נאַציאָנאַלער גאַלעריע.

זיי זענען אַלע, ראָזנבערג, באָמבערג, גערטלער, אויסגעוואַקסן אין יידיש־רעדנדיקע אימיגראַנטישע היימען. זיי האָבן אַלע פאַרשטאַנען יידיש, געקענט אויך ריידן אַ ביסל. אייזאַקס, אַ רבס אַ זון, פון אַ גוטער, גרויסער, יידישער משפּחה, פלעגט זיך פאַרבענקען פאַר יידיש לשון און זיך וווּנדערן, ווי האָב איך זיך געהאַלטן דערביי. איך ווייס ניט. שטאַרקע פעדעם האָבן זיך פאַרפעסטיקט אַרום מיר, שטאַרקע יידישיסטישע פעדעם.

די „אַרבעטער פריינד“ גרופּע אין לאָנדאָן, דו און די אַנדערע חברים, איבערהיפּט דיינע פריינד: דער מאָלער מאָריס

אַפּלבּוים, אייזנבערג און מאַרקוס, אין פּועלי ציון. מיין באַקענען זיך מיט דיבּ־גאָל, ווען ער איז געווען רעדאַקטאָר פון „יידישן זשורנאַל״ — מיין ערשטער רע־דאַקטאָר, פלעגט ער זאָגן וועגן זיך; קאַפּלאַנסקי און בן־גוריון; מיין „דזשאַב״ ביים נייעס־טיש מיטן רעדאַקטאָר מאָריס מייער אין דער וויטשעפּלער יידישער טאָג־צייטונג „צייט״; מיין פריינדשאַפט מיט אַברהם וויעוויאָרקאַ און דאַן מיט לעאָ קעניג, און מיין מיטרעדאַגירן מיט אים דעם ליטעראַרישן לאָנדאָנער זשור־נאַל „רענעסאַנס״.

איך האָב ווייטער געשריבן ענגליש; געדרוקט אַ סך אין ענגלישע זשורנאַלן; אָפט אָבער ביט בלויז וועגן יידישע טע־מעס; אַרויסגעגעבן אַ סך ביכער אין ענג־ליש. אָבער כמעט אַלע מיט יידישן אינ־האַלט. און איך שרייב טאַקע אויך יידיש, און האַלט זיך פאַר אַ יידישן שריי־בער. און דורך מיינע ענגלישע אַנטאָלאָ־גיעס איבער דער יידישער ליטעראַטור און פון דער יידישער ליטעראַטור, גלייב איך, האָב איך באַקענט די גרויסע דרוי־סנדיקע ענגלישע וועלט מיט דעם אוצר פון דער יידישער ליטעראַטור. איך, צו־זאַמען מיט אַנדערע, ווי מיין פריינד מאָ־ריס סעמיועל און פיל אַנדערע. איך בין שטאָלץ מיט דעם שיינעם נאָמען, מיט וועלכן מיינע חברים פון יידישן פּע״ן־קלוב האָבן מיך געקענט — „דער אַמבאַ־סאַדאָר פון יידיש.״

ליבער פאָזי — געזונט זאָלן מיר זיין. האַרציקע גרוסן דיר און בעלאַן. לאָמיר זיך ווידער באַגריסן צו אונדזער ווערן 85 און 90 !

משה שקליאַר

# דאָס וואָרט

מיין פריינד אריה פאָזי געווידמעט,
צו זיינע גבורה־יאָרן

ווען חכמה און וויסן גייען געפּאָרט,
טיפער און ליכטיקער איז דאַן דאָס וואָרט.

גלייך ווי דער ים וואָס שעפּט קיין מאָל זיך אויס
און ווי אַ שטראַל פונעם זונקרייז אַרויס.

גוט איז צו זיין אינעם דאָזיקן קרייז
ווען ביי דעם וואָרט דו דאַרפסט זוכן אַ טרייסט.

צייטנווייז קומט עס צו דיר אָט דאָס וואָרט,
ווי פון פאַרצייטיקער ערדענער קוואָרט.

צייטנווייז איז עס אין מאָרגן באַקליידט —
נאָר אַלע מאָל ברענגט עס דיר וויסן און פרייד.

און דו וואָלסט וועלן נאָך זיין מיט דעם לאַנג,
ווי מיט דעם געטלעכן מענטשן געשאַנק.

חיים גראַדע / ניו־יאָרק

# מעבל

(פאַר אריה פאַזי, צו זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג)

נאָך לאַנגע נעכט אָן רו און וואַקלען ווי אַ שיכור,
ווען איך פאַרזינק אין שלאָף, דערהער איך אַ געוואַלד;
דאָס געוואַלדעווען ביי מיר אין שטוב די מעבל־שטיקער
ווי ס׳וואָלט אין דעם געהילץ געבושעוועט אַ וואַלד.

— מיר, חורבות, האָבן זיך פאַרשטעלט אין שטוביק מעבל,
האָט ער פאַרגעסן די פאַרזונקענע אין ליים,
די גריבער די פאַרגאָסענע מיט פעך און שוועבל,
און אַז ער האָט געשוואָרן: בלייבן אָן אַ היים.

מיר, חורבות, האָבן זיך פאַרשטעלט אין ביכער־שאַנקען,
און אים, דעם פליט, אין אַ היים אַריינגענאַרט.
איצט שלאָפט ער זיס און האַלט די נע־ונד געדאַנקען
אין הינטער־שטיבל פון זיין מוח איינגעשפאַרט.

— מיר, חורבות, האָבן זיך פאַרשטעלט אין ווייכע שטולן,
אין ווענט און בילדער וואָס ער קוקט מיט ליבשאַפט אָן.
האָט ער אויף זיך אַליין ווי אויף אַ מענטש אַ דולן
אַן ענגן משוגעים־קאַפטן אָנגעטאָן.

— ער האָט זיך איינגעגראָבן אין אַ פרעמדן באָדן,
און בייט זיך קליידער גלייך ווי אין די אַלטע טעג.
וואָלט ער כאָטש ווייסטיג צוגעגרייט אין די שופלאָדן,
זיך צוגעגרייט מלבושים פאַר דעם וויטן וועג.

— איז היט ער אָפּ כתב־ידן און פּאַפּירן ווייסע,
און זיינע פינגער קראַמפּן, שרייבן אויך פון שלאָף
אַ ליד אין גראַמען, צי אַ ניט־געגראַמטע מעשה,
וואָס ענדיקט זיך מיט אַ לוויה אויפן סוף.

— ער האָט פאַרגעסן זיינע שבועות ביי די קברים,
און וויל אונדז, זיינע מעבל, איינדעקן אין פליוש,
און לעבן אין די ספרים מעשה ביכער־וואָרעם,
און שטאַרבן אויף זיין בעט במנוחה, מיט אַ קוש.

— איז לאָמיר אויסטאָן זיך פון אונדזערע פרצופים,
און וויזן אים אַז מיר — מיר זיינען חורבות נאָר.
אויך ער איז בלויז אַ גילגול פון פאַרברענטע גופן,
אַ מת וואָס ס׳וואַקסט אים נאָך די נעגל און די האָר.

דער שטורעם גוואַלדעוועט אין אַלע טויטע זאַכן,
דער הילצערנער געלעכטער דונערט, קנאַלט און בליצט,
ביז ס׳זינקט אַריין צוריק דאָס אויפגעברויזטע לאַכן
אין מעבל, וואָס בלייבט שטיין פאַלירט און פיין געשניצט.

די ביכער־שאַנקען אָנגעשטאָפּט מיט חכמה רוען,
און זיי פאַרבייטן מיר מיין טויטע וועלט, אַזוי
ווי עס פאַרבייט אַ קאַלטע שטיינערנע סטאַטוע
דעם הייסן אָטעם פון אַ לעבעדיקער פרוי.



# דער אַכציקסטער געבוירן־יאָר פון אריה פּאָזי געפייערט אין ל. א. יידישן קולטור־קלוב

באַריכט פון ש. וו.

דער יידישער קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס האָט אויף אַ באַזונדערס הויכן גייסטיקן ניוואָ געפייערט דעם 80טן געבוירן־יאָר פון דעם חשובן שריפטשטעלער און רעדאַקטאָר פון „חשבון" אַריה פּאָזי. די פייערונג, דעם 21טן דעצעמבער, 1974, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט תמציתדיקע באַגריסונג־רעדעס לכבוד דעם בעל־שמחה, אָנהייבנדיק מיט דער האַרציקער באַגריסונג פון אַלעקס ראָבין, דער פּרעזידענט פונעם קלוב, און פאַרענדיקנדיק מיט משפּחה־באַגריסונגען פון בעלאַ פּאָזי און זייער בת־יחידה, דינה, וואָס איז אַליינאַבאַגאַבטע דיכטערין, נאָוועליסטין און לערערין פון ליטעראַטור. צו דעם מוז מען נאָך צוגעבן די רעדעס פון דעם חשובן שרייבער און פּעדאַגאָג, אַברהם גאָלאָמב; און די רעדעס פון נאָענטע פריינד פונעם יובילאַר: אלימלך דייטש און שלמה צוקערמאַן.

לײדער מוזן מיר, מחמת דוחק אין פּלאַץ, זיך באַנוגענען מיט געבן בלויז אויסצוגן פון די רעדעס, אין צוגאָב צום רייכן מאַטעריאַל אין דער ספּעציעלער אָפּטיילונג פון היינטיקן נומער „חשבון" וואָס איז געווידמעט אונדזער חשובן בעל יובל.

* * * * *

אין זיין דערעפענונג־רעדע האָט דער פּאָרזיצער, אַלעקס ראָבין, אויף אַ זייער חברישן אופן אָנגעצייכנט עטלעכע אייגנאַרטיקע שטריכן פונעם בעל־שמחה. ער האָט צווישן אַנדערעס געזאָגט:

אַריה פּאָזי איז ביי אונדז אין קלוב און אין דעם יידיש־ריידנדיקן סעקטאָר אין לאָס אַנדזשעלעס, דער שטעטלשער רב. צו דער שרייבערישער פּאָזיציע, וואָס ער פאַרנעמט, ברענגט ער יענעם ניצוץ, יענעם פונק וואָס אַ היימישער רב האָט געהאַט — זיין גאַנג, זיין פירונג און זיין אַרומגערינגלט זיין מיט חסידים, איז ווי פון אַ שטעטלדיקן רב. איך זאָג רב, ניט רבין. „ער איז אַ נוח לבריות, האָט ליבשאַפט צו מיטמענטשן, אַ באַרואיקונג פון געמיטשכלדיקייט געפּאָרט מיט גוטסקייט, און זאָגט זיך קיין מאָל ניט אָפּ פון אַחריות, און ועל כולם — אַ געפיל פון פאַרשטענדעניש פאַר העכערע ווערטן און מענטשן. אפשר איז דאָס אַ דאַנק זיין פּאַראַפּסיכאָלאָגיע, די נייע פּערצעפּציע פון וועלכער ער איז אַן אָנהענגער. די דימענסיע, וואָס עפנט געהיימע טירן פון וואַדואַליזם און ספּיריטואַליזם, אין אַ וועלט פון טעכנאָלאָגיע און פּראַגמאַטיזם."

חבר ראָבין באַטאָנט: „אונדזער היינטיקער יובילאַר, ווען מיר באַערן, איז געבליבן ביי דער גאַנצער יידישקייט. ער שעפּט פון אַלע אַלטע און די נייע יידישע קוואַלן, און אויך ניט־יידישע, און דאָס איז ביי אונדז אַן אויסנאַם־פאַל. ניטאָ קיין סך אַזעלכע. צוליב דעם אַלעמען — אַזאַ גרויסער יום־טוב ביים קלוב, ביי אונדז אַלעמען. מיר זאָגן פּאָזין, אַז מיר פאַרשטייען דאָס אַלץ און שאַצן דאָס אָפּ. און באַגריסנדיק אים מוז איך אויך דערמאָנען זיין עוזר כנגדו, זיין פרוי בעלאַן, וועלכע האָט קולטור־פאַרדינסטן אויף איר אייגענעם חשבון. אָבער זי האָט ניט אויסגעזאָגט ווען מ'קען פייערן איר יובילײ. אָבער „שערשעי לאַ פאַם".

אין מיין אייגענעם נאָמען, אין דעם נאָמען פון קלוב און אַלע אָנוועזנדע, ווינטש איך אייך נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן, אַ סך געזונט און פרייד פון אַרבעט."

* * * * *

אַלימלך דייטש, אַ נאָענטער פריינד פון בעל יובל און אַ פירער אין דעם היגן ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד, אין וועלכן אַריה פּאָזי איז אַן אָנגעזעענער מיטגליד, האָט אָנגעפירט מיט דעם אַנדערן טייל פון אָוונט.

פריינד דייטש האָט אין זיינע קורצע באַמערקונגען אַרויסגעבראַכט דער עיקר די באַשיידנקייט און גוטהאַרציקייט פון דעם בעל שמחה: „איך האָב דעם איינאיינדרוק אַז פּאָזי האָט פשוט הנאה צו

זיין גוט. ס'איז אַ פראַגע פון אַ געבענטשטער נאַטור, פון עפּעס אַ נאַטירלעכער גוטסקייט, וואָס שטראָמט פון זיך אַליין און דאַרף ניט אונטערגעהאַלטן ווערן פון דרויסנדיקע סאָציאַלע פליכטן."

* * * * *

דער גאַסט־רעדנער אויף דעם אָוונט איז געווען דער באַקאַנטער שריפטשטעלער אברהם גאָלאָמב. ער האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין רעדע געווידמעט דעם אָנהייב פון דער יידישער פרעסע אין רוסלאַנד, דעם בראשית פון יידישע שרייבער אין תחום המושב און די אַנטוויקלונג פון יידישע שולן און ישיבות, פון וועלכע עס איז אַרויסגעוואַקסן אַריה פאָזי:

## ישיבה

"במעט אַלע יידישע שרייבערס און בכלל טוערס האָבן אַריינגעשמעקט מער אָדער ווייניקער אין אַ ישיבה; און די ישיבה האָט געהאַט אַ גרעסערע השפעה אויף די תלמידים ווי וואָסער אַנדער שול. און די השפעה איז געקומען ניט פון דעם עצם סוגיה, וואָס מען האָט געלערנט. די ישיבה האָט געווירקט מיט איר גאַנצער סיסטעם, מיט דעם שטרעבן צו אַנטוויקלען פאַרזיכיקייט ביי די תלמידים. די אַלגעמיינע שול האָט געהאַט פראָגראַמען וואָס מען מוז אַריינגעמן אין זכרון. די ישיבות האָבן קיין פראָגראַמען ניט געהאַט.

ניט וויכטיק איז צו וויסן וואָס אַלע שרייבער האָבן געשריבן און וואָס אַלע אנערקענטע קריטיקערס האָבן גע־פסקנט, וויכטיק איז צו הערן וואָס קענסטו זאָגן. די ישיבה האָט געלאָזן דעם תלמיד לענגער אַליין צו דענקען, צו טראַכטן און צו זאָגן אַליין. די אַלגעמיינע שול האָט גענומען אַ באַשטימטן סכום נוציק וויסן, דאָס גוט פאַרפאַקט אין זיכרון. די ישיבה האָט מער געפאָדערט דאָס דענקען ווי דאָס געדענקען. סכל אופן, די ישיבה האָט געגרייט מענטשן צו לערנען „פאַר זיך", אַליין דענקען, אַליין דרשענען און געפינען אַן אויסלייז. דערפאַר זיינען פון דער ישיבה אַרויס אַ גרעסערער פראָצענט מענטשן פאַר זיך דענקענדיקע; שוין אפילו צופיל פאַר זיך.

פריינד פאָזי האָט געהאַט עטלעכע פראָפעסיעס. פון שרייבעריי מאַכט מען ניט קיין לעבן. לערעריי — אַ וויכטיקע יידישע אַרבעט. אָבער ס'זיינען ביי איר פאַראַן אַזוי פיל צרות, אַז עס איז געזינטער ניט צו האָבן צו טאָן מיט יידישע באַלעבאַטים... איך, למשל, האָב ניט קיין חרטה וואָס איך בין געווען אַ לערער מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט. אָבער איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זיין אין גרויסע צענטראַלע אינסטיטוציעס. אין רוסלאַנד האָבן מיר ניט געוווסט פון באַלעבאַטים, אויך ניט אין ישראל. אין מעקסיקע זיך גענוג אָנגעליטן פון „גבאים".

## אין לאָס אַנדזשעלעס

„דאָ איז פר' פאָזי דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „חשבון". און מען דאַרף זאָגן, אַז ערשט אונטער דער רעדאַקציע פון פאָזי איז דער זשורנאַל געוואָרן אַ וואָגיקער צענטראַלער זשורנאַל. עס איז דער איינציקער זשורנאַל וואָס דערשיינט מחוץ ניו־יאָרק. געווען צייטן ווען עס זיינען אין אַרגענטינע אַרויס יידישע זשורנאַלן. איצט זיינען זיי ניטאָ מער. געווען אין אַרגענטינע יידישע שולן מיט יידיש, קריג איך לעצטנס אַ טראַגישן וויי־געשריי: מען אַנטיידישט די שולן. עפּעס אַ העסלעכער אַנטיסעמיטישער גייסט האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם לאַנד, וואָס מיר האָבן זיך געשפּיגלט מיט זיינע שרייבערס, מיט זיינע פאַרלאַגן, מיט זיינע שולן. איצט גייט עס אונטער.

און ווו איז בעסער?

אָט איז אַ גרויסע שטאָט לאָס אַנדזשעלעס. האָבן יידין פאַרגעסן אַז יידן האָבן אַן אייגענע שפּראַך. די יידישע קהילה, (אַנטשולדיקט, קאָמיוניטי!) ווייסט נאָר איין יידיש וואָרט: „מיצוואַ". „וואָס? איר שרייבט נאָך יידיש? פאַר וועמען?" אין אַ געוויסן היגן טעמפּל האָבן די שוועסטערס (אַנטשולדיקט, סיסטערהוד) בשום אופן ניט געוואָלט אַריינשטעלן אַ יידיש בוך אונטער גלאָז צוגלייך מיט די ענגלישע, חס ושלום! און דער רב האָט מורא צו זאָגן אַ יידיש וואָרט פאַר די גבאים, ניט חלילה פאַר גויים. די איינציקע יידן זיינען די יידישע יידן!

אַט צו די שטאָלצע יידן געהערט אויף פריינד אריה פּאָזי."

* * * * *

עס איז געווען וואָס באַלד נאָך דער פּע-סימיסטישער רעדע פון אַברהם גאַלאַמב איז אויפגעטראָטן די גראַטענע בת-יחידה פון אַריה און בעלאַ פּאַזי, וועלכע האָט ווי אַן אומדירעקטע פאַרשטייערין פון דעם אידישן דור געבוירן אין אַמעריקע, אַנ-געוויזן אויף דער גייסטיקער השפּעה פון אירע עלטערן צוגלייך מיט דעם איינפלוס וואָס יידישע דערציונג האָט געהאַט אויף איר אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע, ניו-יאָרק.

(אַ גרעסערע אַרבעט פון דינה מעצקער וועגן איר פאָטער אַריה פּאָזי ווערט גע-דרוקט אויף אַן אַנדערן פּלאַץ אין היינטיקן נומער "חשבון".

די גרויסע פאַרזאַמלונג פון יידישע פאָלקס-מאַסן האָט אויסגעדריקט באַגייס-טערונג פאַר דער נאָענטער משפּחה-דיקייט צווישן טאָכטער און טאַטע-מאַמע, וואָס איז היינטיקע צייטן, אין דער וואַקסנדיקער מחיצה צווישן דורות, אַן אַנגענעמע דער-שיינונג.

* * * * *

שלמה צוקערמאַן האָט אין זיין באַגרי-סונג רעדע זיך אָפּגעשטעלט אויף דער חברישקייט און גוטהאַרציקייט פון דעם בעל שמחה: "ווי איך קען אים איז ער אַלס מענטש און פריינד אַ יחיד במינו. פון דעם טאָג וואָס זיי (די פּאָזיס) זיינען גע-קומען קיין לאָס אַנדזשעלעס ביז היינט איז צווישן אונדז צעמענטירט געוואָרן אַ נאָענטקייט וואָס איז ביי מיר און צילהן זייער טייער."

פריינד צוקערמאַן האָט באַקאַנט גע-מאַכט, אַז דער יידישער קולטור-קלוב האָט באַשלאָסן צו באַשטימען אַלס מתנה צום יובילאַר, די סומע פון דריי הונדערט דאָלער, ווי אַ קולטור-פּרעמיע, וואָס זאָל אינעם באַמען פון בעל שמחה געגעבן ווערן צו פאַרדינסטפולע יידישע שרייבערס.

* * * * *

בעלאַ פּאָזי האָט זייער איינדרוקספול געלייענט אַ פּאָעמע פון איר מאַנס בוך "יוסף", ווי אַ באַגריסונג צו איר מאַנס 80טן געבוירניאַר, וואָס איז אגב צוזאַמענ-געפאַלן מיט דער 45סטע חתונה-יובילײ פון דעם באַגאַבטן פּאָר-פּאָלק.

דער בעל-יובל האָט אין זיין קורצער רעדע באַדאַנקט די גרויסע צאָל חברים און פריינט, וואָ סהאָבן זיך באַטייליקט אין דער שמחה, באַזונדערס די רעדנער וואָס האָבן אים באַגריסט און גאַר באַזונ-דערס אַברהם גאַלאַמב: "איך וויל זיין אויפריכטיק און דערקלערן, אַז וואָס שייך גדלות איז ער געוויס משכמו ומעלה גרע-סער פון מיר. איך קען אפילו ניט אָנ-הייבן טראַכטן צו פאַרגלייכן זיך צו אים," האָט פּאָזי געזאָגט.

אמת, איך האָב אין משך פון מיין לעבן אַ סך געשריבן, געשריבן אויף אַלערליי געביטן: בעלעטריסטיק, דראַמאַטישע פּאָ-עמעס, דראַמעס, ליטעראַרישע קריטיק, עסייען, אאַ"וו, אָבער אַט קוק איך דאָ אויף די ווענט, וו עס זיינען אויסגעהאַנגען בילדער פון אַ סך יידישע ליטעראַרישע שעפערס און איך בין באַוווסטזיניק, אַז איך קען זיך בשום אופן ניט פאַרגלייכן צו די גדולים צווישן זיי."

מיט זיין כאַראַקטעריסטישער ענוות האָט אַריה פּאָזי פאַרענדיקט זיין רעדע. דער כבוד וואָס ווערט מיר היינט צוגע-טיילט איז ביט מחמת מיינע פאַרדינסטן, נאָר מחמת אייער פריינדשאַפט צו מיר. און דאָס שאַץ איך מער פון אַלץ און פאַר דעם דריק איך אויס צו אייך אַלעמען מיין האַרציק-האַרציקסטן דאַנק."

דער פייערלעכער אָונט איז אויך באַ-שיינט געוואָרן מיט אַ פיינעם מוזיקאַלישן פּראָגראַם פון דעם פידל-שפּילער לעאָן פילד.

אַבאַנירט און שטיצט
חשבון
די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן
אַחוץ ניו-יאָרק
אַבאָנימענט — $5.00 אַ יאָר.

שמואל ווייס

# מיין לאַנג־יאָריקע באַקאַנטשאַפט מיט א. פּאָזי

אין דעם היינטיקן נומער „חשבון" האָבן מיר אויסגעלאָזט די אָפּטיילונג „פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ל. א." מחמת דער נומער איז געווידמעט דעם 80סטן געבוירן־יאָר פון אונדזער רעדאַקטאָר אריה פּאָזי. וועלן מיר דעריבער אויף דעם פּלאַץ, מיט דער דערלויבעניש פון דעם רעדאַקטאָר פון היינטיקן נומער, דעם חשבון שרייבער אַברהם גאַלאָמב, מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן אונדזער יובילאַר אַנשטאָט אַ באַגריסונג.

מיין פרוי און איך האָבן זיך באַקאַנט מיט אַריה און בעלאַ פּאָזי מיט אַן ערך 38 יאָר צוריק, ווען מיר האָבן געוווינט אין שכנות אין סיגעיט, ברוקלין. אונדז איז אָפט אויסגעקומען זיך מיטבאַטייליקן און אָרגאַנזשירן געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען אין דעם שטעטל לעבן ים לטובת אויסלענדישע געסט און אינסטיטוציעס. איינע אַזאַ אונטערנעמונג, איז וועלכער עס איז אויך אַריינגעצויגן געוואָרן חיים ליבערמאַן ז"ל, איז געווען לטובת דער מעדעם סאַניטאָריע, און איר שליח איז דאַן געווען שלמה גילינסקי ע"ה.

שוין אַוועק אַ סך יאָרן פון יענער צייט אָבער ביי מיר אין זכרון זיינען פאַרבליבן צוויי איינדרוקן וועגן אריה פּאָזי: ערשטנס, זיין באַשיידנקייט. ער האָט זיך זעלטן געשטופּט צום אויבנאָן, און צווייטנס, זיין טיפע באַזאָרגטקייט וועגן דעם גורל פון יידן אין אייראָפּע.

מיט דער סענסיוויטעט, וואָס איז אים אייגן ווי אַ דיכטער, האָט ער שטאַרקער ווי אַ סך פון אונדז פריי דערשפּירט דעם אָנקומענדיקן אומגליק אויפן יידישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע. מיר דוכט אַז ער האָט דעמאָלט זיך אויסגעהיטן פון אַנשטעקן מיט זיין פּעסימיזם די אַנדערע באַטייליקטע אין די געזעלשאַפטלעכע מסיבות, איז ער געזעסן שטיל ביי דער פאַרזאַמלונג, ווי אַ טרויער וואָלט געלעגן אויף זיין פּנים.

שפּעטער איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט פּאָזין אין יידישע דרוקערייען, ווו ער האָט זיך פאַרנומען מיט אַרויסגעבן פאַרשיידענע דרוקזאַכן. אין איין דרוקעריי איז ער געווען אַן איינגנטימער מיט זיין שותף שאולסאָן. וועגן יענער דרוקעריי, זאָגט בעלאַ, אַז ווען זיי וואָלטן געהאַט די געלט וואָס די רעדאַקטאָרן און מחברים פון די אויסגאַבן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דער פּאָזי־שאולסאָן דרוקעריי, זיינען געבליבן שולדיק, וואָלטן זיי היינט געווען גרויסע נגידים.

אריה פּאָזי איז תמיד געווען מער אַריינגעטאָן אין דעם אינהאַלט פון די צייטשריפטן, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין זיין דרוקעריי, ווי אין די פינאַנץ־הכנסות פון זיינע קליענטן. ווי אַזוי האָט ער געקאָנט זיין אַ שטרענגער מאַנער ביי אַ רעדאַקטאָר פון אַ סאָציאַליסטישער צייטשריפט, למשל, אַז ער איז אַליין געווען פאַראינטערעסירט אין די אידעען פון דער שריפט און אין דעם אידעאַליזם פון די אַרויסגעבער?

איינער פון זיינע קליענטן איז געווען דער שרייבער פון די שורות. מיר האָבן דעמאָלט, אויב מיין זכרון דינט מיר, אַרויסגעגעבן „די סאָציאַליסטישע שטימע" און אויך פּאַמפלעטן וועגן טרייד־יוניאָן ענינים. מ'האָט געאַרבעט בייטאָג אין שניידער־שאָפּ און אין אָוונט געקומען אַ פאַרסאָפּעטעטער אין דרוקעריי צו פאַרענדיקן אַן אַרבעט. וועמען איז געלעגן אין קאָפּ די חשבונות פאַר די דרוקזאַכן פון דער הייליקער אונטערנעמונג? טאָמער האָט שאולסאָן זיך צעשריגן: „ווען וועל איך קריגן דעם טשעק"? איז אריה פּאָזי געשטאַנען אַ צעשראָקענער: ווי קען מען זיין בייז אויף מענטש־אידעאַליסטן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט סאָציאַליסטישער אָדער טרייד־יוניאָניסטישער פּראָפּאַגאַנדע?

שפּעטער איז פּאָזין אַליין אויסגעקומען צו זיין אַ רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל וואָס די פליש־אַרבעטער יוניאָן האָט אַרויסגעגעבן. איך האָב זיך דעמאָלט פאַרנומען מיט דער „גערעכטיקייט" פון דער פרויען באַקלייד אַרבעטער יוניאָן. זיינען מיר ביידע ווי שכנים געשטאַנען ביים טיש

אין דער דרוקעריי, ווו דער אויפגעזעצ־
טער מאַטעריאַל פון יעדע זשורנאַל איז
אַריינגעשטעלט געוואָרן אין קאָלומס. מיר
האָבן ביידע געציטערט טאָמער וועט
דער מעטראָפּאַזש־מאַן מאַכן אַ טעות און
אַריינשטעלן אַ מאמר וועגן צעמאַלענע
פלייש אין דעם זשורנאַל פון שער־און־
אייזן און אונדז ביידע אָפּקוילען אָן אַ חלף.

אַז אריה פּאַזי איז אַ מחבר פון ביכער
און אַליין אַרויסגעבער פון ליטעראַרישע
צייטשריפטן האָב איך ערשט אויסגעפונען
ווען מיר זיינען געקומען קיין לאָס אַנ־
דזשעלעס. (דאָס איז אגב כאַראַקטעריס־
טיש פאַר פּאַזיס באַשיידנקייט). דאָ־הי,
אין דער וואַרעמער זוניקער שטאָט, האָב
איך אַנטדעקט אַ נייע קרובהשאַפט מיט
אַריה פּאַזי — דער שותפותדיקער טרויער
איבער אונדזערע פאַרשניטענע משפחות
אין פּוילן. אַ סאָרט מעלאַנכאָליע איז
אַלע מאָל געווען אין די אויגן פון אָט דעם
מערקווירדיקן מענטש. אָבער דער וויטאָג
איבער דעם טראַגישן אומקום פון די
יידישע ישובים אין ליטע, רוסלאַנד און
פּוילן, צוזאַמען מיט זיין משפחה האָט אָט
די מעלאַנכאָליע נאָך שטאַרקער פאַרטיפט.

„דער בראָך פון אונדזער פאָלק אין
אייראָפּע" איז דער טיטל פון אַ גרעסערער
אַרבעט וואָס אַריה פּאַזי האָט פאַרעפנט־
לעכט אין דעם דריטן באַנד פון „די יידי־
שע שריפטן", אַ צייטשריפט וואָס אונדזער
בעל־יובל האָט רעדאַגירט. אויף 28 זייטן
פון דעם זשורנאַל דריקט אויס דער מחבר
זיין וויטאָג איבער דעם שוידער פון די
נאַצי־שחיטות איבער יידן אין פאַרשיידע־
נע טיילן פון אייראָפּע. ער דערציילט דאָרט
אַ פאַקט וואָס מיר האָבן שוין באַלד פאַר־
געסן: „דעם 8טן דעצעמבער, 1942, האָט
אַ דעלעגאַציע פון יידישע אָרגאַניזאַציעס
צוגעשטעלט צו פּרעזידענט פרענקלין ד.
רוזוועלט אַ מעמאָראַנדום וועגן די דאָזיקע
שחיטות. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען
פון פאָרשטייערס פון אַמעריקאַנער דזשו־
איש קאָמיטי, אַמעריקאַנער יידישער קאָנ־
גרעס, בני ברית, יידישער אַרבעטער קאָ־
מיטעט און אגודת הרבנים. בראש פון
דער דעלעגאַציע איז געווען דר. סטיפן
ס. וויז."

„דאָס האַרץ ווערט פאַרקלעמט אין טיפן
וויטאָג און דער מוח קען גאָר ניט תופס
זיין דעם גאַנצן גרויל וואָס עס געשעט
איצט צו די יידן אין אייראָפּע," שרייבט
אריה פּאַזי. „נישט מיר האָבן כוח און
נישט מיר פאַרמאָגן די ווייטיקע ווערטער
צו קאָמענטירן אויף די דאָזיקע פאַקטן."
אריה פּאַזי איז „אין טרעבלינקע ניט גע־
ווען" אָבער פון זיינע שורות שרייט אַרויס
דער פּיין פון די יידן אין די נאַצי־לאַגערן
און אין די געטאָס. „ניט די נאַציס אַליין
האַלטן מיר פאַר די שולדיקע אין מאָרד",
שרייבט אַריה פּאַזי אין 1943. „מיר באַ־
שולדיקן דאָ דאָס גאַנצע דייטשישע פאָלק.
דאָס גאַנצע דייטשישע פאָלק פּראָטעס־
טירט ניט קעגן די פאַרברעכנס און שתיקה
כהודאה דמי"...

היינט, אין 1975, ווייסן מיר אַז אַ סך
יידן איבער דער גאָרער וועלט, אייגשליס־
לעך די יידישע מדינה, האָבן די יידישע
קללה און חרם אויפן דייטשישן פאָלק גאָר
און גאָר געמילדערט. אָבער מיר מעגן
מסכים זיין מיט די ווערטער פונעם רע־
דאַקטאָר פון „חשבון", מיט וואָס ער פאַר־
ענדיקט זיין מאמר אין די „יידישע שריפ־
טן: „זכור אשר עשה לך עמלק־דייטש־
לאַנד! אויף דור דורות און ביזן סוף פון
אַלע דורות."

* * * * *

אפשר איז אַן עוולה וואָס איך האָב
אַריינגעבראַכט אָט דעם טראַגישן מאָמענט
אין מיין באַגריסונג צו אונדזער יובילאַר.
איך האָף אַז פריינד פּאַזי וועט מיר מוחל
זיין. עס איז אין הסכם מיטן יידישן
לעבנס־שטייגער צו פאַרגיסן אַ טרער אויף
אַ שמחה. האָט דאָך דאָס יידישע פאָלק
געפונען פאַרמען צו פאַרגעדענקען דעם
צווייטן חורבן בית המקדש גראָד אויף
יידישע שמחות, טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר
עס ניט טאָן אויף צו דערמאָנען אונדזער
דריטן חורבן גראָד ביי יום־טובדיקע
געלעגנהייטן?

טאָ זייט באַגריסט, פריינד אריה פּאַזי,
צו אייער אַכציקסטן געבוירן־יאָר. מיין
פלאָראַ און איך ווינטשן אייך אַ סך, אַ סך
שעפערישע יאָרן און צוזאַמען מיט אייער
בעלאַ און אייער גערעטענער טאָכטער
צו פייערן נאָך אַ סך פאַמיליען יום־טובים.

# אַ בריוול פון מלך ראַוויטש

מאָנטרעאַל, 16טן יאַנואַר, 1975

טייערער חבר און פריינד אריה פאַזי:

מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָב איך באַקומען אַ בריוו פון אונדזער אַלעמענס געאַכפּערטן און ליב־טייערן חבר א. גאַלאַמב און אין דאָזיקן בריוו מאַכט ער אויפמערקזאַם, אַז איר זענט מיט מזל אַריין אין די אַכציקער — און עס וואָלט כדאי געווען, אַז איך זאָל אָנשרייבן אַן אַרטיקל צו דער געלעגנהייט.

אָבער אַזאַ אָפּשאַצונג פאָדערט צייט — און איך גרייט איצט דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן — באַנד 3. און די כוחות זענען שוין נישטאָ. און דערצו קרענק איך צו צוביסלעך מיט אַ פאַרשלעפּטער קרענק.

שרייב איך צום חבר גאָלאַמב, אַז איך דאַנק אים, אָבער עס איז נישט מעגלעך. אַזאַ אַרבעט וואָלט געפאָדערט צייט—געניטער זיך באַקענען מיט אייערע אַרבעטן.

בלייבט איבער צו ווינטשן אייך מיט אונדז און אונדז מיט אייך— ווי זאָגט דאָס פאָלק — לאַנגע יאָרן. איר האָט אין גוטע יאָרן, חוץ פּאָעזיע, פּראָזע און עסיי— צעזייט איבער דער ידישער קולטור־וועלט אָן אַ שיעור און אַלערליי געשריבענע און רעדאַגירטע אויפטועון — דאַרף מען עס אויסקלייבן, איבערקלייבן און אַריינגעבן אין איין זאַמלבוך.

דאָס איז מיין באַגריסונג.

און אָן אַ „עיקר שכחתי״: די לעצטע צוויי נומערן פון „חשבון״ זענען פול און לעבעדיק מיט גוטן ליטעראַרישן מאָנטרעאַל און — דערצו אויך אַ סך כמות — הונדערט זייטן אַ נומער איז אויך אַ היפּשער אויפטו. ווינטש איך אייך איין וואָרט:

**ה צ ל ח ה !**

**מלך ראַוויטש**

**מ. חסיד / מאָנטרעאַל**

# לידער

## מנא, מנא...

„מאָסקוואָ סליעזאַם ניע ווערית״

מאָסקווע
מיט שטאָלענע פויסטן
און קופּערנעם שטערן
פאַרמאָגט ניט קיין גאָט
און גלייבט ניט קיין טרערן.

אין צאַרסקע געמאַכן,
אויף זיידענע בעטן,
עס שיכורן, שרייען
און
ברעכן די גלעזער
און פעלקער—
די הערשער פון אַלע סאָוועטן.

ביז ווענט טוען דערשרעקן
אַן אויפשריפט
פון פייער—
רויט, ווי דאָס בלוט
אויפן שניי.

דניאל
לייענט ווידער
דער אָנזאָג פון דורות:
מנא, תקל ופרסין,
מנא !

מנא,
דו פאַרכאַפּערין,
זשעדנע מדינה,
וואָס לעבט אַלץ
אויף פרעמדן באַראָט,
הערסט ניט די קולות
פון שקלאַפן פאַרפייניקט?
זיי שרייען דאָך
אויך
פון דיין בלוט.

מאָסקווע
מיט שטאָלענע פּויסטן
און קופּערנעם שטערן
פאַרמאָגט ניט קיין גאָט
און געטרויט ניט
קיין טרערן.

אויף גליטשיקע וועגן
מיט טריט קאַטאָרזשאַנע
שפּאַנט
ק י ן.
ער טראָגט אַ דרייפאַכיקע
קללה
און פאַר וועמען דען,
טרעף,
דאָס כלי־זין?

## אווהדיקע תפילה

וואָס העלפט דאָס לויפן
דען
אין די מרחקים?

זע:
עס פאָרן זיך די מענטשן
אויף דער גאָלער ערד
מיט וויטיקדיקער תאווה
און מיט בלינדן
האָס.

אַ יעדער גרעזעלע
צי בוים
און אויך אַ מאַלפּע
באַהעפטן זיך
און בייסן זיך אַריין
אין צווייטנס גוף
מיט רויען
כעס.

ווי וועסטו אָפּהיטן
אין זיך
די מילדע שיין
וואָס קאָן נאָר ברענען
ערגעץ־טיף
און טוט ניט
בריען?

עס רייסט זיך
פון דער נאַכט
אַרויס
און פלאַקערט אויף
אַן אימהדיק שאַריען.

ווען דו וועסט
פאַלן,
ווי אַ דאָמב,
אויף נאַסער ערד
דערשטוינט —
וועט דען ניט בלוטיקן
ביי דיר
אַ קני?
כאָטש וועסט ניט וויסן
גאָר,
חלילה,
אַז דאָס האָט זיך
צעבלוטיקט
תאווהדיק
אַזוי
אַציבד,
אין דיר,
דיין תפילה.

## פ ט ו ר

וואַרף אַרויף אויף מיר
די לעצטע לאָפּעטע
מיט ערד,
פאַרדעק מיך
און ווער
פטור.

איך האָב בלויז
ווערטער
אָנגעלאָדענע מיט כעס —
דאָס האָב איך
אַ ירושה
נאָך
פון דיר,
מיין אייבערשטער,
מיין פאָטער.

איך ברענג צוריק דיר
מיין פאַרשוועכטן גוף
די אָפּגעשיילטע הויט

און בייַנער,
דעם חלום
וואָס איך האָב דערטרונקען
אין מיין בלוט
און פון די נירן
זאַמד מיט שטיינער.

איך האָב אַמאָל
בגניבה,
אויף אַ נאַש געטאָן
אַ ביסל
פון דיין וועלט.

אַ טעם דערפילט
אין אייַנבייסן
אַ וואָרט,
אַ ציטער
און אַ שטיפערישן
נאָכקוקן אַ קינד
וואָס גייט.

אַ פרייד
אין שטאָלטנעם וווקס
פון מענטשן
אויף דער פריי—
געגלייבט האָב איך
אַז דאָרטן
קען איך אפשר
נאָך אַ מאָל
געפינען דיך
אויפס ניי.

איצט
וואַרף אַרויף די לעצטע
לאָפּעטע
מיט ערד—
פאַרדעק אונדז
און ווער
פטור.

איך האָב בלויז ווערטער
אָנגעלאָדענע
מיט כעס —
דאָס האָב איך
זיי
פון דיר,
מיין אייבערשטער,
מיין פאָטער.

---

## חבר און פריינד אריה פאָזי:

**אונדזערע ברכות צו אייער ווערן אַ בן־שמונים.**

אויף אייך איז מקוים געוואָרן די רייד פון אונדזערע חכמים, אַז זקני תורה, וואָס עלטער זיי ווערן אַלץ מער ווערט זייער שכל לויטער.

**אייך און בעלאַן אַ סך געזונט און נחת.**

ציליע און שלמה צוקערמאַן

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אַניואיטי פאָנד

## איר קענט האָבן
## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
### מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

✡

שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עם דורך פּאָסט
פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע:
אברהם שפּיגעל, קאונסיל פּרעזידענט • טעלעפאָן: 655-8100

— — — — — — — — — — — — — — — — —

**MR. FRED KAHAN, Executive Vice-Pres.**

# JEWISH NATIONAL FUND

**Western Region, Jewish National Fund**

6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name........................................................................

Address.....................................................................

City.................................................Zip Code..................

יצחק קאַהאַן / מעלבורן, אויסטראַליע

# י. ל. פּרץ — דאָס וואָס בלייבט...

## (צו זיין 60טער יאָרצייט)

דוכט זיך, אַז וועגן קיין שום אַנדערן יידישן קינסטלער איז אַזוי פיל נישט געשריבן געוואָרן ווי וועגן פּרצן. מען האָט געטייטשט און אַריינגעטייטשט אין יעדער שורה און צווישן די שורות; אין די דריי פּינטעלעך, און די נישט־דערזאָגטקייטן פון זיין סטיל — אין די אָפּגעהאַקטע זאַצן פון זיינע הייסע שורות — אין דער גאַנצער פאַרשידנאַרטיקייט פון דעם פענאָמענאַלן ווערק — בכתב און בעל־פּה — וואָס הייסט: י. ל. פּרץ.

עס גלייבט זיך נישט, אַז מען קען שוין עפּעס נייעס מוסיף זיין צו דעם וואָס ס'איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן פּרצן אין לויף פון דעם יאָרהונדערט. מען קען אָבער, ביים אָפּצייכענען זיין 60טע יאָרצייט, אַרויסהייבן דאָס וואָס איז געבליבן פון אים, פון זיינע פּאַרזיכטע קערנער אין דער יידישער ליטעראַטור און אינעם יידישן לעבן, וואָס מיר באַצייכענען: — פּ ר צ ע ס י ר ו ש ה.

רעטראָספּעקטיוו גענומען, קענטיקט זיך באַשיימפּערלעך די אויסווירקונג פון פּרציזם אין אונדזער תקופה — בעת זיין לעבן, און נאָך זיין טויט — ווי אַ מין היסטאָרישע עוואָלוציע, אין וועלכער דער פּרץ־פּאָרטרעט אין דער פאָקוס פון טראַדיציאָנאַליזם און מאָדערניזם אין דער הייננטצייטיקער יידישע געשיכטע. נישט אַריינגייענדיק דאָ אין דעם עצם ענין פון קאָנטראָווערסאַלן כאַראַקטער, אויף וויפל דער גענישאַלער יחיד קען מיט זיין לעבן און שאַפן באַווירקן דעם גאַנג און דעם פּראָצעס פון רעוואָלוציע, איז אָבער בלתי ספק, אַז אין דעם גאַנג פון עוואָלוציע, האָט די געניאַליטעט פון דעם אַקטיוון שעפערישן יחיד, אַ גרויסן חלק ונחלה אין אויספורעמען דעם איבערגאַנג פון איין עפּאָכע צו אַ צווייטער.

אַרטור קעסטלער האָט אין זיינע לעצטע ווערק זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף די גרויסע ענדערונגען אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן געדאַנק, און אין דעם פּראָצעס פון עוואָלוציע וואָס עס האָבן געהאַט בייגעשטייערט גרויסע היסטאָרישע געניאַלע יחידים. ער הייבט אַרויס זייערע באַשטימטע ענלעכע שטריכן און איינע פון זיי — די אָנהייב פון דעם גרויסן קריזיס, וואָס פאָדערט אַ לייזונג.

פון איין זייט האָבן זיי אַרויסגעוויזן סקעפּטיציזם, ביז אַ פאַרלייקענונגס־פּונקט, פון די טראַדיציאָנעלע אמתן און דאָגמעס, וואָס נעמען פאָרויס יעדער זאַך פאַר זיכער; פון דער צווייטער זייט—אַן אָפּענער קאָפּ צו גלייבן יעדע נייע קאָנצעפּציע, וואָס פאַרמאָגט עפּעס אַ צוזאָג... פון דעם קומט אַרויס בולטער די מעגלעכקייט צו זען באַקאַנטע, אָנגענומענע זאַכן אין אַ נייעם ליכט, אין אַ נייעם קאָנטעקסט.

אַרטור קעסטלער רעדט וועגן דער אַלגעמיינער מענטשלעכע געשיכטע און אירע עטאַפּן. ער ווייזט אָן פאַרוואָס דער פילאָסאָפישער קלימאַט אין גריכנלאַנד נאָך דער מאַקעדאָנישער דעראָבערונג, איז געווען רייף פאַר אַזאַ קאָנצעפּציע פון דעם אוניווערס און נישט פאַר קיין אַנדערער; פאַרוואָס ער 17טער יאָרהונדערט איז געווען רייף פאַר ניוטאָנס קאָנצעפּציע און דער 20טער י"ה פאַר איינשטיינען און פרוידן. ער אַנאַליזירט די אַלגעמיינע שטימונג פון טראַנזיט און די אָנהייב פון אַ גרויסן קריזיס וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן מענטשלעכן ספּעקטער פון אַקטיוויטעטן: סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע, רעליגיעזער גלויבן, קונסט, וויסנשאַפט און דער געפיל, אַז די גאַנצע טראַדיציע איז געוואָרן אָפּגעשניטן פון הויפּט־קוואַל, פון דער רעאַלער לעבעדיקער ווירקלעכקייט.

ווען מיר גייען צו מיט די מאָסן פון דעם אַנאַליז צו דער פּרץ־תקופה, זעען מיר אי דעם אַלגעמיינעם יידישן קלימאַט פון זיין צייט, מיט אירע טראַדיציאָנעלע דאָגמעס, וואָס נעמען אָן יעדער זאַך פאַר זיכער, און פון דער צווייטער זייט — אַן אָפּענער קאָפּ צו יעדער נייער קאָנצעפּציע,

צו זוכן עפּעס וואָס שיינט צו פאַרמאָגן אַ נייעם צוזאָג.

פרץ איז געווען דער אומרואיקער זוכער, און זיין גרויסקייט ליגט פיל מער אין זיין זוכן, ווי אין זיין געפינען. זיין גייסטיקער דינאַמיזם האָט נישט פאַרטראָגן קיין פאַרגליווערטע דאָגמאַטישקייט פון וועלכער ער איז געווען דער שאַרפסטער קעגנער. זיינע מאָנונגען און פאָדערונגען צו יידיש־אוניווערסאַלע און אוניווערסאַלע יידישע אויפגאַבן, האָבן סינטעזירט די אוצרות פון פאַרגאַנגענע דורות מיט די האָפענונגען וואָס זיי טראָגן פאַר די קומענדיקע דורות. פאַרקניפּן די ירושה פון די פדיערדיקע צייטן מיט דעם מאָדערנעם צייטגייסט פון דער געגעבענער עפּאָכע דורך אַ סינטעז צווישן דעם נאַציאָנאַלן מיט דעם אַלגעמיין־מענטשלעכן. די אַלצייטלעכע ירושהדיקי יידישקייט דאַרף נישט גענומען ווערן אין איר פאַרגליווערטקייט, נאָר אין איר דינאַמישקייט, וואָס איז פאַרבונדן מיט אוניווערסאַלקייט. און דאָס איז דער הויפּט עלעמענט פון פרציזם.

לאָמיר דאָ באַמערקן, אַז דעם גייסטיקן שעפערישן מענטש, בפרט דעם קינסטלער, דערקענט מען נישט נאָר דורך זיינע גוט־אויסגעפורעמטע, שלימותדיקע, פאַרענדיקטע ווערק, נאָר דורך דער ליידנשאַפט פאַר זיינע אידעען, דורך דעם גאַנצן ספּעקטער פון זיינע מחשבות, בענקשאַפט און געפילן, וואָס שטראַלן אַרויס פון זיין שעפעריש־ווירקנדיקער פערזענלעכקייט. נאָך מער: זיין גייסטיקע געשטאַלט בלייבט לעבעדיק אפילו ווען ווען זיינע ווערק, רייד און געדאַנקען זיינען טיילווייז פאַרבלאַסט געוואָרן אין גאַנג פון צייט.

ווען מיר באַטראַכטן היינט פרצעס אויסווירקונג אין דער יידישער ליטעראַטור, זעען מיר דעם אומרואיקן דינאַמישן גייסט, וואָס האָט מיט זיינע זוכענישן אין יעדן קוואַל פון אַמאָל און היינט געוויזן ווי אַזוי מען קען פאַרבינדן דאָס ירושהדיקע און פאַרצייטלעכע מיט דעם מאָדערניזם פון היינטצייטלעכקייט. דאָס זוכן גופא איז פאַר אים געווען אַ גרונט־מאָטיוו אין זיין עקספּערימענטאַלער לאַבאָראַטאָריע. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש זיין באַקאַנטער זאָג:—„נישט דאָס וויסן, נאָר דאָס קלערן". און דורך זיין שאַפן גייט טאַקע דורך—צווישן אַנדערן—דער חוט המשולש פון זוכן, צווייפלען און שטרעבן.

* * * * *

פרצעס ניגון אין דער יידישער ליטעראַטור איז רייך אין פאַרשיידענע טענער און ניואַנסן. ער האָט אים אויסגעזונגען ליריש און עפּיש, דראַמאַטיש און דערציילעריש; ער האָט אים באַגלייט מיט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע טענער אין זייער בילדלעכער פילזייטיקער און פראַגמענטאַרישער פאַרשיידנקייט. עס איז נישט נייטיק צו דערמאָנען, אַז אין פראַגמענטאַרישקייט איז מטבע נישט פאַראַן קיין גאַנצקייט, דאָך, אומדערוואַרט, קומט אַ מאָל אַרויס פון דעם אַ גאַנצקייט אַ נייער סינטעז אַן אויסגלייכעניש צו שלימות פון דער פראַגמענטאַרישער פאַרשיידנקייט. עס איז אויך אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פון אַ שעפערישן פּראָצעס, נישט צו זען זאַכן לויט דער געוויינהייט פון אַסאָציאַטיוון קאָנטעקסט, נאָר אין אַ נייער ראַם און קאָנצעפּציע באַגלייבט פון סקעפּטיציזם און גלייבלעכקייט. דאָס איז מער אַן אופן פון אַנען אַזאַ, וואָס איז באַפרייט פון דעם קאַטאַראַקט פון אָנגענומענע גלויבונגען. עס איז אַן אַקט פון צעשטערן און קרעאַציע, וואָס עס מאַכט צייטנווייז דורך אַ מיסטיקער, ווען זיין נשמה גייט דורך די פינצטערניש פון נאַכט צום ליכט פון אויפגייענדיקן טאָג, ווי אַרטור קעסטלער האָט עס באַצייכנט אין זיין שאַפן.

אין פרצעס ווערק איז פאַרשפיגלט דער היסטאָרישער פּראָצעס פון עוואָלוציע פון יידישן גייסט, וואָס האָט אויפן שוועל פון 20טן יאָרהונדערט געדאַרפט אינטעגרירן פאַרשיידענע קעגנזאַצלעכע שטרעמונגען און זיי קאָאָרדינירן אין אַ באַלאַנסירטער גאַנצקייט. און גאַנצקייט אין דער ספערע פון קולטור (און ציוויליזאַציע) באַשטייט נישט פון סומירן טיילן, נאָר פון זייער האַרמאָנישער אינטעגרירונג און קאָאָרדינאַציע. איז אָבער יענע עוואָלוציע־תקופה געשטאַנען אונטערן צייכן פון שאַרפע שטייטן צווישן חסידות און השכלה — צוויי שטאַרקע, לעבעדיקע שטראָמען דאַן אין דער יידישער געשיכטע, וואָס האָבן אויפגערודערט דאָס יידישע לעבן אין 19טן יאָרהונדערט. (המשך אויף זייט 30)

# אַ הסתדרות
# אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט
פון דער
## ישראל הסתדרות־פונדאַציע
אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי

- אַ יערלעכע הכנסה פון 8.5%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט . . .
אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 8.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט.

---

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to............................................................

Address............................................................

Date of Birth..............................Soc. Sec. No..............................

Principal Amount $............................................................

Date........................Signature of Applicant..............................

# דער
# אַרבעטער רינג

פּראָגרעסיווע פראַטערנאַלע
יידישע אַרבעטער און
פאָלקס-אָרגאַניזאַציע

## איבער זיבעציק יאָר

אַ זייל פון יידישן געזעלשאַפטלעכן
לעבן אויף אַלע שטחים און גע-
ביטן אין אַמעריקע און מעבר לים

פאַר אינצלהייטן שרייבט אָדער טעלעפאָנירט :

## אַרבעטער רינג קולטור צענטער

1619 סאַוט ראָבערטסאָן בולוואַרד — לאָס אַנדזשעלעס

טעלעפאָן: 276-7007

(המשך ון זייט 27)

די קאַמפּן צווישן די ביידע ריכטונגען איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ שאַרפן קריזיס אין דער יידישער געשיכטע, פאַר וועלכער עס האָט זיך אַוועקגעשטעלט די פראַגע: וווהין גייט דאָס יידישע לעבן? וועט מעגלעך זיין צו שפּינען ווייטער דעם יידישן געשיכטלעכן פאָדעם אין גייסט פון קאָנסערוואַטיזם, פון אַ גייסטיקן געטאָ? אַז׳ער פירט עס צו אַסימילאַציע, צו דער נאַציאָנאַלער אויפלייזונג צווישן די אַרומיקע פעלקער?

די השכלה־אידעאָלאָגיע האָט געקעמפט מיט ציין און נעגל מיט דער קאָנסערוואַטיווער סביבה פאַר וועלטלעכער בילדונג און קולטור, צו באַפרייען דעם קריטישן געדאַנק פון די קאָנסערוואַטיווע צוימען און אַרויספירן דאָס יידישע לעבן פון זיין פּראָווינציעלקייט און פאַרגליווערטקייט צו מאָדערנער קולטור פון אייראָפּעישקייט און אַלוועלטלעכקייט.

אָבער נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, אין די אַכציקער יאָרן, ווינען די השכלה־אידעען געלעגן פאַרבלוטיקט און די אַנטוישונגען אין זיין האָבן אַרויסגערופן נייע שטרעמונגען: — די אידעע פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, די אויפבויאונג פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון איין זייט, און פון דער צווייטער — די סאָציאַליסטישע איידעע, דער קאַמף פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט און באַפרייאונג. צו די פרירדיקע צוויי, זיינען צוגעקומען די לעצטע צוויי שטרעמונגען אויפן שוועל פון 20טן י״ה.

אונטערן צייכן פון די פיר שטראָמען איבעם יידישן לעבן און זייערע קאָנסטרוקטיווע כוחות, האָט זיך אָנגעהויבן די פרץ־תקופה מיט איר געשיכטלעכן שמעלצטאָפּ אין וועלכן עס האָבן זיך אַריינגעגאָסן די ענערגיעס פון די פיר זיך באַקעמפנדיקע ריכטונגען.

און עס געהערט צו פּרצעס גרויסע פאַרדינסטן, וואָס ער איז געווען דער ערשטער טיפערער זעער און אַריינדרינגער אין די געשיכטלעכע פּראָצעסן פון זיין תקופה. ער האָט אינטעלעקטועל און קינסטלעריש אַרומגענומען די ברייטע

האָריזאָנטן פון די פיר באַזונדערע זיך־צונויפגעגעגנטע אָפּגעזונדערטע שטראָמען, וואָס ציען אין פאַרשיידענע ריכטונגען... ער האָט אָפּגעשאַצט די היסטאָרישע באַדייטונג און די נאַציאָנאַלע ווערטן פון יעדער באַזונדערער ריכטונג. אין חסידות — די פאַריונגערונג פון דער יידישער רעליגיע, איר באַלעבן דאָס רעליגיעזע געפיל דורך נגינה, טאַנץ און התלהבות; איר ברענענדיקע גאולה־בענקשאַפט און אויסלייזונג־חלומות, באַהאַפטן מיט לעבנס־אָפּטימיזם (דער עכטער חסידישער שמחת החיים), די פאָלקסטימלעכקייט און דעמאָקראַטיזאַציע, וואָס די באַוועגונג האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער געזעלשאַפט — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט פּרץ געזוכט צו געשטאַלטיקן אין זיינע דערציילונגען און דראַמעס.

אויך די אַנדערע דריי שטראָמען פון דער תקופה — השכלה, נאַציאָנאַלע אויפלעבונג און די סאָציאַליסטישע באַפרייאונגס־אידעע — האָט פּרץ געפורעמט אויף זיין ספּעציפישן אופן, אַרויפגעהויבן זייערע וואַליאָרן און זיי געשטאַלטיקט עפּיש, ליריש און דראַמאַטיש. גייען מיר נישט אַריין אין דער פּלוגתא, צי אים איז קינסטלעריש טאַקע געלונגען צו געשטאַלטיקן בשלימות אידעען, פּראָבלעמען, טיפּן. דאָס געהערט צו אַן אַנדער טעמע, מיט וועלכער מיר קענען זיך דאָ נישט פאַרנעמען. וואָס מיר ווילן אָבער יאָ אונטערשטרייכן איז פּרצעס אינטעלעקטועלע ברייטערע האָריזאָנטן צו באַנעמען און באַגרייפן דעם קראַנקן צושטאַנד פון אַ געזעלשאַפט, פון אַ קולטור און ציווילי־זאַציע, וואָס שטאַמט בעיקר פון דער אָפּגעשוואַכטקייט פון אירע קאָאָרדינירנדיקע כוחות, מחמת אירע באַזונדערע טיילן מיט זייער עגאָ־צענטרישקייט פירן זיך אומאָפּהענגיק, ווילן אָנוואַרפן זייערע געזעצן, געדאַנקען און פירונגען דעם עגזעצן, געדאַנקען און פירונגען דעם גאַנצן אָרגאַניזם, גלייבנדיק באמונה שלימה, אַז דאָס איז צום געזונט, בעת פאַקטיש ברענגט עס גאָר שאָדן דעם העכערן אינטערעס פון גאַנצן אָרגאַניזם. אַט די דערשיינונגען האָבן זיך אין פאַרשיידענע תקופות אײַבערגעחזרט אין דער אַלגעמיינער געשיכטע, און דאָס איז אויך געשען אין דער

יידישער געשיכטע, ווען איין ריכטונג האָט געפּרוווט אירס אָנוואַרפן דעם כלל.

* * * * *

ווען מיר צייכענען אָפּ פּרצעס 60 יאָר־צייט, זעען מיר וויפל פון זיין שאַפן האָט נישט היינט מער ווי אַ קולטור־היסטאָרי־שע באַדייטונג. לדוגמה: ווען מיר נעמען היינט אין האַנט זיינע „בילדער פון אַ פּראָווינץ־רייזע" — אַוודאי זיינען דאָרט פאַרצייכענונגען פון מינהגים און שטיי־גער־בילדער פון דעם לעבן אויף דער פּראָווינץ אין סוף 19טן י"ה. אָבער דאָס קען נאָר באַטראַכט ווערן היינט, ווי אַ טייל פון דעם דענקמאָל, וואָס מענדעלע האָט אַזוי קלאַסיש אויפגעשטעלט און איז דער־גאַנצט געוואָרן דורך אַ ריי שפּעטערדיקע דערשינענע זיכרונות.

וואָס ס'איז יאָ מערקווירדיק לגבי די „בילדער", איז דער אופן, ווי אַזוי זיי זיינען צושטאַנד געקומען, דאָס וואָס אַ געשמאַדטער ייד (יאַן בלאָך) האָט אויף זיך גענומען דעם יאָך צו אָרגאַניזירן אַ יידיש־סטאַטיסטישע עקספּעדיציע איבער דער יידיש־פּוילישער פּראָווינץ בכדי צו העלפן די יידישע פאָלקסמאַסן, איז נישט געווען קיין אָפטע דערשיינונג אין אונדזער געשיכטלעכן לעבן. יאָ, ער האָט געטוישט די אמונה, אָבער זיין האַרץ איז געבליבן מיט יידן, געשטיצט מיט אַ ברייטער האַנט העברעישע און יידישע ליטע־ראַרישע ווערק און אויך די פאָלקס־אויס־גאַבעס וואָס האָבן פּראָפּאַגירט היגיענע. ער האָט געזוכט צו פאַרבעסערן די עקאָ־נאָמישע און קולטורעלע מערכה פון די פאָלקסמאַסן — דאָס אַליין איז אַ טעמע פאַר אַ היסטאָריש־בעלעטריסטישן ווערק.

אויך פּרצעס „יום־טוב בלעטלעך" זיי־נען פאַר אונדז נאָר אַספּעקטן פון קולטור־היסטאָרישן כאַראַקטער. אמת, עס האָט נאָך אַ באַדייטונג, ווי דער ערשטער אָרגאַן פון דעם נייעם טיפּ ייד, באַהויכט מיט דער סאָציאַלער אידעע, מיט איר דינאַ־מישקייט. עס איז דער אָנזאָג פון דעם נייעם כוח, וואָס האָט גענומען זיך אויפ־וועקן פון זיין דרימלען, און איז אַרויף אויף דער געזעלשאַפטלעכער בינע. שפּע־טער וועלן מיר ווייטער זיך טרעפן ביי פּרצן מיט דעם נייעם שיכט אין די פאַר־שיידענע זשאַנרען, און אויך אין „באַנצע שווייג" מיט זן קאָלעקטיוון און יחידישן כוח, פון וועלכן ער האָט אַליין נישט געוווסט.

אָבער דער גרויסער פּרץ באַווייזט זיך דאָך ערשט אין זיין פאָרם פון ראָמאַנטיזם. ביז אים איז קינסטלערישער ראָמאַנטיזם געווען אַ פרעמדער בגד אין דער יידישער דערצייל־קונסט, וואָס איז געווען מיט קאָפּ און לייב און לעבן דורכגעדרונגען מיט דעם רעאַליסטישן זשאַנער.

פּרץ איז געווען נישט נאָר דער ערש־טער קינסטלערישער אויסדרוק פון ראָ־מאַנטיזם אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט געקענט ווייזן אין אַ ביי ליכט, אין אַ נייער אויפפאַסונג ראָמאַנטישע גע־שטאַלטן פון דער פאָלקס־דיכטונג, נאָר אויך דער ערשטער, וואָס האָט טיפער אָפּ־געשאַצט די פּערל פון יידישן פאָלקלאָר, ער האָט ביים פאָלק אויסגעבאָרגט די ראָ־מאַנטישע געשטאַלטן, בכדי זיי דורכצו־לייכטן פון אינעווייניק. דער למד־וואָווניק, אליהו הנביא און די אַלע אַנדערע העלדן פון יידישן פאָלקלאָר, וועלכע פּרץ האָט געשטאַלטיקט אין זייער אינעווייניקסטער שיינקייט, עטישער דערהויבנקייט, זיי פאַרקערפּערן נישט דעם אמת פון שיינ־קייט, נאָר די שיינקייט פון אמת, פון העכערע ווערטן און העכערע וועלטן.

אָט די ראָמאַנטיק איז געווען אַ נייער אָנהייב פון טעמאַטישער אָנגעלאָדנקייט, פון תוך־פּראָבלעמען, באַהויכט מיט דעם טראַנס פון באַפליגלטער יונגקייט און גע־פיל־ניואַנסירטקייט: דינקייט פון געדאַנק, עמקות פון געלייטערטער מחשבה, פאַר־טיפונג אין מענטשלעכן א י ך, געהערן צו די ברענפּונקטן פון פּרציזם. די אינ־דיווידועלע פּסיכאָלאָגיע, דער גורל פון יחיד, מיט זיינע סתירות און ריסן, די אינערלעכע קאָנפליקטן — דאָס האָט נאָך פּרץ אָנגעהויבן געשטאַלטיקן אין „מאָניש" מיט וועלכער ער האָט דעביוטירט אין דער יידישער ליטעראַטור, הגם אויבנאויפיק איז עס דאָך אַ רעאַליסטישע לעבנס־דראַמע, אויפן פאָן פון דעם אַלטן לעבנס־שטייגער און קולטור־ראַם, אָבער אונטער דעם אויבערפלאַך באַווייזט זיך אַ גאַנצע יידישע לעבנס־פילאָסאָפיע געטובלט און איינגעהילט אין פאָלקלאָר און ראָמאַנ־טיק. שוין אין „מאָניש" קענטיקט זיך

די ספעציפיש פּרצישע לירישקייט און דינקייט פון דער יחידישער אויסגעפורעמטער געפילס־אויפלעבונג.

דורך „מאַניש" האָט פּרץ גלייך זיך אויסגעטיילט פון מענדעלען און שלום עליכמען דערמיט וואָס ער האָט צו דעם כלל צוגעגעבן דעם פּרט. בעת ביי זיינע פאָרגייער האָט דעם הויפּט־אָרט פאַרנומען די טיפּיזאַציע פון דער יידישער סביבה, פון קאָלעקטיוון העלד — כל ישראל האָט פּרץ דורכגעלויכטן דעם יחידישן העלד און דעם פּראָזשעקטאָר אויף אים אָנגעשטעלט צו זען נישט אַזוי דעם יידן אין דעם מענטשן, ווי דעם מענטשן אין דעם ייד. אָט די באַלייכטונג זעען מיר שוין אין געראָטענעם ערשטלינג (מאַניש) אָבער פיל מער אין זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען.

„חסידיש" פאַרקערפּערט דעם אינדיווידועל עטישן באַוווסטזיין ביי געשטאַלטן מיט ווילנס־קראַפט. נישט דאָס גאָטלעכע, נאָר דאָס מענטשלעכע ליכטיקט אַרויס פון זייערע נשמות. עס איז פּרצעס מעדיום פאַר זיין עטיש־פילאָסאָפישן געדאַנקענגאַנג און געדאַנקען־וועלט, מיט דעם טראָפּ אויף דעם הומאַנישן. ער האָט דורכגעלופטערט דעמאָקראַטיזם און גייסטיקן אַריסטאָקראַטיזם (אין „צווישן צוויי בערג") און זיך געשטשעלט אויף דער זייט פון פאָלק („פאַר כלל ישראל, פאַרן פּראָסטן יידן"). זיין שטרעבונג איז געווען צו זען גאַנצע מענטשן, דערהויבענע, באַפליגלטע מענטשן, (אַ מענטש דאַרף האָבן פליגל, אָן זיי איז ער גאָרנישט"), אויפהייבן דעם מענטשן פון זיין געפאַלנקייט און דערנידערונג, ווי אין „שלום בית", ווען חיים וויל חנהן אויפהייבן צו זיך.

אין „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" איז שוין דער טראָפּ מער אויף דעם אינדיווידועל עטישן מוח. איינגעטונקען אין פאָלקלאָר, אין מעשיות פון פאַרצייטישקייט, ליכטיקן פון דאָרט אַרויס פּערל, וואָס באַצירן דאָס אַלטע מיט אַ נייער נשמה. דורך דעם מיטאָס און לעגענדאַרן שטאָף געזוכט צו באַליכטיקן דעם היינט מיט אַלמענטשלעכקייט איינגעהילט אין יידישן לבוש.

איינשטעלן זיך פאַר הייליקייטן, און לעבן מיט הייליקע תורות דורך אַלע זייערע אויסשטראַלונגען — דאָס איז אַן עיקר העיקרים פון פּרציזם. זיין אויפטו דערביי איז געווען, וואָס ער האָט אונדז געוויזן, וואָס מען קען לערנען ביים פאָלק, דערצו נאָך ביי אַזאַ פאָלק ווי אונדזער — אַ וועלט־פאָלק, אַ וואַנדער־פאָלק מיט אַ פיר־טויזנט־יאָריקער געשיכטע, וואָס ציט זיך פון נילוס ביזן ירדן און ווייסל, געשלענגלט דורך רהיין, מעץ, פּראַג, אַמסטערדאַם, קאַסטיליע, און אַנדערע ברענפּונקטן און ווענדפּונקטן פון דער יידישער וועלט־מאַחע.

אַ וויכטיקער שטריך פון פּרציזם איז זיין גייסטיקע אומגעזעטיקטקייט און דאָס איזגעוועזן דער ריח און רוח פון זיין תורה וואָס ער האָט מיט אונדז געלערנט, בכתב און בעל־פּה. זיינע מיטצייטלערס האָבן באַשריבן אין זייערע זכרונות, וואָס ס'האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך פּרץ שבבעל פּה מיט זיינע פּאָעטישע אימפּראָוויזאַציעס, וועלכע האָבן געהאַט אין זיך אַזאַ מאַגנעטיזם און געקענט אָנצינדן די אודיטאָריע מיט זיין אָראַטישער קונסט. זיין בליציקער זאָג איז געקומען אומגעריכט און געווירקט מיט זיין איבערראַשונג, ווי מיט זיין אינהאַלט.

פּרצעס טרעפן זיך מיט יוגנט אין זאַקסישן גאָרטן, דאָס נאָכקוקן אים אין גאַס פון צענדליקער אַרבעטער און שילערס, וואָס פלעגן פאַרגאַפטע אים נאָכפאָלגן מיט זייער בליק. אהרן צייטלין ע"ה האָט אין זיין פּאָעמע „וואַרשע אין 1912" אַריינגעכישופט אין זיינע שורות די פּרץ געשטאַלט, ביים דורכגיין די גאַס. איך וועל דאָ ציטירן די קורצע שורות, וואָס זאָגן מער ווי גאַנצע בענד:

„... אַ געזעצטער מאַן מיט דיקע
וואָנצעס פּריצישע,
אַ קורצן ברענענדיקן אָטעם,
קומט אָן מיט שנעל פעסטן טראָט.
זיין שוואַרצע פעלערינע פליגלט —
אַ פלאַטער און אַ פאָך,
פאַרגאַפטע
לויפן פענצטער אים נאָך,
דורות, וועלטן, קלאַנגען
יאָגן זיך נאָך אים,
ווילן אים דערלאַנגען,
און ער — ער פליט, ער פליט.

אין גאַנצן כישוף, גלאַנץ און קאָך
אַ פאַרחלומט ייִנגל קוקט אים נאָך
מיט פרומען ציטערנדיקן דרך־ארץ.
ער ווייסט דאָך ווער דאָס איז —
י צ ח ק  ל י י ב ו ש  פ ר ץ . . .

פרצעס דראַמע „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז אין דער קריטיק באַצייכנט געוואָרן ווי אַן אויסדרוק פון יאוש און טיפער אַנטוישונג, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם דיכטער אין די יאָרן פון דער צאַרישער רעאַקציע נאָך דער דורכגעפאַלענער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, 1905.

אין דער טראַגישער קאַרניוואַל־מיסטעריע אויף דער ייִדישער גאַס, האָט פרץ אַרויסגעפירט אַלע שיכטן פונעם ייִדישן לעבן, אַלע געזעלשאַפטלעכע כוחות — צו די לעבעדיקע מצרף געווען די טויטע — אַלע צוזאַמען זאָלן מלחמה האַלטן מיטן בלינדן געץ, וואָס הערשט איבער דער וועלט... אָבער קיינער פון זיי קען נישט העלפן, און איינזאַם בלייבט שטיין דער בדחן (דער דיכטער) ווייל אַלע כוחות פון דער אַלטער, ווי פון דער נייער וועלט, זיינען אימפּאָטענט, מאַכטלאָז און עס איז נישטאָ אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, צו קענען זיך אָנשפּאַרן אויף זיי...

איך מיין, אַז דאָס איז מער אַן אוניווערסאַלע דראַמע, ווי אַ ספּעציפיש ייִדישע. די טראַגיק אירע האָט מער צו טאָן מיט דער אַלגעמיינער וועלטלאַגע, ווי מיט דעם ייִדישן לעבן. עס איז די אַלצייטלעכע טראַגיק אינעם מענטשלעכן לעבן — און טויט, אויסגעשפּילט אין גראָטעסקפאַרבן. עס איז לעבן וואָס אידענטיפירט זיך מיט טויט, מיט פאַרצווייפלונג און פאַרגיין פון אַלע שיינע אידעאַלן און חלומות, וועלכע צעשווימען, ווי נאָר דער בלעכענער האָן גיט אַ קריי און מען צעלויפט זיך אין די לעכער... די דורכגעפאַלענע אַלמענטשלעכע שטרעבונגען, וואָס האָבן נישט באַוויזן פאַרווירקלעכט צו ווערן, נישט באַוויזן צו דערלעבן דאָס נישט אויסגעלעבטע לעבן, דערטאַנצן דעם טאַנץ, וואָס זיי האָבן נישט דערטאַנצט... איזדען דאָס נאָר נוגע דאָס ייִדישע לעבן?

און דער געץ וואָס רעגירט איז דאָך ישט בלויז דער אַלטער גריכישער פאַטום, וואָס הערשט אויף רעכטס און אויף לינקס; עס זיינען די לעבעדיקע פּאָליטישע פירערס פון דער וועלט — אויך פון אונדזער הייַנטיקער וועלט און פון אירע „פאַראייניקטע פעלקער" (אונא), פון דעם נייעם געץ — נ אַ פ ט מיט זיינע האַרן, פאַר וועלכע אַ וועלט בוקט זיך... דער דיכטער האָט געזוכט די מענטשן מיט ווילנסקראַפט („ווילט נאָר, האָט איר בלוט ווי שטאָל"), מענטשן וואָס קענען וועלן פאַרניכטן דעם געץ איבערן לעבן מיט זייער כוח, מיט גוואַלד־מיטלען („לעבן נעמט מען מיט גוואַלד"), אָבער געפינען האָט ער מאַכטלאָזיקייט אומעטום. דעריבער נישטאָ אין דער טראַגישער נאַכט־מיסטעריע קיין לעבעדיקע כאַראַקטערן, נאָר שאָטנס פון מענטשן; זייערע קלאַנגען, שטימען... בלעכענע הענער פון טויטע, וואָס קענען נאָר גלעקלען...

שטעל איך זיך נישט אָפּ דאָ אויף די ליטעראַרישע־דראַמאַטישע וואַליאָרן פון פרצעס דיאַלאָג, פון זיין שאַרפן אויסדרוק, נאָר אויף דער פּראָבלעמאַטיק, וואָס איז צאַפּלדיק־פריש און אַקטועל ביי דעם גאַנצן ייִאוש, וואָס ער ווייעט פון דער דראַמע, ווו דער דיכטער זוכט און פרעגט: ווו איז צוועק? ווו איז ציל? דאָך איז ער זיך נישט מיאש פון דעם גלויבן אין לעבן, אין מענטש, אין דער צוקונפט („עפּעס אין האַרץ דאָך בליט. עפּעס טרייבט דאָך און עפּעס ציט").

דורך די 60 יאָר זינט פרצעס טויט, האָט די וועלט בכלל, די ייִדישע וועלט בפרט, דורכגעלעבט צוויי וועלט־מלחמות און דעם גרויסן היטלער־חורבן, וואָס האָט אומגעבראַכט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. און נאָכן חורבן — דער אויפקום פון מדינת ישראל מיט די אַלע באַגלייט־דערשיינונגען אין דער מדינה און אין די תפוצות, וואָס זיינען פאָרגעקומען אונטער פרצעס מאָנענדיקע אויגן. פאַריינזאַמט שטייט דער פרץ־אוהל אויפן גענשער בית־עולם און וואַכט איבער זיינע אויסגעקוילעטע ייִדן אויף דער פוילישער ערד...

האָט אַ ייִדישער שרייבער, אברהם זאַק, שטייענדיק ביים פרץ אוהל, אַ פּר זיין פאַרלאָזן פוילן, אויסגעוויינט דעם ייִדישן צער, זאָגנדיק צום ייִדישן דיכטער:

## זאב וואָלף סאָלעס

# רבי יהודה הלוי

### (צו זיין לפי ערך 900סטן געבוירן־יאָר)

רבי יהודה הלוי, דיכטער און דענקער, איז געבוירן געוואָרן צום סוף פונעם 11טן יאָרהונדערט אין טאָלעדאָ, קריסטלעך שפּאַניע. אַלס בחור איז ער געפאָרן לערנען תורה און חכמה אין אַראַבישן טייל פון שפּאַניע. זייער יונג האָט ער אָנגעהויבן שרייבן וואונדערלעכע שירים אין העברעיש, פון וועלכע דער גרויסער דיכטער פון יענער עפּאָכע, רבי משה אבן עזרא,

מיר האָבן נישט קיין קברים, קיין בערגל
  נישט, קיין שטיין,
צו וועמען זאָל־זשע קומען אַ ייד מיט
  זיין געוויין?
צו דיר, אָ, פאָטער פרץ, מיר קומען
  דאָ אָבער,
פון אַלע גלות־וועגן, איעדער מיט זיין
  טרער..."

אָבער מיר וויסן פרצעס ענטפער: זיין רוף צו ווייטערדיקער שעפערישקייט פון יידישער גייסטיקייט, און אין יעדן יישוב זיינען דאָ די פונקען, וואָס טליען מיט דעם עקשנותדיקן ווילן ממשיך צו זיין אונדזער גייסטיקן לעבן. די אָפּצייכענונג פון דעם דיכטערס יאָרצייט איז אַ מאָנונג צו שעפערישקייט און אַקטיוויקייט פאַר אונדזער שווער געפּרוווטן לעבן, און בפרט פאַר אונדזער טראַגיש געטראָפענער יידישער ליטעראַטור. בעת זיין לעבן האָט פרץ אויפגעטאָן פאַר אונדזער ליטעראַטור גרויסע זאַכן. ער האָט איר געגעבן ציל, באַוווסטזיין, שליחות, ערדהויבונג און אַלצייטלעכקייט. זי זאָל זיין הלל און סליחות, תפילות און מיזמורים... זי זאָל, מיט איין וואָרט,, ווערן אונדזער גייסטיקע היים אין וועלכער מען לעבט זיך איין מיט איר וואָך און יום־טובדיקייט.

וועל איך מסיים זיין מיין פרץ מאמר מיט אַ וואָרט פון אַברהם ליעסין, אַז „דאָס ווערק וואָס פרץ וועט טאָן נאָך זיין טויט, זאָל זיין אַזוי גרויס, און נאָך גרעסער, ווי דאָס ווערק וואָס ער האָט געטאָן ביי זיין לעבן."

האָט געהאַט גרויס התפעלות. אין קאָרדאָוואַ, דער צענטער פון תורה און חכמה אין אַראַבישן שפּאַניע, האָט ער אויך געלערנט די פילאָסאָפישע ווערק פון די גריכן אין אַראַבישער איבערזעצונג. אָבער זיין האַרץ און מוח האָבן פאַרנומען די יידישע תורה, דער יידישער גלות און די העברעישע שפּראַך, וואָס ער האָט באַהערשט ווי קיין אַנדערער.

דער צענטראַלער געדאַנק אין זיינע שירים איז געווען די בענקעניש נאָך דער אויסלייזונג פון פאָלק ישראל פון ביטערן גלות — און שיבת ציון. נאָר דאָרט קאָן קומען די ישועה פאַרן יידישן פאָלק און אויך פאַר דער גאַנצער וועלט. צווישן זיינע גאָר גרויסער צאָל שירים געפינען זיך אויך עטלעכע, וואָס דריקן אויס דעם דיכטערס פּערזענלעכע געפילן, אָבער ווערן אויסגעטייטשט ווי סימבאָלן פאַר דער גאַנצער אומה. ער האָט אויך געלערנט די חכמת הרפואה און אַלס דאָקטאָר־מעדיצין האָט ער פון דעם געצויגן זיין חיונה. אויף וויפל ס'איז באַקאַנט האָט ער געהאַט אַן איינציקע טאָכטער.

אויף דער עלטער האָט ער מחבר געווען דעם ס פ ר ה כ ו ז ר י — אַ וויכוח צווישן דעם קיניג פון די כוזרים און אַ יידישן געלערנטן, אַ ח ב ר, מיט דעם פיקטיוון נאָמען ר' יצחק סנגרי, וואָס איז פון קיניג איינגעלאַדן געוואָרן, אים קלאָר צו מאַכן דעם מהות פון דער יידישער אמונה. דער ספר איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג. דער מלך פרעגט און דער חבר ענטפערט און דערקלערט. צום סוף געלינגט דעם חבר צו איבערציגן דעם מלך פון די כוזרים אין דעם אמת פון דער יידישער אמונה, און דער מלך, זיין סוויטע און אַ טייל פון די כוזרים נעמען אָן דעם יידישן דת

עס דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז איידער דער וויכוח צווישן דעם מלך און דעם חבר האָט זיך אָנגעהויבן, האָט צוערשט דער מלך אויסגעפרעגט אַ פאַרטרעטער פון דער קריסטלעכער רעליגיע

און אַ פּאַרטרעטער פון דער מחמדנישער רעליגיע וועגן זייערע עקרי אמונה. דער מלך האָט אָנגעוויזן אויף נישט־לאָגישע גלויבונגען און זייערע רעליגיעס און זיי באַלד אָפּגעוואָרפן, באַזונדערס בעת די דאָזיקע פּאַרטרעטערס האָבן אַליין מודה געווען, אַז זייערע אמונות זיינען באַזירט אויף תורת־משה. אַ חוץ די ביידע רעליגיעס פיגורירט נאָך אַ גריכישער פילאָסאָף, וואָס אויך ער גלויבט אין גאָט, וואָס האָט געשאַפן דעם קאָסמאָס, אָבער ער האָט נישט קיין שום שייכות מיט דער שאַפונג פון די ברואים. גאָט האָט באַשאַפן די נאַטור־געזעצן און אַלץ פירט זיך אַליין לויט זייערע אויפגאַבעס: לית דין ולית דיין.

רבי יהודה הלוי האָט פאַרפאַסט דעם ספר הכוזרי אין אַראַביש־יידיש פון זיין צייט. מען געפינט אין אים רמזים, וואָס ווייזן, אַז ער באַדויערט, וואָס ער האָט געשריבן זיינע העברעישע שירים אין דעם אַראַבישן פערז־מאָס, וואָס גיט דעם לייענער און דעם צוהערער בלויז אַן עסטעטישן גענוס. דער עיקרשט איז דער מענטש מחוייב זיך צו קאָנצענטרירן אויפן אינהאַלט פונעם געשריבענעם אָדער גערעדטן וואָרט, און וואָס די הויפּט זאַך איז — אויף מעשים טובים און קיום המצוות פון תורת־משה.

אין דער עלטער פון זעכציק יאָר פאַרלאָזט יהודה הלוי שפּאַניע, און לאָזט זיך אַוועק אויפן דאַן געפערלעכן וואַסערוועג קיין ארץ ישראל, צו זיין אויסגעבענקטן הייליקן לאַנד. אויף דער שיף, וואָס וואָרפט זיך אין קאָנוולסיעס אויפן שטורמישן מיטללענדישן ים שרייבט ער זיינע באַרימטע ים־לידער. טייל פון זיי זיינען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין יידיש פון ח"נ ביאַליק און י"י שוואַרץ.

רבי יהודה הלוי קומט ענדלעך אָן קיין אַלעקסאַנדריע אין מצרים, ווו ער האַלט זיך אויף אַ געוויסע צייט. פון דאַן אָן האָבן מיר נישט קיין באַגלויבטע ידיעות וועגן און ווו ער איז פאַרשווונדן געוואָרן.

ס'איז דאָ אַ לעגענדע, געדרוקט אין ספר שלשלת הקבלה, פון ר' גדליה יחיא, וואָס דערציילט, אַז רבי יהודה הלוי האָט נאָך באַוויזן אָנצוקומען קיין ירושלים און דערזעענדיק די חרובע שטאָט, האָט ער זיך אויסגעשטרעקט אויף דער הייליקער ערד און אויסגעוויינט זיין באַרימטע קינה: „ציון הלוא תשאלי לשלום אסיריך." די דאָזיקע קינה ווערט ביזן היינטיקן טאָג רעציטירט אין דער גאַנצער יידישער וועלט מיט אַ רירנדיקער טרויעריקער מעלאָדיע יעדן תשעה באב. די לעגענדע ווייסט אויך צו דערציילן, אַז אַן אַראַבישער רייטער אויף אַ פערד, זעענדיק ווי רבי יהודה הלוי ליגט אויף דער ערד וויינענדיק און קלאָגנדיק אויף די חורבות, איז ער אויף אים אַרויפגעריטן און צעטראָטן אויף טויט דעם דיכטער מיט די קאָפּיטעס פון זיין פערד. אָבער ווי עס שיינט איז עס בלויז אַ „שיינע" לעגענדע, וואָס כאַראַקטעריזירט און באַקרוינט דעם גרויסן פּאָעט מיט אַ מאַרטירער־טויט פאַר זיין געליבט לאַנד. עס איז מער נאָענט צום היסטאָרישן אמת, אַז רבי יהודה הלוי איז נפטר געוואָרן אויפן וועג פון מצרים קיין ארץ ישראל.

* * *

רבי יהודה הלוי האָט געווידמעט זיינע פּאָעטישע כשרונות בעיקר צו די ווייטערדיקע דריי מאָטיוון:

א) גאָט און זיין תורה
ב) ישראל צווישן די פעלקער
ג) ארץ ישראל און אַנדערע לענדער.

זייער יונג האָט ער אָנגעהויבן זיינע פּרעכטיקע שירים. רבי יהודה הלוי האָט געהאַט דאָס גליק געבוירן צו ווערן ביי אַ רייכער משפחה אוו געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו חברן מיט יונגגע לייט פון די געבילדעטע קרייזן, וואָס זיינען געווען באַהבנט אין תורה און חכמה. ער האָט אָפט אנטייל גענומען אין מסיבות און סעודות, ווו מ'האָט דעקלאַמירט לידער לויט דעם מינהג אין יענער צייט אין שפּאַניע. עס זיינען אויך פאַרגעקומען „קאָנטעסטן" צווישן חברים־פּאָעטן, ביי וועלכע ס'האָט זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט דער יונגער יהודה הלוי.

פאַרשטייט זיך, אַז די ערשטע לידער זיינען געווען פריילעכע און לייכטע. ער האָט געזונגען וועגן נאַטור, ליבע, ליידנשאַפט. ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ ציקל וויין־לידער און געלעגנטלעכע פריינדשאַפטס־לידער, ווי ס'האָט זיך געפירט אין דער „הויכער" געזעלשאַפט. אַ דאַנק

זיין זאַרגלאָזער דערציונג אין זיין רייכן פאָטערס הויז, איז דעם יונגן יהודהס נשמה געווען אָפן פאַר דער שיינקייט פון דער פרוי און ער זינגט:

„איר, זינגער, באַזינגט זייער שיינקייט,
און שפּילער, איר זאָלט זיי באַגלייטן!
די טעכטער, די שענסטע פון מזרח,
דעם חן, וואָס פון זיי טוט זיך שפּרייטן.“
(יידיש: י. י. שוואַרץ)

אין דער צווייטער תקופה הערן זיך שוין אין זיינע געזאַנגען טרויעריקע טענער: די קרייצצוגן וואָסהאָבן זיך אַדורכגעטראָגן איבער די שטעט אין אייראָפּע, ווו יידן האָבן געוווינט, און דאָרט אָנגעמאַכט חורבנות און הריגות, און אויך די רדיפות און דערנידערונגען אין די איסלאַמישע לענדער האָבן באַטריבט דעם דיכטערס געמיט. זיין סענסיטיווע נשמה איז טיף פאַרוואונדעט געוואָרן פון די ליידן פון זיין פאָלק מצד אדום און ישמעאל, ווי די קריסטן און מוסולמענער ווערן גערופן אין דער אַלטער יידישער ליטעראַטור.

נאָך מער האָט דער דיכטער געליטן צוליב דער צעשטערונג פון דעם פּאַטריאַרכאַלישן יידישן לעבנס-שטייגער, וואָס איזפאַראורזאַכט געוואָרן דורך די גירושים פון די אַלט-איינגעזעסענע וווין-ערטער. צוזעענדיק די האָפנונגלאָזיקייט פון דער יידישער לאַגע און, וואָס איז נאָך ערגער — די מיאוסקייט פון יידישן לעבן אין די גלות-לענדער — האָט ער אויסגעדריקט זיין פאַרביטערט האַרץ אין תפילות און אין טיפע רעליגיעזע פּאָעמעס. אָט די דאָזיקע רעליגיעזע נאַציאָנאַלע קינות, אין וועלכער דער דיכטער שידערט די נידערגעשלאָגנקייט און די שענדלעכע עקזיסטענץ אין גלות צווישן בייזע קולטורלאָזע שונאים, האָבן אים פאַרשאַפט אַן אייביקן נאָמען ביים יידישן פאָלק. אין די קינות-לדער ווענדט ער זיך צום אייניציקן רעטער וואָס קאָן ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק, צום גאָט פון אַברהם, אַז ער זאָל זיך שוין ענדלעך מרחם זיין און אַרויסראַטעווען די שארית הפליטה פון די נעגל פון די מענטשן-חיות.

קיינער פון די יידישע דיכטערס פאַר אים און נאָך אים האָט נישט געהאַט די פעיקייט אַרויסצוברענגען מיט אַזעלכע רירנדיקע ווערטער און אין אַזאַ שיינער פאָרם דעם צער פון דער יידישער אומה, וואָס פילט זיך פאַרלאָזט פון גאָט. קיינער פון די פריערדיקע גרויסע שפּאַנישע פּאָעטן האָבן אפילו אין זייערע בעסטע שאַפונגען נישט געגעבן אַזאַ אויסדרוק דער גאַרונג און האָפענונג אויסגעלייזט צו ווערן פונעם ביטערן גלות — און דער ענדלעכער שיבת ציון.

זיין נאַציאָנאַלע פּאָעזיע טראָגט אין גאַנצן אַ רעליגיעזן כאַראַקטער. ביי רבי יהודה הלוי איז פאָלק און תורה אידענטיש. אַ יידיש פאָלק אָן תורה איז קיין פאָלק נישט. דער מאָטאָ פון רבי סעדיה גאון אין „האמונות והדעות“ מאמר ג׳: אומתנו איננה אומה כי אם בתורותיה“ איז תמיד געשטאַנען פאַר זיינע אויגן. דאָס יידישע פאָלק איז גאָטס פאָלק, דאָס תורה-פאָלק, דאָס אויסגעוויילטע פאָלק, און ארץ ישראל איז גאָטס לאַנד, דער טויער צום הימל. ירושלים של מטה איז געקניפּט און געבונדן מיט ירושלים של מעלה.

רבי יהודה הלוי זינגט:

„מיט אויסגעשפּרייטע הענט צו גאָט,
טוט תפילה, פאַלט מיטן פּנים
צו דער ערד אַנידער; און ווענדט זיך,
ווי די טויבן צום טויבנשלאַק,
אַנטקעגן שטאָט ירושלים.

ברידער, דאָס איז דאָס הויז פון אייער
רו און לעבן,
און אייער גלוסטיקייט פון האַרץ און
אויגן —
גאָט ליבט די טויערן פון ציון זייער,
און ביז צום הימלס טויער
זיי דערצויגן.“
(איבערז.: י.י. שוואַרץ)

אַציגד הייבט זיך אָן די דריטע תקופה אינעם דיכטערס לעבן. די בענקעניש נאָך ציון איז נישט געווען ביים דיכטער אַן אַבסטראַקטער ווונטש, דאָס איז ביי אים געווען דער אינהאַלט פון זיין לעבן. ער האָט באמת אַזוי געפילט, ווי ער זינגט אין אַ שיר: „מיין האַרץ איז אין מזרח — און איך — אין סוף מערב.“ ער האָט גערופן די יידן, זיי זאָלן אַוועק פונעם גלות און צוריקגיין קיין ציון. זיי זאָלן

נישט קוקן אויף די שוועריקייטן און אויף די סכנות וואָס לאָקערן אויף די מענטשן, וואָס לאָזן זיך אַרויס אויפן שטורמישן מיטללענדישן ים מיטן ציל צו דערגרייכן דאָס הייליקע לאַנד.

רבי יהודה הלוי איז נישט געווען בלויז אַ נאה דורש, און ער איז טאַקע געווען אַ נאה מקיים. אויף דער עלטער לאָזט ער זיך אַרויס אויף אַ שיף קיין ארץ ישראל. אויפן וועג צעבושעוועט זיך דער ים מיט אַ שרעקלעכן שטורעמווינט. ער באַשרייבט די סצענע אין איינעם פון זיינע פרעכטיקע ים-לידער:

„אַנגעברוגזט האָט דער ים זיך
און געקנייטש זיך און געקרומט —
פלוצים האָט ער זיך צעבייזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אָט לויפן שוין אַנטקעגן
ווילד און בייז מיט ווייסן שוים,
כוואַליעס לייבן, כוואַליעס שלאַנגען
אויסגעוואַקסן פון דעם תהום...

ווי שאַף צעשפּרייט, די קליינע כוואַליעס
שטיל וויגן זיך אין לייכטן דרימל.
עס ציטערן אין ים די שטערן —
ווער איז דאָ ים און ווער איז הימל?

צוויי ימען שלאָפן דאָ צוזאַמען,
צונויפגעלייגט, ווי גלייכע ברידער;
איין דריטער ים אין מיטן שלאָפט נישט;
מיין האַרץ מיט זיינע נייע לידער."
(יידיש: ח"נ ביאַליק).

ווען מיר פאַרטיפן זיך אין זיינע גייסטיקע שאַפונגען, באַקומט זיך אונדז אַ בילד פון רבי יהודה הלויס פערזענלעכקייט פון אַ פערפעקטער סינטעזע פון האַרץ און מוח. הגם ער האָט געהאַט אַ סך וואַגיקע און פילפאַרביקע אינטערעסן אין זיין לעבן ווי אַ דיכטער, דענקער און מעדיקער, איז ער פון דעסטוועגן געווען אַן איינציקאַרטיקע האַרמאָנישע פערזענלעכקייט. אין צענטער פון זיין לעבן בפרט איז געשטאַנען די יידישע תורה. אַלע זיינע דערהויבענע גייסטיקע כשרונות האָט ער איינגעשפּאַנט אין דער פּאָעזיע, פילאָסאָפיע און וויסנשאַפט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער יידישער אומה און איר אמונה.

רבי יהודה הלויס רעליגיעזע פילאָסאָפיע איז באַגרינדעט אויף די זעלבע דריי מאָטיוון: גאָט, ישראל און ארץ ישראל. רבי יהודה הלוי באַגרינדעט זיין טעאָריע וועגן גאָט און מענטש און זייער באַציונג צום קאָסמאָס, און צווישן זיי זיך אויפן פאַקט, וואָס אַלץ אין דער וועלט איז צוזאַמענגעזעצט פון אַ סכום עלעמענטן, וואָס זייער צאָל איז אייגנטלעך בלויז צוויי, דהיינו: פסיכישע און פיזיקאַלישע. מיט אַנדערע ווערטער: רוחניותדיקע און גשמיותדיקע. היות גאָט קען נאָר באַגריפן ווערן ווי אַ ריינע אַבסאָלוטע גייסטיקייט, זיינען די פילאָסאָפן, וואָס האָבן פאַר רבי יהודה הלוין און אויך די שפּעטערע נאָך אים, געקומען צו דער מסקנה, אַז גאָט איז אַ מהות פאַר זיך אַליין און האָט גאָר נישט צו טאָן מיט דער וועלט, נישט מיט אירע באַדערפעניש און נישט אפילו מיט דעם בחיר-היצירה, דעם מענטשן. דעם דאָזיקן גאָט-באַגריף רופט רבי יהודה הלוי אָן: „דער גאָט פון אַריסטו. דער יידישער גאָט-באַגריף הייסט ביי אים: „דער גאָט פון אברהם."

אין ספר הכוזרי מאַכט אונדז רבי יהודה הלוי קלאָר דעם חילוק פון די צוויי באַגריפן.

די דערקלערונג ברענגט בולט אַרויס דעם אונטערשייד צווישן דער יידישער אויפפאַסונג און דער אַלגעמיין-פילאָסאָפישער. די אויפפאַסונג איז אַנדערש אין פאָרם און אין אינהאַלט, הגם בנוגע דער אַבסאָלוטער גייסטיקייט פון גאָט זיינען זיך ביידע אויפפאַסונגען אייניק. דער פילאָסאָפישער גאָט רוט אין די וועלטרוימען, ער איז קאָנצענטרירט אין זיך אַליין, און ער האָט גאָר נישט צו טאָן מיט דער וועלט. ער איז אַ קדמון אַזוי ווי דער קאָסמאָס. נישט ער האָט דעם קאָסמאָס געפּלאַנט און נישט ער האָט עפּעס אַ שייַכות צו אים. ער האָט נישט קיין שום אחריות פאַר אים און קער זיך גאָר נישט אָן מיט זיינע ברואים און אויך נישט מיט מענטשן. דער מענטש האָט נישט קיין שום פאַרבינדונג מיט אים און אוודאי און אוודאי נישט קיין פערזענלעכע באַרירונג מיט אים.

גאַנץ אַנדערש איז דער גאָט־באַגריף, דער גאָט פון אַברהם. דער באַשעפער פון דער וועלט און אַלץ אַלץ, וואָס איז אין איר, איז נאָענט צו זיינע באַשעפענישן, באַזונדערס איז ער נאָענט צום גלויביקן מענטשן. ער איז דער באַשעפער פון דער נאַטור און אירע געזעצן; ער פירט די וועלט, ער ווירקט אין דער נאַטור יעדע רגע: המחדש בכל יום תמיד מעשה בראשית — יעדן טאָג, שטענדיק שאַפט ער. ספּעציעל מערקט זיך זיין אָנוועזנקייט ביי גלאָבאַלע געשעענישן פון איבערנאַטירלעכן באַטייט אין דער וועלט־געשיכטע, ווי למשל ביים מבול, יציאַת מצרים פון יידישן פאָלק, ביים מעמד פון הר סיני, ווען ס'איז פאָרגעקומען די התגלות הבורא פאַר דער גאַנצער אומה אא״וו.

אָפט איז גאָט מחדש וווּנדער־אַקטן פון איבערנאַטירלעכן פאַרנעם, בעיקר טאַקע צוליב אַ באַשטימטן פאָלק אין געוויסע סיטואַציעס. גאָט האָט אויך באַשאַפן פאַר מענטשן מעגלעכקייטן צו קענען זיך דערנענטערן צו אים גייסטיק, צו ווערן שעפעריש און זיין אַ שותף צו מעשה בראשית. געוויסע יחידים באַשענקט ער מיט אַ חוש, וואָס דערמעגלעכט זיי צו דערשפירן אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיט דער געטלעכקייט. דאָס זיינען די יידישע נביאים און סתם ערלעכע מענטשן. דאָס זיינען די מענטשן, וואָס זיינען מקיים גאָטס מצוות און זיינען אָפּגעהיט פון אומ־מאָראַלישע מעשים — און וואָס פירן זיך לויט דער עטיק פון דער תורה. דאָס איז דער וועג, וועלכן יעדער איינער קען באַטרעטן און דערגרייכן אַ באַשטימטע דערנענטערונג צו גאָט.

אמת, נישט אַלע זיינען ביכולת צו דערגרייכן אַ גלייכע גרויסע מדרגה. עס הענגט אַ סך אָפּ פון דער אָפּשטאַמונג, פון נאַטירלעכע אָדער געיירשנטע פעיקייטן. ספּעציעל באַקומט זיך אַ גרויסע פּעולה, אויב דער מענטש גיט זיך אָפּ מיט אינטענסיוון תורה־לערנען און מיט פאַרטיפן זיך אין די עטישע ווערק פון די גרויסע חכמים און בעיקר, אויב ער איז מקיים בפועל די מצוות מיט די ריכטיקע כוונות און נישט צוליב פּראָפיטן אָדער כבוד. דאָס איז דער וועג וואָס פירט צו דער אויסלייטערונג פון דער נשמה און צו דער דערגרייכונג פון אַ הויכער מדרגה אין רוחניות. דער דאָזיקער וועג איז אָנגעצייכנט אין דער תורה פאַר אַלע מענטשן און אַלע פעלקער. רבי יהודה הלוי האַלט אָבער, אַז מיט די יידן האָט דער באַשעפער געמאַכט אַן אויסנאַם און באַשאָנקען דאָס גאַנצע פאָלק מיט אַן אייגנשאַפט, וואָס אַנדערע פעלקער באַזיצן נישט און דאָס — צוליב זייער אויסדערוויילטקייט...

* * *

רבי יהודה הלוי דערקלערט דעם מלך פון די כוזרים, אַז יחידים פון אַנדערע פעלקער, אפילו זיי וועלן מקיים זיין אַלע מצוות פון דער תורה און דערגרייכן אַ הויכע גייסטיקע מדרגה, וועלן זיי אויף קיין פאַל נישט קענען זיך דערווערבן די אייגנשאַפט פון נביאות. נביאים קענען זיין נאָר מענטשן, וואָס שטאַמען אָפּ פון יידן. די דאָזיקע דערקלערונג געפעלט נישט דעם מלך. ער וויל וויסן, פאַרוואָס מוז עס אַזוי זיין. דער חבר — רבי יהודה הלוי — ענטפערט: די אויסגעוויילטקייט פון יידישן פאָלק איז נישט געקומען פון גאָט, ווייל די יידישע ראַסע איז אַ העכערע. די סיבה איז נאָר געווען דערפאַר, ווייל משה רבנו, גאָטס שליח, צו ברעגנען די עשרת הדברות צו דער מענטשהייט, האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז אוממעגלעך צו פאַרבעסערן אַלע פעלקער אויף א י י ן מאָל. אַ טייל פון די אַנדערע פעלקער וואָלטן זיי, די עשרת הדברות, באַלד אָפּגעוואָרפן מיט דער טענה, אַז זיי אַנטהאַלטן געבאָטן און פאַרבאָטן וואָס זיינען קעגן דער נאַטור פון מענטשן און מען קען זיי נישט אָננעמען. זיי טויגן נישט מתקן צו זיין די וועלט. דערפאַר האָט גאָט אויסגעוויילט דאָס יידישע פאָלק, כדי זיי זאָלן זיין די לערערס פון אַנדערע פעלקער, און זיי וועלן דורך זייער צעשפּרייטקייט אין פיל לענדער אָדער דורך שליחים און געלערנטע מענטשן פאַרשפּרייטן דאָס געטלעכע ליכט אויף דער גאַנצער וועלט.

דאָס ליכט וואָס שטראַלט אַרויס פון תורת משה (ספר הכוזרי מאמר א׳ סימן ק׳). — אַז דאָס יידישע פאָלק האָט די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן די אמתע גאָט־אידעע פון אַן „אל חי״, וואָס ווירקט

שטענדיק אין לעבן צווישן די פעלקער פון דער וועלט, האָט רבי יהודה הלוי משמעות געגומען פון זיין יינגערן מיט־צייטלער, ר׳ אברהם אבן עזרא. אין די עשרת הדברות פון פרשת יתרו ברענגט אבן עזרא, אַז רבי יהודה הלוי ז״ל האָט אים געפרעגט: „פאַרוואָס זאָגט גאָט, איך בין דיין גאָט וואָס איך האָב דיך אַרויס־געצויגן פון לאַנד מצרים, הלמאי וואָלט דאָך בעסער געווען ווען ער זאָל זאָגן: וואָס כ׳האָב באַשאַפן הימל און ערד — אָדער גאָר: וואָס כ׳האָב דיך באַשאַפן? פאַרוואָס עפּעס אַ גאָט וואָס האָט באַוויזן אַ נס?״ דער אבן עזרא דערקלערט דאָרט רבי יהודה הלוין, אַז גאָט פירט זיך מיט יידן מיט נסים, וואָס זיינען חוץ לדרך הטבע, אָבער מיט אַנדערע פעלקער איז גאָטס פירונג לויט די נאַטור־געזעצן.

עס זעט אויס, אַז דער ענטפער האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע השפעה אויף רבי יהודה הלוין. אין „ספר הכוזרי״ געפינען מיר דעם געדאַנק, אַז די יידן זיינען אַן אויסגעוויילט פאָלק צוליב וועלכן הקב״ה ענדערט די נאַטור־געזעצן. גאָט איז פאַרבונדן מיט די וועלט־געשעענישן און מישט זיך אין די אינטערעסן פון פעל־קער, ספּעציעל איז ער נאָענט צו זיין פאָלק ישראל צו באַווייזן די נסים אין צייטן פון נויט...

אין משך פון וויכוח דרופט אָן דער חבר ארץ ישראל: „גאָטס לאַנד״. דאָס קען שוין דער מלך נישט משיג זיין: — איז נישט די גאַנצע וועלט גאָטס? פאַרוואָס נאָר אַ באַשטימט לאַנד? דער חבר ענט־פערט: „די לענדער פון דער וועלט האָבן פאַרשיידענע קלימאַטן. נישט אין אַלע לענדער לעבן די זעלבע בעלי־חיים. דאָס זעלבע איז דער פאַל מיט געוויקסן, מינע־ראַלן און מעטאַלן. דעסטגלייכן זיינען די איינוווינערס אין לאַנד פאַרשיידן פון די אַנדערע לענדער אין אויסזען און כאַראַק־טער. גאָט האָט נישט אַלצדינג אַריינגע־געבן אין איין לאַנד און צו איין פאָלק. גאָר נישט אין דער וועלט איז שלימותדיק. שלימות אָדער פעלערהאַפטיקייט איז אָפּ־הענגיק פונעם געמיש פון די עלעמענטן אין דער נאַטור אויף אַ באַשטימטן אָרט. דאָס איז דער פאַל מיט ארץ ישראל. גאָט האָט אויסגעוויילט ארץ ישראל פאַר זיין לאַנד, מחמת דאָס דאָזיקע לאַנד האָט אַזעלכע מעלות, וואָס מאַכן עס פּאַסיק פאַר דער אַנטוויקלונג און געדייונג פון געטלעכן געדאַנק און מענטשלעכן גייסט. דאָס דאָזיקע לאַנד איז דאָס בעסטע אָרט אין דער וועלט, ווו די שכינה רוט שטענ־דיק און נאָר פון דאָרטן קען די נבואה אַרויסגיין פאַר די יידן און פאַר דער גאַנ־צער וועלט. אַלע נביאים האָבן נביאות געזאָגט אין ארץ ישראל מיטן אויסנאַם פון פון דריי נביאים — צווי פון די דריי — יחזקאל און דניאל — וועגן ארץ ישראל, און איינער, ירמיהו הנביא — האָט טאַקע נביאות געזאָגט אויך אין מצרים, אָבער זיין נביאות האָט זיך באַצויגן נאָר אויף מצרים גופא.

עס איז אינטערעסאַנט פאַר דער היינט־צייטיקער סיטואַציע, וואָס דער חבר האַלט, אַז דער מדבר סיני (און פאַרן) רעכנט זיך פאַר ארץ ישראל, ווייל ער ליגט אויף דער מזרח־זייט פונעם ים־סוף, דער היינ־טיקער סועץ קאַנאַל. ער באַגרינדעט זיין מיינונג מיט דעם פסוק פון שמות כ״ג, לא: „ושתי את גבולך מים סוף ועד ים פלש־תים, וממדבר ועד הנהר״...— און איך וועל מאַכן דיין גרענעץ פונעם ים־סוף און ביז דעם ים פלשתים און פון דעם מדבר ביז צום ט ײ ך, וואָס איז דער טייך פרת.

די הייליקייט פון לאַנד, ספּעציעל פון דעם פּלאַץ, וואָס איז שפּעטער אויף אים געבויט געוואָרן דער בית־המקדש, איז שוין מאַניפעסטירט געוואָרן מיט דעם אַקט פון עקידת יצחק, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן הר המוריה. אין יענער צייט איז נאָך דער פּלאַץ געווען אַ וויסטער. אברהם אָבינו איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דאָס אָרט געהייליקט. נאָך אים האָט יעקב אָבינו אויסגערופן אויפן זעלבן פּלאַץ בשעת ער איז אַנטלאָפן אויס מורא פאַר זיין ברודערס נקמה: „אין זה כי־אם בית אלהים.״ האָבנדיק אַ געטלעכן חלום פון מלאָכים, וואָס גייען אַרויף אויפן הימל און נידערן אַראָפּ אויף דעם דאָזיקן אָרט, איז נישט אַנדערש, „סיידן דאָס איז דאָס הויז פון גאָט.״

פון אָט די פאַקטן און אַנדערע געשעע־נישן איז צו זען, אַז באַשטימטע פּלעצער זיינען אויסגעוויילט געוואָרן פון דער השגחה צוליב גאָר וואָגיקע גייסטיקע

צוועקן, וואָס זאָלן זיך דאָרט מאַניפעסט־טירן. עס איז פונקט אַזוי ווי אַ גערטנער וועט אויסזוכן אַ פּאַסיקן באָדן אויף וועלכן צו פלאַנצן די פּרוכט־ביימער, וואָס זאָלן אַרויסגעבן גוטע פּירות.

אויפן זעלבן אופן קען מען דערקלערן, פאַרוואָס די נבואה האָט זיך דערהאַלטן אין שפּעטערדיקע צייטן ביי די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב דווקא נאָר אינעם הייליקן לאַנד. ארץ ישראל שטייט אונטער דער ספּעציעלער השגחה פון גאָט. דאָס לאַנד מוז האַלטן שבת: „ושבת הארץ שבת לה׳ (ויקרא כ״ה, ב׳). איר באָדן קען נישט פאַרקויפט ווערן אויף שטענדיק ווייל צו מיר געהערט דאָס לאַנד: „והארץ לא תמכר לצמיתות, כי לי הארץ.״ איר זענט בלויז צייטווייליקע אויפן לאַנד. „כי גרים ותושבים אתם עמדי״ (דאָרט). דאָס לאַנד איז א י י ב י ק אין גאָטסבאַזיץ.

דער חבר רעכנט נאָך אויס אַנדערע גרויסע מעלות פון ארץ ישראל. דער צווישנשייד פון טאָג־צו נאַכט רעכנט זיך אָנהייבנדיק פון ארץ ישראל. לויט דעם חברס מיינונג געפינט זיך דאָס הייליקע לאַנד אין מיטלפּונקט פון דער ערד. ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז די דמיונדיקע אינ־טערנאַציאָנאַלע דאַטום־ליניע, וואָס איז אָנגענומען אין אונדזערע צייטן, וואָס גייט דורך אין גריניטש — איז נישט ווייט פון ארץ ישראל.

נאָך די אַלע לויבענישן און ליבע־דער־קלערונגען צום הייליקן לאַנד קען זיך דער מלך פון די כוזרים נישט מער באַ־הערשן און ער פרעגט דעם חבר, רבי יהודה הלוי, אַן אייזערנע קשיא: „אויב אַזוי, דערפילסטו נישט דיין חוב לגבי ארץ ישראל! פאַרוואָס מאַכסטו נישט דיין ענדציל דאָס דאָזיקע לאַנד? פאַרוואָס מאַכסטו נישט דאָרט דיין הויז פאַר דיין לעבן און טויט? דו זאָגסט אין דיינע תפי־לות: „רחם על ציון, כי היא בית חיינו״ און אין אַלע ימים טובים דערמאָנסטו אין די תפילות ארץ ישראל; אַזוי זעט עס אויס אַז אַלע דיינע בוקענישן און בעטענישן זיינען בלויז חניפה. עס דאַכט זיך מיר, אַז שוין דיינע עלטערן, דורך אַ סך דורות, האָבן ליבערשט געוואָלט וווינען אין אַנ־דערע לענדער און זיין דאָרט פרעמדע אײדער צו זיין בירגער אין זייער אייגן לאַנד. ביט געקוקט אויף דעם, וואָס די פרעמדע לענדער זיינען פול מיט געצנ־דינסט און זינד האָבן די יידן פון דעסט־וועגן נישט קיין חשק אָוועקצוגיין פון זיי. אמת אַ קליינער טייל פון זיי וויל, אַז נאָך זייער טויט זאָל מען זייערע ביינער אַרי־בערפירן קיין ארץ ישראל דאָרט באַגראָבן צו ווערן, און מיט דעם ענדיקט זיך זייער גרויסע ליבע צום הייליקן לאַנד.

ענטפערט דער חבר: „האָסט מיך טאַקע פאַרשעמט, מלך פון די כוזרים! דאָס איז טאַקע די סיבה פאַרוואָס מיר זיינען נישט אויסגעלייזט געוואָרן און פאַרוואָס מיר קענען נישט דערפילן אונדזערע פליכטן, צו וועלכע גאָט האָט אונדז באַ־שטימט. נאָר אַ קליינע צאָל האָט אין גלות בבל באַשלאָסן עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. דער רוב יידן, צווישן זיי גרויסע חכמים, האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן פון זייערע וווינונגען און זייער פאַרמעגן און זיינען געבליבן אין בבל. אַזוי איז אויך אין אונדזערע צייטן, מלך פון די כוזרים. ס׳איז לײדער אויך אמת, אַז מיר זיינען מתפלל אָן כוונה און בשעת מיר זאָגן: השתחוו להר קדשו און המחזיר שכינתו לציון, איז עס אַזוי ווי דאָס גע־פּלאַפּל פון אַ פּאַפּוגע. מיר דענקען נישט וואָס מיר זאָגן.״

עס זעט אויס, אַז ווען רבי יהודה האָט געענדיקט שרייבן דעם „ספר הכוזרי״ אויף די עלטערע יאָרן, האָט ער באַשלאָסן עולה צו זיין קיין ארץ ישראל, נישט געקוקט אויף די אומגעהייערע גרויסע געפאַרן וואָס האָבן אין יענער צייט געלאָקערט אויף די רייזנדע פונעם מיטללענדישן ים.

צולעצט וועל איך נאָך ברענגען איין זאַך, וואָס ווערט געבראַכט אין „ספר הכוזרי״ (מאמר ה׳, כז) אין וועלכן רבי יהודה הלוי דריקט אויס די נבואה אַז: ירושלים אָמנם תבנה, כשיכספו בני ישראל לה תכלית הכוסף, עד שיחוננו אבניה ועפרה — ירושלים וועט באמת אויפגעבויט ווערן, אויב די יידישע קינ־דער וועלן שטרעבן צו איר מיט אַ פול־קאָמענער שטרעבונג אַזוי אַז זיי וועלן לייטזעליקן אירע שטיינער און איר שטויב — וואָס האַלט אין מקויים ווערן אין אונ־דזערע צייטן, אָנהייבנדיק פון די בילו״־

חלוצים ביז צו די לעצטע עליות און ביז צום היינטיקן טאָג.

ביי רבי יהודה הלוין, דעם דיכטער און דענקער, האָבן הארץ און מוח געפונען דעם אידעאַלן סינטעז. פונקט אַזוי האָט זיך משמעות דער בורא מתכוון געווען בעת ער האָט דעם מענטשן באַשאַפן פון חומר און אין אים אַריינגעבלאָזן די נשמה, אַז בײדע טײלן, חומר און נשמה, זאָלן זיך דערגאַנצן און בילדן איין האַרמאָנישע גאַנצקייט. ביי אַלע מענטשן געפינען זיך סימנים פון האַרמאָנישקייט, אָפּהענגיק פון זייער קולטורעלן ניוואָ איז די צאָל, אָבער נאָר י ח י ד י ם אין איין דור אָדער עטלעכע דורות זיינען זוכה צו דערגרייכן אַ גאָר הויכע מדרגה אין זייער שטרעבן צו שלימות. איינער פון זיי איז געווען רבי יהודה הלוי, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געמיט און געקלעטערט אויף דער לייטער „וואָס איז אַריינגעשטעלט אין דער ערד און איר שפּיץ גרייכט אין הימל אַריין" ביז צום העכסטן שטאַפּל פון כביכולס כוונה ביים באַשאַפן דעם מענטשן: ער, דער מענטש, זאָל זיך אַליין אַרויפאַרבעטן צו ווערן אַן אָדם השלם אין מוסר און אין חכמה און ברענגען גליק פאַר זיך און זיינע מיטמענטשן. אָט דעם וועג ווייזט אונדז רבי יהודה הלוי אין זיינע פּאָעטישע און פילאָסאָפישע ווערק.

פון זיין שיטה זיינען מושפּע געוואָרן אַ סך גייסטיקע באַוועגונגען אין יידישן פאָלק, אָנהייבנדיק פון די בעלי קבלה און מוסר, דאַן די חסידים הראשונים, נאָך זיי — די גרינדערס פון דער מאָדערנער חסידות, דער בעש"ט און בעל התניא, ביז צו דער ציוניסטישער באַוועגונג מיט אירע רעכטע און לינקע אָפּצווייגונגען. אַלע האָבן סוף כל סוף געפירט צו דער רעאַליזירונג פון אַ גרויסן טייל פון רבי יהודה הלויס וויזיע: דער צוריקקער קיין ציון, „צו לייטזעליקן אירע שטיינער" און אויפבויען אויף אירע חורבות אַ בנין עדי־עד אויף יסודות פון צדק און יושר.

אין די הערצער פון די חלוצים־בויער טליעט אַ פונק פון האָפענונג, אַז פון ציון וועט אפשר אַרויסקומען דאָס אמתע ליכט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

* * *

רבי יהודה הלויס געוואַלדיקע השפּעה און ווירקונג אויפן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע און אויף די אידעאַלן פונעם יידישן פאָלק פאַר דער אויסלייטערונג פון די מידות און פאַר דער לעכצונג ענד־לעך אויסגעלייזט צו ווערן פונעם ביטערן גלות, זיינען געקומען צום אויסדרוק אויך אין אונדזער ליטעראַטור אויף יידיש. זיי־נע געדאַנקען און אידעען זיינען רעפלעק־טירט אין די שריפטן פון די שריפט־שטעלער און פּאָעטן: י. ל. פּרץ („פאָלקס־טימלעכע געשיכטן", „חסידיש" און „דראַ־מען"(, ש. צ. זעצער („רבי ישראל בעל שם טוב"); מנחם באָריישאָ („דער גייער") און אַחרון, אַחרון: אין די קינסטלערישע שאַפונגען פון אונדזער גרויסן דיכטער, חיים גראַדע („דער מאַמעס שבתים" און „אויף מיין וועג צו דיר").

מיר באַגריסן חבר אריה פּאָזין צו זיין אַכציקסטן געבוירן־יאָר.

אויף אייך איז אין תלמוד געזאָגט געוואָרן: וואויל צו די זקנים וואָס זייער עלטער פאַרשעמט ניט זייער יוגנט.

מיר באַגריסן אויך בעלאַן און ווינטשן אייך נאָך אַ סך שעפערישע יאָרן.

רעי און יעקב קאַהאַן

ד״ר יהודה ראָזענמאַן

# די באַציונג צווישן גאָט און מענטש

## די פּלוגתא צווישן יהושע העשל ע״ה און אליעזר בערקאָוויץ

אין 1962 האָט יהושוע העשל ע״ה אַרויסגעגעבן זיין בוך אין ענגליש, „די נביאים״, ווו ער האָט אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז פּאַטאָס (מיטגעפיל) איז דער עיקר־געדאַנק פון די נביאים און וויזט אָן אַ שטאַרקע שייכות פון גאָט צו מענטש, זיין און גאָטס דאגה וועגן דער וועלט, און איבערגעבנקייט צום מענטש. גאָט קוקט אויף דער וועלט און איז באַווירקט פון אַלץ וואָס עס טוט זיך אין איר. מענטש איז דער אָביעקט פון גאָטס זאָרג און אָפּשאַצונג.

דער עיקר שטריך פון פּאַטאָס, און דער עיקר אינהאַלט פון די נביאימס באַוווסט־זיין איז אַ געטלעכע אויפמערקזאַמקייט און זאָרג פאַרן מענטש. דער הויפּט געדאַנק, זאָגט העשל, איז, אַז די עקזיסטענץ פון מענטש מיינט פילן, אַז עס איז דאָ עמיצער וואָס אינטערעסירט זיך אין אים, נעמט אנטייל אין זיין עקזיסטענץ. ביי אַזאַ מענטש איז דער ערשטער געדאַנק, אַז עס איז דאָ אַ גאָט. דער צווייטער געדאַנק איז, אַז גאָט איז אַן אינהאַלט און איז טראַנסצענדענטאַל. דער דריטער געדאַנק איז, אַז גאָט איז אימאַנענט, האָט השגחה אויף מיר און זאָרגט זיך פאַר מיר. גאָטס מיטגעפיל עפנט דעם מענטשנס האַרץ צו גאָט. אויב מיר פילן ניט זיין השגחה און זאָרג פאַר אונדז, ווייסן מיר גאָרנישט וועגן אַ לעבעדיקן גאָט.

צוויי יאָר שפּעטער האָט אליעזר בער־קאָוויץ פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל אין אָרטאָדאָקסישן זשורנאַל „טראַדישאָן״ מיט אַ שאַרפער קריטיק אויף העשלען, איבערהויפּט דערפאַר וואָס, לויט העשלען, איז גאָט ניט נאָר באַזאָרגט וועגן מענטשן, נאָר ער ווערט באַווירקט פון דעם וואָס ער מענטש טוט, און ער רעאַגירט לויט דער באַמערקונג:

בערקאָוויץ רופט אויס: „אויב גאָט איז אַ גאָט פון פּאַטאָס, מוזן מיר אַוועקוואַרפן אונדזער באַגריף פון גאָט ווי „דער גאַנץ אַנדערער!״ ד״ה, גאָט איז ניט טראַנס־צענדענטאַל.

איינגנטלעך, וואָס האָט אויפגערעגט בערקאָוויצן? העשל האָט דאָך געזאָגט, אַז גאָט איז טראַנסצענדענטאַל! וואָס עס האָט בערקאָוויצן אויפגערעגט איז — דער געדאַנק, אַז גאָט איז באַווירקט פון דעם מענטש, אַז מענטש האָט אַ ווירקונג אויף גאָט! דאָס קען בערקאָוויץ ניט אָננעמען.

איך האָב גרינטלעך דורכגעשטודירט בערקאָוויצס און העשלס ביכער וועגן גאָט און מענטש, און האָב דערזעען דעם גרונט־חילוק פון זייער פילאָסאָפיע פון יהדות, וואָס ציט זיך זינט דעם חילוק צווישן רמבם און ווילנער גאון פון איין זייט — און פון קבלה און בעל שם טוב פון דער אַנדערער זייט, און דאָס איז: ביי רמב״ם און גאון איז די באַטאָנונג אויף אַ טראַנסצענדענטאַלן גאָט; און קבלה און חסידות באַטאָנען אויף אַן אימאַנענטן גאָט. ביי די ערשטע איז דער געדאַנק אַן איינגעשטעלטער און דערלאָזט ניט קיין אומבייט, אַנטוויקלונג פון געדאַנק; ביי די צווייטע איז מער פרייהייט פון דענקען.

1) אין זיין בוך (אין ענגליש) „מענטש און גאָט״, טייטשט בערקאָוויץ ישעיה הנביאס פּסוק: „קדוש, קדוש, קדוש, ה׳ צבאות מלא כל הארץ כבודו״ — אַז קדוש און כבוד מיינען: דער אימאַנענטער גאָט, און ה׳ צבאות — מיינט טראַנצענדענטאַלער גאָט. בערקאָוויץ זאָגט, אַז עס איז ה׳ צבאות, דער טראַנסצענדענטאַלער גאָט, וועלכער האָט באַשאַפן די וועלט, און ער האָט זי באַזירט אויף משפט — גערעכטי־קייט, וואָס איז דער קאָסמישער פּרינציפּ פון באַלאַנס און האַרמאָניע, אָן וועלכן לעבן איז ניט מעגלעך. די גערעכטיקייט קען זיין שרעקלעך און שטרענג צו דעם באַדריקער; און אַן אַקט פון חסד צו דעם באַדריקטן. (דאָס אָבער, צום באַדויערן, טרעפט ניט אָפּט).

2) אין זיין בוך (אין ענגליש) „גלויבן נאָכן גרויסן חורבן״, זאָגט בערקאָוויץ: גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש אין דער וועלט, ער זאָל שאַפן ווערטן, ער זאָל טאָן

גוטס. גאָט גופא קען ניט שאַפן מער ווערט, ווייל ער איז ווערט, ער איז פּערפעקט, קען ער ניט ווערן מער פּערפעקט; און ווייל גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטש ער זאָל טאָן גוטס, האָט ער דאָך געמוזט געבן אים פרייען אויסקלייב (בחירה חפשית), אַזוי אַז ווען דער מענטש טוט שלעכטס, קען גאָט ניט אָפּהאַלטן אים פון טאָן דאָס. גאָט מוז, אַזוי צו זאָגן, באַהאַלטן זיין פּנים (הסתר פּנים) און קאָנטראָלירן זיין גערעכטן צאָרן און געדולדיק איבערוואַרטן דאָס שלעכטס (ארך אפּים), סיידן עס איז אַ סכּנה פון אַ פאַרניכטונג פון גאַנצן יידישן פאָלק, ווי עס איז געווען ביים ים סוף — דאַן האָט ער זיך אַריינגעמישט און געראַטעוועט די בני ישראל דורך קריעת ים סוף.

בערקאָוויץ, ווי קאָנסערוואַטיוו ער איז, האָט זיך אָבער אויסגעדריקט מוטיק (אפשר העזהדיק פאַר אַזאַ פרומען ייד ווי ער איז), אַז די ליידן פון ערלעכן מענטש און פון יידישן פאָלק זיינען, לאו דווקא, אַ שטראָף פאַר זינד. ער זאָגט: „מיר מוזן מאָדיפיצירן אונדזער באַגריף פון ומפּני חטאינו!" ניט אַלע ליידן זיינען אַ שטראָף פאַר זינד!

3) גאָט איז אַ גאָט אין דער געשיכטע. די געשיכטע פון אַלע פעלקער (אַ חוץ יידן), איז זעלבסטפאַרשטענדלעך; ס'איז נאַטירלעך, דערקלערבאַר אין טערמינען פון מאַכט און עקאָנאָמיע. בלויז די יידישע געשיכטע איז אַן עדות פון איבערנאַטירלעכער פּלאַנירונג. גאָט האָט אויסגעקליבן דעם קליינעם שוואַכן יידישן פאָלק צו ברענגען דער וועלט גאָטס געזעץ און מאָראַל, און צו זיין איבער דעם פאַרפאָלגט פון די פעלקער — און סוף־כּל־סוף צו זיין געראַטעוועט דורך גאָט! זיין מיסיאָנעריש, ליידן דערפאַר, און דאָך בלייבן לעבן — איז פאַר זיך אַליין אַן אַן עדות־שאַפט פון גאָטס עקזיסטענץ און השגחה! אין ישעיה מ"ג שטייט: אַתם עדי — איר זייט מיינע עדות. אויף דעם זאָגן די תנאים — אם אתם עדי — אני אל, ואם אין אתם עדי — אני כביכול לא אל! דער פאַקט וואָס די יידן האָבן איבערגעלעבט דעם שווערן גלות, זאָגט בערקאָוויץ, איז פאַר זיך אַליין אַ באַווייז אַז ס'איז פאַראַן השגחה פון גאָט.

4) אויף דעם וואָס די יידן האָבן די ראָל אין דער געשיכטע צו ברענגען גאָט און זיין מאָראַלישן געזעץ צו דער מענטשהייט, איז דער מענטש בכלל געבראַכט אויף דער וועלט ער זאָל זי הייליק מאַכן און איינשטעלן גאָטס קעניגרייך אויף דער וועלט.

דער מענטש, לויט זיין כּוח, איז ממשיך די אַרבעט פון באַשאַפונג און ער ווערט דערמוטיקט דורך גאָטס רוף צו זיין אַן עניוותדיקער מיטאַרבעטער פון דעם באַשעפער. (פאַרגלייכט דעם עניוותדיקן מיטאַרבעטער פון דעם באַשעפער מיט העשלס געדאַנק פון שותף, וואָס איך וועל אַרויסברענגען שפּעטער).

## אברהם יהושע העשל

העשלס געדאַנקען וועגן גאָט און מענטש האָב איך אַרויסגענומען פון זיינע וויכטיקסטע ביכער: „תורה מן השמים" — "God in Search of man", און "Man Is Not Alone".

1) העשלס צוגאַנג צו אמונה איז ניט פילאָסאָפיש. זיין צוגאַנג איז די לעכצונג פון אַ רעליגיעזן עקסיסטענציאַליסט צו געפינען אַ זין, אַ באַטייט אין זיין לעבנס באַגעגעניש מיט דעם אומדערקלערלעכן (ער זאָגט „אינעפעבל") גאָט. „מענטש שטעלט אין אַ באַציונג מיט דעם „אומדערקלערלעכן", וועלכער איז ניט דער „אין גאַנצן אַנדערש", דער טראַנסצענדענטאַלער גאָט. גאָט, ביי העשלען, איז אימאַנענט — ער איז אין דער וועלט, נאָענט צום מענטש, פאַראינטערעסירט, באַזאָרגט וועגן אים. (העשל לייקנט ניט אין טראַנסצענדענטאַלן גאָט, ער באַטאָנט אָבער דעם אימאַנענטן גאָט).

2) העשל זאָגט: עס איז דאָ בלויז איין וועג צו דעפינירן די יידישע אמונה — עס איז וויסן אַז גאָט האָט אַ ברית, אַן אָפּמאַך מיט אונדז, און די אחריות איז ניט נאָר אויף אונדז, נאָר אויך אויף אים! גאָט נייטיקט זיך אין מענטשן צו דערגרייכן גאָטס צילן. (אויך ביי בערקאָוויצן איז גאָט פאַראינטערעסירט אין מענטשן, אָבער ער נייטיקט זיך ניט אין אים).

3) לעבן איז אַ שותפות צווישן גאָט און מענטשן. גאָט איז אַ שותף און אַנטיילנעמען אין מענטשנס קאַמף פאַר גע־

רעכטיקייט, שלום און הייליקייט — וואָס איז דער מאַראַלישער געזעץ פון גאָטס תורה. און דאָס איז מחמת דעם, ווייל גאָט נייטיקט זיך אין מענטשן, האָט גאָט געמאַכט אַ בונד מיטן מענטש אויף אַלע צייטן — אַ קעגנזעצלעכע פאַרבינדונג, ארומנעמענדיק גאָט און מענטש — אַ באַציונג צו וועלכער גאָט (ניט נאָר מענטש) איז זיך מתחייב. אין דברים כ"ו שטייט: „דו האָסט היינט אויסדערוויילט גאָט צו זיין דיין גאָט, און גאָט האָט דיך היינט אויסדערוויילט פאַר זיין טייערן פאָלק.

העשל האָט אַנטוויקלט זיין געדאַנק פון שותפות צווישן גאָט און מענטש פון מאַ־מרים פון די תנאים און פון זוהר:

א) רבי אלעזר הקפר (אַ תלמיד פון רבי יהודה הנשיא) לערנט: גאָט זאָגט: „מיין תורה איז אין אייערע הענט און דער קץ (משיחס צייטן) איז אין מיינע הענט—מיר ביידע נייטיקן זיך איינער אין צווייטן."

ב) רבי יהודה בר סימון זאָגט: אַזוי לאַנג ווי די צדיקים טוען גאָטס ווילן, שטאַרקן זיי גאָטס מאַכט; אָבער אויב ניט — שוואַכן זיי אָפּ גאָט! „צור ילדך תשי".

ג) רבי שמואל בן אמי זאָגט: (דאָס האָב איך געטראָפן אין מדרש רבה ג'): זינט דעם אָנהייב פון שאַפן די וועלט, האָט גאָט געוואָלט מאַכן שותפות מיטן מענטש. (אגב דאָס איז דער איינציקער פסוק וואָס נוצט דאָס וואָרט שותפות — די אַלע אַנדערע זאָגן בלויז אַז גאָט נייטיקט זיך אין מענטש. דאָס מיינט טאַקע שותפות, אָבער דאָס וואָרט שותפות איז ניט געזאָגט גע־וואָרן — חוץ פון דעם מדרש.

ד) דער זוהר דריקט זיך אויס מוטיק שאַרף: ער טייטשט אויס דעם פסוק אין תהילים: „תנו עוז לאלהים", ניט ווי עס מיינט — שרייבט צו שטאַרקייט צו גאָט — נאָר גיט שטאַרקייט צו גאָט! מאַכט גאָט שטאַרק!

ה) העשל פרעגט: „די גאַנצע וועלט איז פאַרטיליקט פון שלעכטס! איז עס מעגלעך אַז קיינעם איז עס נוגע?" דער תנ"ך איז פול פון אויסגעשרייען, פראָטעסטן — מדוע דרך רשעים צלחה? פרעגט ירמיהו: למה תחריש בבלע רשע צדיק ממנו?! פרעגט חבקוק; איה יום המשפט? פרעגט מלאכי.

אויף עם ענטפערט העשל (אין זיין בוך „גאָט זוכט מענטש"): „מיר קענען ניט אומברענגען שלעכטס דורך גיין אין שול און תפילה טאָן מיט כוונה די צוריקגע־האַלטענע אַלמעכטייקייט פון גאָט!" די וועלט מוז האָבן גאולה... דעם מענטשנס התחייבות איז צו מאַכן די וועלט ווערטיק צו האָבן גאולה! דאָ קומט דער געדאַנק פון מענטש ווי דער שותף צו גאָט!

„אין גייסט פון תנ"ך", זאָגט העשל, „איז גוטס בעסער פון ווערט. גוטס איז גאָטס דאגה." טוב ה' לכול ורחמיו על כל מעשיו (תהילים — אשרי יושבי....).

„עס איז ניטאָ קיין יראת הכבוד פאַר גאָט אָן כבוד פאַרן מענטש. ליבע צום מענטש איז דער וועג פון ליבע צו גאָט! גאָט און מענטש האָבן דעם אויפגאַב — זיי זיינען שותפים." (מענטש איז ניט בלויז אַן עניוותדיקער מיטאַרבעטער פון גאָט, ווי בערקאָוויץ זאָגט).

## אַ קורצער סך-הכל

א) בערקאָוויץ איז אַן אָרטאָדאָקסישער יידישער פילאָסאָף, וועמענס פילאָסאָפיע איז אַ ראַציאָנאַליסטישע און איז אַ מת־נגדישע — און גאָט איז איבערהויפּט טראַנסצענדענטאַל. די אימאַנענץ פון גאָט באַטייט ניט אַז גאָט איז אין דער וועלט. עס מיינט בלויז זיין השגחה איבער דער וועלט — ווי דער ווילנער גאון האָט אויס־געטייטשט, אַז: „כבודו מלא עולם", מיינט בלויז, אַז גאָט האָט השגחה אויף דער וועלט.

ב) העשל איז געווען אַ חסיד, ביי וועמען גאָט איז אומעטום: מלא כל עלמין — ער פאַרפילט אַלע וועלטן — לית אתר פנוי מיניה — עס איז ניטאָ קיין אָרט וואָס איז אָן גאָט.

ר' מרדכי טשערנאָבילער זאָגט אין זיין ספר „לקוטי אמרים": „כשאתה מסתכל על העולם, אתה מסתכל אל הבורא יתברך שמו, וכשאתה מדבר עם האדם, אתה מדבר עם הנשמה שלו, ואין אתה יכול לראות אותה כמו שאין אתה יכול לראות את הבורא." ד"ה: „ווען דו קוקסט אויף דער וועלט, קוקסטו צום רבונו של עולם, און אַז דו רעדסט צום מענטש, רעדסטו מיט דער נשמה וואָס איז אין אים, און דו קענסט איר ניט זען, פונקט ווי דו קענסט ניט זען דעם באַשעפער."

רבקה סאַוויטש־גאַלאָמב

# פון שפּיטאָל

(אויסצוגן פון אַ טאָג־בוך)

איך האָב אָפּגעלעבט אַ לעבן און זיך קיין מאָל ניט פאַרטראַכט וועגן דעם אייגענעם גוף און זיינע פונקציעס, וועגן דער גשמיות וואָס איז אַזוי וויכטיק ווי רוחניות. אונטער דער השפעה פון אונדזער טראַדיציע, אַז דער מענטש איז דאָך שוין געבאָרן בצלם אלוהים, האָב איך טאַקע געלעבט תמיד אין אַ וועלט פון אידעען. וואָס מיר גוף, ווען מיר גוף, ווער פאַרנעמט זיך עפּעס מיט אַזוינע נידעריקע מחשבות? איצט, בעת מיין פּאַראַליז, האָב איך מיר צונויפגעשטויסן פּנים אל פּנים מיט אַזוינע „פּראָזאַישע ענינים" ווי די פונקציע פון מאָגן, און אוריין־פּענכער, און די פונקציע פון אַ פּאָר פיס. מיט אַ מאָל האָב איך אַנטפּלעקט די געטלעכקייט פון אונדזער קערפּער, אָרגאַנען וואָס אַרבעטן אין האַרמאָניע איינס מיטן אַנדערן. אַ גוף מיט אַ פּולס און אַ ריטם וואָס פונקציאָנירט אַליין אַ לעבן לאַנג, טאַקע פון געבורט ביזן טויט; אַ גוף מיט אַן אייגענער פאַרדייאונגס סיסטעם, רעגולירט זיך אַליין, קאָנטראָלירט די אייגענע באַהייצונג־סיסטעם, רעפּראָדוקציע־מאַשין מיט קעמערלעך וואָס באַנייען זיך כסדר; מיט אַ וווּנדערלעכן זע־אַפּאַראַט, קאָמפּליצירטע טעלעפאָן און טעלעגראַף־דראָטן — דאָס איז אונדזער נערוון־ און לימפן־סיסטעם, מיט אַ צענטער וואָס פיר אַן און שיקט אַרויס באַפעלן אין די פאַרוואָרפנסטע, פּיטשינקע טיילכלעך. אונדזער האַרץ, וואָס קלאַפּט אָן אויפהער פון געבורט ביזן טויט און פּאָמפּעט דאָס בלוט. אונדזערע געטרייע קנעכט — די פיס, וואָס שלעפּן אויף זיך דעם גאַנצן גוף פון דער רגע ווען מיר שטעלן זיך אויף זיי ביזן טויט. קען דען זיין עפּעס וווּנדערלעכער פון דעם? און ווי נאַריש מיר פאַרטאַכלעווען אונדזער גוף,צעטרענצלען אונדזערע כוחות ממש אויף שטות, און ווען מיר כאַפּן זיך איז כמעט תמיד צו שפּעט.

אונדזער לעבן איז פאַרטיילט אָט ווי די צייטן פון יאָר, מיט אַ פרילינג, אַ זומער, האַרבסט און ווינטער — דאָס איז אונדזער קינדהייט, יוגנט, מיטעלע יאָרן און עלטקייט. יעדער סעזאָן האָט זיין אייגנאַרטיקע שיינקייט.

* * * * *

טשקאַווע ווי דאָס לעבן אין שפּיטאָל האָט זיך זיין אייגענעם ריטם. אָפט קומט מיר אויס, אַז ס'איז געגליכן צו אַ רייזע אויף אַ שיף. מען עסט צוזאַמען, מען קריגט זיך, מען טרייבט רכילות, מען כעסט זיך, מען איז אומצופרידן און מען פרייט זיך ווען עמיצער ווערט בעסער און גלייכצייטיק איז מען אים מקנא. אויך אין שיטאָל זיינען פאַראַן קליינטשינקע פריידן און אַ סך ליידן. מען פירט דאָ אפילו ראָמאַנען מיט הייסער ליבע און געוואַלדיקער אייפערזוכט. אין אונדזער אָטיילונג (ביוראָלאָגישער) איז פאַראַן אַ בלאָנד מיידל מיט אַ פאַרעוועץ פּנים, ס'הייסט, ניט פליישיק און ניט מילכיק. זי מוז זיין אַ יאָר צוואַנציק און איר נאָמען איז לינדאַ. נו, זיינען די בחורימלעך אויף די רעדלשטולן אין איר אַלע פאַרליבט. אַלע קויפן פאַר איר אין קאַנטין פאַרשיידענע זיסקייטן. ס'איז אינטערעסאַנט נאָכצוקוקן ווי לינדאַ פירט די גרענדע, ווי זי קאָקעטירט מיט אַלעמען און רייצט אָן איין בחורל אויפן צווייטן. די איבעריקע יונגע מיידלעך זיינען לינדאַן מקנא פאַר איר גרויסן דערפאָלג. ס'איז שיין צו צוזען ווי מען קושט זיך אויף די רעדלשטולן. לינדאַ פאָרט ווי אַ פּרינצעסין אויף איר רעדלשטול און אַ גאַנצע כאַליאַסטרע בחורים יאָגן זיך נאָך נאָך איר. סוף כל סוף האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויף צוויי בחורים. זיי זיינען עס די אויסדערוויילטע און די גליקלעכע. הייסן הייסן זיי ווילי און מאַרק.

ווילי איז אַ טאַטע פון צוויי קינדער און איז שוין אַלט 26 יאָר. אין שפּיטאָל איז ער שוין איבער זיבן חדשים. קריסטמעס צייט האָט אים זיין ווייב געוואָלט פאַרסמען און האָט אַריינגעלייגט אַרסעניק אין זיין יום־טובדיקער סעודה. פון דעם סם איז ער געוואָרן פּאַראַליזירט און זיצט

די גאַנצע צייט אין אַ רעדלשטול. דער משפט האָט געפּסקנט, אַז זיין פרוי איז ניט נאָרמאַל און זי אַוועקגעשיקט אין אַ משוגעים־הויז. די קינדער געפינען זיך ביי קרובים. הייסט עס, אַז ווילי איז דער העלד פון לינדאַס ראָמאַן.

דער צווייטער העלד איז, ווי כ'האָב פריער דערציילט, מאַרק. אויך זיין גע־שיכטע איז אַ טראַגישע. ער איז ביינאַכט געקומען צוריק מיט זיין יונגער פרוי פון קינאָ. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום הויז און מאַרק האָט געעפנט דעם גאַראַזש, און בשעת מעשה דורכגעלאָפן אַ קאַץ. עמיץ האָט פון אָפענעם פענצטער אויסגעשאָסן און די קויל איז אַריין אין זיין רעכטן שלייף און איז אַרויס דורכן לינקן אויג. מאַרק איז געבליבן בלינד אויף אַן אויג און פּאַראַליזירט אויף איין האַנט און איין פוס. אין שפּיטאָל איז ער שוין ניין חדשים. פאַר דער צייט האָט זיין ווייב אויסגעליידיקט זייער אַפּאַרט־מענט, צוגענומען אַפילו די מעבל, און איז פאַרשוווּנדן אָן אַ שפּור.

בכלל איז דאָ יעדער מיט זיין אויסטער־לישער געשיכטע, וואָס קלינגט ווי טויזנט און איין נאַכט. אָט איז פאַראַן דאָ פראַנק, 35 יאָר אַלט, און איז אַן עלעקטריע־אינזשענער. אויפן שאָסיי וואָס פירט קיין לאָס אַנדזשעלעס האָט זיך אים אין אַ געוויסן אָוונט איבערגעפירט זיין קאַר, און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן ראַנד פון וועג צו פאַרריכטן דעם מאָטאָר, זיי־נען צוגעפאָרן און זיך אָפּגעשטעלט אַ גרופּע כוליגאַנעס. . מען האָט פראַנקן צוממיתט: צעבראָכן ביינער, צוגענומען זיין קאַר און איבערגעלאָזט אים מיט אַ צעבראָכענעם שאַרבן און אָן אַ לשון. ער קען מער ניט ריידן און שרייט כסדר ווי אַן אָקס ווען מען האַלט אים אין שעכטן. מען הערט אים שרייען איבער אונדזער גאַנצער אָפּטיילונג. ער איז אַ טאַטע פון פיר קינדער. ער וויל נעבעך ריידן און קען ניט. ער וויל אויך גיין און קען דאָס אויך ניט באַווייזן.

* * * * *

דאָ ווען בין איך מיט מיין רעדלשטול געפאָרן פאַרביי דעם שפּילפּלאַץ און דער־זען אַ מערקווירדיקע שפּיל: אַ גרופּע יונ־גע בחורים, אַלע אין רעדלשטולן, האָבן געשפּילט מיט אַ פּילקע. די פּילקע האָט זיך געקייקלט און אַלע האָבן זי נאָכגע־יאָגט. אַלע, אָן אויסנאַם, וואָס האָבן אָנ־טייל גענומען אין דער שפּיל, זיינען פּאַראַ־ליזירט פון דער טאַליע אויף אַראָפּ און דאָך האָבן זיי געפירט די שפּיל מיט אַ זעלטענער געשיקטקייט. חברה איז געווען פאַרשוויצט און געיאָגט די פּילקע ווי די רוחות. ווען כ'האָב זיך אומגעקערט פון מיין שפּאַציר האָב איך פּלוצלונג דערזען אַ גרויסע שוואַרצע קראָ שפּרינגט אין גאָרטן אויף איין פוס. די צווייטע האָט געפעלט. זי איז כסדר געווען ביי דער זייט און מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן צו די איבעריקע קראָען. איר יעדער פּרווו פון דערנענטערונג איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ קראַקען פון די איבער־יקע. אַ פּאָר האָבן אַפילו זי אַ פּיק געטאָן מיט זייערע שנאָבלען. קאָנטיק אַז אויך די קראָען האַלטן ניט פון „ואהבת לרעך כמוך.” זיי האָבן אָבער אויך ניט קיין רחמנות.

## פיס . . . פיס . . . פיס . . .

פיס גייען, פיס לויפן, פיס שפּרינגען, פיס טאַנצן, פיס קריכן, פיס יאָגן זיך... כ'האָב קיין מאָל ניט געשאָנקען צופיל אויפמערק צו פיס. כ'האָב עס אָנגענומען פאַר אַ נאַטירלעכער זאַך. גאָר אַנדערש איז עס איצט נאָך מיין פּאַראַליז. די ערש־טע פּאָר וואָכן פון מיין זיין אין שפּיטאָל פלעג איך ליגן מיטן פּנים אויסגעדרייט צו דער אָפענער טיר און אָבסערווירן ניט קיין מענטשן וואָס גייען פאַרביי אין לאַנגן קאָרעדאָר; געזען האָב איך נאָר זייערע פיס: גראָבע פיס, שלאַנקע פיס, דינע פיס, קליינע פיס, גרויסע פיס, יונגע פיס, אַלטע פיס. כ'וועל זיך מודה זיין, אַז בשעת מעשה פלעגט אין האַרצן עפּעס באַגן און ס'פלעגט אַרומנעמען אַ געפיל פון קנאה און גלייכצייטיק חרטה פאַרן פאַרטאַכ־לעווען אַזוי נאַריש די געבענטשטע יאָרן.

ס'זיינען אויך אויסטערליש מיינע איצ־טיקע חלומות וואָס קומען אומגעבעטן. אָט חלומט זיך מיר עפּעס פון מיין אַמאָ־ליקער קינדהייט: לעבן מיין שטוב אויפן הויף פון דער פאַרם שפּילן זיך אַ גרופּע קינדער אין קלאַסן. מיט אַ מאָל זע איך זיך אין דער שפּיל. כ'בין אַלט אפשר

זעקס יאָר. מיינע ליכטיק־ברוינע האָר זיינען פאַרפלאָכטן אין צוויי צעפּלעך מיט בלויע סטענגעס. איך שפּרינג אויף איין פוס און וואַרף בשעת מעשה אַ שטיינדל אין די מיט קרייט אָנגעצייכנטע קלאַסן.

און אָט חלומט זיך מיר, אַז איך בין מיט אַ גרופּע חברים פון גימנאַזיע אויף אַ ווייטער עקסקורסיע אין זאַקאָפּאַנע. מיר קלעטערן אין די קאַרפּאַטן־בערג פון דער פּוילישער זייט קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. יעדער פון אונדז איז מיט אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע; מען קריכט צו די הייכן און חברה איז לוסטיק און לעבעדיק.

און ווידער חלום איך איין נאַכט ווי איך מיט אַ גרופּע סעמינאַריסטן מאַרשירן באָרוועס צו דער נאַראָטש־אָזיערע. מיר גייען דורך געדיכטע וועלדער און בשעת מעשה זינגען מיר און וויצלען זיך און חברה איז לוסטיק און מונטער.

ס'איז באמת אַ וווּנדער ווי אַזוי איז דאָס אַלץ אָנגעשפּייכלערט און פאַרבאָרגן ערגעץ אין אונדזערע זכרון־קעמערלעך אין אונדזער מוח.

און נאָך מער חידוש איז וואָס פּלוצלונג שפּרינגען אַרויס די זכרונות ניט געבעטן אין אַ חלום, אַזוי בולט און אַזוי נאָסטאַלגיש. מען כאַפּט זיך אויף און ס'איז אַזאַ שאָדן וואָס ס'איז ניט מער ווי אַ חלום. קיינער האָט נאָך ניט צוגעטראַכט אַזאַ קאָמפּיוטער ווי אונדזער מוח.

כוועל מיך אָפּשטעלן נאָר אויף די חלומות: איך בין אין אַ ריזיקן שוך־געשעפט און איך קויף שיך פון אַלערליי פאַסאָנען און קאָלירן: געלע שיך, שוואַרצע שיך, ווייסע שיך, ברוינע און גרינע שיך, גרויע און בלויע שיך; שיך מיט זייער הויכע אָפּצאַסן, שיך מיט דינע אָפּצאַסן, שיך מיט ברייטע אָפּצאַסן. די צאָל פּושקעס וואָס איך האַלט אין מיינע הענט האַלט אין איין וואַקסן און איך קויף אַלץ נאָך און נאָך. כ'בין אַזוי גליקלעך מיט מיין איינפאַל צוצובינדן די אַלע פּושקעס צו אַ דיקער שטריק — קוים וואָס איך שלעפּ די שיך אויף מיין רוקן. מיט אַ מאָל רייסן זיך אָן צו קייקלען פון געשעפט אַרויס און איבער די שטריק און די שיך הייבן אָן קייקלען זיך, קייקלען זיך, העט ווייט אַראָפּ פון באַרג ערגעץ אין אַ תהום אַריין. כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט צערודערט און דערזען מיט פאַרדראָס מיינע גרויסע, שווערע, נייע ווייסע שיך מיט די נאָך שווערערע איזנס (ברייסעס) וואָס זיינען צוגעקלאַפּט צו די אָפּצאַסן און גייען אַרויף־אַרויף איבער די קני...

און כ'וועל דערציילן נאָך איין חלום טאַקע ווי אַ אילוסטראַציע וואָס פאַר אַ פּלאָנטער עס קען אַלץ זיין אין אונדזער מוח: עס חלומט זיך מיר אַ ריזיקער ליידיקער שניי־פעלד צוגעדעקט מיט אַ פרישן פּוכיקן שניי. איך זע ניט קיין סימן פון טריט. מיט אַ מאָל באַמערק איך ווי עס מאַרשירן איבערן שניי־פעלד נאָר פיס; פאַרשיידענע פיס... פיס אין וואַליקעס, פיס אין איזי שטיוול, פיס אין הויכע גומענע כאָליאַוועס, פיס אין קאַלאָשן, פיס געקנעפּלט און געשנורעוועט ביז די קני, און פיס איינגעוויקלט אין אַלטע שמאַטעס און צייטונגען. אין חלום פיל איך די גאַנצע אומהיימלעכקייט פון דעם לאַנגן, איינזאַמען פעלד מיט די פרישע סימנים פון טריט וואָס בלייבן איינגעפּרעסט אין פרישן, זויבערן שניי.

* * * * *

היינט איז צוויי חדשים ווי כ'געפין זיך אין דער מערקווירדיקער אינסטיטוציע וואָס הייסט „ראַנטשאָ לאָס אַמיגאָס האָספּיטאַל." וועגן דעם דאָזיקן אנשטאַלט וועל איך זיך אָפּשטעלן באַזונדער אַ צווייט מאָל. איצט ווילט זיך מאַכן אַ שטיקל סך־הכל פון מיין זיין דאָ. מעגלעך אַז וועגן אינטימע זאַכן שרייבט מען ניט בפרהסיה; אָבער וועגן קיין גבורות און נצחונות קלייב איך זיך ניט צו שרייבן; ניט חלילה ווייל כ'בין צו באַשיידן, נאָר ווייל פּשוט ס'פעלן די גרויסע אויפטוען. און ווידער גערעדט, וואָס זיינען בכלל די גרויסע אויפטוען פון אַ מענטשן?... דיפּלאָמען?... קאַריערעס?... מאַכן אַ סך געלט? ... באַרימטקייט?... דאָס אַלץ האָט קיין מאָל ניט קיין גרויס אָרט אין מיין לעבן. היינט זע איך נאָך מער ווי פריער אַז דאָס לעבן באַשטייט פון קליינטשינקע פריידן, אַ סך ליידן און נאָך מער אומזיסטע זאָרגן פאַר עפּעס וואָס איז ניט געשען און ניט געווען; אָט ווי מען זאָגט — ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.

קיינער פון דער דרויסנדיקער וועלט האָט ניט קיין שום באַגריף וועגן **דעם**

לעבן און טאָג־טעגלעכע גראַנגלען אין דער וועלט פון די רעדלשטולן. דאָס קע־נען זיך איבערדרייען פון זייט צו זייט איז אַ גרויס פּראָבלעם און פאַרשאַפט גרויס פרייד ווען מען דערגרייכט עס. דאָס קענען זיך אַליין אַוועקזעצן אין בעט איז פאַר אַ פּאַראַליטיקער אַ גרויסע דערגריי־כונג. דאָס קענען זיך אַליין אַראָפּגיטשן פון בעט אין רעדלשטול און פאַרקערט איז אַן אומגעהויער אויפטו און פאַרשאַפט אַ סך גליק. דאָס קענען אַליין אַראָפּגיין אויף די הענט פון רעדלשטול אין בית־הכיסא און מאַכן דעם קונץ אויף צוריק איז די גרעסטע גבורה. און ווער קען באַגרייפן די פרייד פון אָנטאָן זיך אַליין, אָן קיינעמס הילף, און טאָן דאָס פאַרקער־טע—זיך אויסטאָן אַליין?... ווען שאַצט מען אָפּ עפּעס? נאָר ווען מען פאַרלירט עס.

דער מענטש וואָס לעבט אין דער נאָר־מאַלער וועלט קען גאָר ניט באַגרייפן וויפל געדולד, עקשנות און אויסדויער, וויפל פיזישע יסורים יעדער קליינטשיבקער אויפטו פאַרשאַפט. און ווער קען זיך פאַרשטעלן וויפל עקשנות, געדולד און אויסדויער מען מוז האָבן צו טרענירן דעם מאָגן און אורין־פּענכער, זיי זאָלן ווידער פונקציאָנירן נאָרמאַל? פאַרשטייט דען עמיץ פון דער דרויסנדיקער וועלט אין וואָס פאַר אַ מרה שחורה מען פאַלט אַריין ווען דאָס אַלץ געלינגט ניט? זיצן אין רעדשטול און עפענען אַליין אַלע טירן און זיי צוריק פאַרמאַכן איז אַ גוואַלדיקע דערגרייכונג. און ווער רעדט נאָך נעמען אַליין אַ שפּריצבאָד — וואָס פאַר אַ מחיה דאָס איז און ווי גליקלעך מען איז מיטן אויפטו. און צוריק גערעדט: ווו שטייט עס געשריבן, אַז אַ מענטש מוז כסדר האַווען און שמייען, אויסשלאָגן זיך פון די כוחות, כדי צו אָנזאַמלען נאָך מער מאַ־טעריעלן שווילטאָג. ערשט דאָ, צווישן די אַלע פאַרקריפּלטע אומגליקלעכע מענטשן זעט מען דעם הבל הבלים פון פאַרטאַכלעווען אויף שטות די געבענטשטע יאָרן. מען זעט אויך ווי ווייניק אַ מענטש דאַרף האָבן פאַר זיינע טאָג־טעגלעכע באַדערפעניש.

* * * * *

היינט דוכט מיר, ווען כ'וואָלט ניט דורכגעמאַכט דעם איצטיקן דערנערוועג וואָלט מיין לעבן ניט געווען קאָמפּלעט. כ'וואָלט נאָר געווען אַ האַלבער מענטש. די איצטיקע איבערלעבונגען זיינען נאָר אַ דערגאַנצונג צום פריערדיקן געשפּאַנטן לעבן. ערשט איצט זע איך ווי ווייניק אַ מענטש דאַרף האָבן אויף זיין אויס־קומעניש און וויפל ענערגיע און נערוועזע שפּאַנונג דער מאָדערנער ציוויליזירטער מענטש פאַרטאַכלעוועט. און ס'פרעגט זיך אויף וואָס און ווען? בסך הכל איז דער מענטש די איינציקע בריאה אין באַשאַף וואָס האָרעוועט פאַר זיין אויס־קומעניש. און וואָס קאָמפּליצירטער די געזעלשאַפט איז — אַלץ שווערער איז דער „בזיעת אפיך תאכל לחם.“ ווען מיר זיצן אין אונדזערע רעדלשטולן אַרום די טישן אין עסצימער טראַכט איך אָפט ווי קאָמפּליצירט אונדזער שפּייז איז; פון וויפל ערטער מען האָט עס געבראַכט, וויפל טויזנטער מענטשן ס'האָבן אויף דעם גע־אַרבעט: דאָס קולטיווירן די שפּייז, דאָס צוגרייטן, פאַרפּאַקן, טראַנספּאָרטאַציע און דאָס צושטעלן און ערשט דעמאָלט צופּראַווען די געריכטן. באמת, קיין איין בעל־חי האָרעוועט ניט אַזוי פּיל און שלאָגט זיך ניט אויס אַזוי פון די כוחות ווי דער „האָמאָ סאַפּיענס“.

* * * * *

נעכטן, שבת, בין איך אין דער פרי געפאָרן אין טעמפּל, אַן אויטאָבוס, וואָס איז ספּעציעל געבויט, האָט אויפגעקליבן די יידישע פּאַציענטן אויף זייערע רעדל־שטולן. פון די 42 יידישע פּאַציענטן האָט דער ראַבאַי קוים געפונען ניין בעלנים. איך בין געפאָרן צוליב צוויי טעמים: ערש־טנס איז מיר געווען אַ רחמנות אויפן ראַבאַי, וואָס האָט זיך ממש געבעטן מיט תחנונים, און צווייטנס בין איך געפאָרן צוליב נייגעריקייט; כ'האָב פּשוט געוואָלט אַ קוק טאָן מיט וואָס דאָס שמעקט. דער ראַבאַי איז נעבעך אַרומגעלאָפן אַ פאַר־שוויצטער מיט דער ליסטע פון די יידישע פּאַציענטן וואָס זיינען צעשאָטן איבער פאַרשיידענע אָפּטיילונגען. וואָס אַן אמת איז אין דרויסן געווען שווידערלעך הייס. עלף אַ זייגער איז שוין די טעמפּעראַטור געווען $101^{\circ}$+, איז עס קיין וווּנדער ניט וואָס ס'זיינען געפאָרן אַזוי ווייניק בעלנים. ס'איז נעבעך געווען אַ רחמנות אויף

אַלעמען. די פּאַציענטן האָבן אויסגעזען כּמעט ווי מתים; נאָר לויט זייער שוויצן האָט מען געקענט דערקענען אַז זיי זשיפּען נאָך. דער ראַבײַ ווידער אין זײַן שבתדיקן מלבוש, שטייפן קראַגן, שניפּס און זשאַקעט, האָט געווישט פון זיך די טייכן שוויס. כאָטש ער איז אַ הער דאָקטאָר נאָך פון דײַטשלאַנד, און רעדט ענגליש מיט אַ דײַטשישן אַקצענט, איז ער אַרויסגעקראָכן ממש פון דער הויט נושא חן צו זײַן בײַ דעם הייפל האַלב־לעבעדיקע ייִדן.

צוגעפאָרן צום טעמפּל האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז אַ תפילה און תפילה־הויז צוזאַמען. שבת פאַר ייִדן און זונטאָג פאַר גוים. די אויסגעפּוצטע בימה מיטן אויסגעשניצטן גרויסן מגן־דוד האָט אויף דער אַנדער זייט אַן אויסגעקריצטן גרויסן צלם. מיט אַ קוועטש פון אַ פינגער דרייט זיך איבער דאָס ווענטל און באַדינט אַלע גאָטספאָרכטיקע מתפללים. ס'איז שוין באַלד ווי אין משיחס צייטן, ווען ס'וועט מקוים ווערן ישעיה הנביאס „והיה באחרית הימים"... און ס'וועט זײַן אין סוף פון די טעג...

דער ראַבײַ האָט געשפּילט אויפן אָרגאַן און זײַן רביצין האָט אָנגעפירט מיטן געזאַנג פון געוויסע תפילות וואָס זײַנען געווען פאַרשריבן אויף בלעטלעך פּאַפּיר מיט ענגלישע אותיות. די קראַנקע נעבעך דאַרפן רחמים, האָבן זיי געזאָגט די תפילות מיט התמדה. צום סוף האָט דער ראַבײַ מיטן קלײנינקן טליתל און גרויסער יאַרמולקע געהאַלטן זײַן שבתדיקן „סערמאָן". עפּעס איז עס געווען וועגן דער ברידערלעכקייט פון פעלקער.

דעם אמת זאָגן האָב איך זיך שוין ניט צוגעהערט צו דער דרשה; מײַן אויפמערק איז געווען ערגעץ אַנדערש: לעבן מיר איז געזעסן אַ פרוי מיט אַן עלעקטראָנישער האַנט (אָרעם אַרײַנגערעכנט). נאָענט צום מויל איז געווען אַ קלײנער אַפּאַראַטל, בערך ווי אַ האַרמאָשקע מיט קלײנע קלאַווישן. מיטן שפּיץ צונג האָט די פרוי אָנגערירט באַזונדערע קלאַווישן און יעדער מאָל האָט זיך באַוועגט אַן אַנדער טייל פון איר אָרעם, אָדער האַנט. די אַלטע פרוי האָט אַזוי פלינק באַוועגט מיטן שפּיץ פון איר צונג און ווי מיט אַ צויבער האָבן זיך באַוועגט באַזונדער די פינגער. די גאַנצע האַנט אַרויף און אַראָפּ, און דער אָרעם אויף רעכטס און אויף לינקס. זי האָט מיר דערציילט, אַז מען האָט אויסגעאַרבעט די גאַנצע דערפינדונג טאַקע דאָ אין שפּיטאָל.

מערקווירדיק וויפל צייט, אײַנפאַל, ענערגיע און גאונות מען לייגט אַרײַן אין דערפינדן עפּעס צו העלפן אַן עלטערער פרוי, איר לעבן זאָל זײַן באַקוועמער, און ווי גרינג מען דערהרגעט יונגע מענטשן אויף מלחמות, מען פאַרקריפּלט אין אויטאָמאָביל־עקסידענטן יעדן יאָר מיליאָנען מענטשן. און וויפל בלײַבן מיט באַשעדיקטע מוחות אויפן גאַנצן לעבן?

* * * * *

אַזוי ווי דער שפּיטאָל איז צעוואָרפן איבער צוויי הונדערט בנינים אויף אַ שטח פון צוויי הונדערט אַקער לאַנד, האָט דאָס אויפקלײַבן און אָפּפירן נײַן מתפללים אין בײדע ריכטונגען גענומען צוויי שעה צייט. איז טאַקע געווען אַ מעגלעכקייט צו באַוווּנדערן די אַרטיסטישע שיינקייט פון מענטשן־געמאַכטן לאַנדשאַפט, וואָס איז אַ שיינקייט פאַרן אויג און אַ היילונג פאַר דער נשמה. די וואַריאַציע פון די קאַרגע טויזנט ביימער, וואָס אַ סך פון זיי זײַנען אין עלטער פון איבער הונדערט יאָר, די ריזיקע שטחים פון די גראָז־גרינע טעפּיכער (איבער 36 אַקער לאַנד) און די וווּנדערלעכע בלומען האָבן באַשײַנט דעם אַרום. צוואַנציק גערטנערער אַרבעטן יעדן טאָג בײַ דער קולטיווירונג. בשעת מעשה האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן וווּהין איך פאָר, וווּ איך בין, און וואָס איך טו דאָ.

ס'איז באמת אַזוי שיין, אַז איך קען עס ניט באַשרײַבן. אומעטום האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די שטאָלצע פּאַלמעס, די זשאַקאַראַנדעס מיט זייערע לילאַבליאונגען; די מאַגנאָליעס, פּעפּער־ביימער, טשערימאָיאַס, אַוואָקאַדעס און זאַפּאָטע ביימער. און ווער רעדט נאָך די רויזן, וואָס זײַנען איצט אין פולן בלי, די גלאַדיאָלעס, קאַמעליעס וכדומה...

* * * * *

אין די צענדליקער בריוו וואָס מיר באַקומען איז פאַראַן איין פּיזמון, אָדער לייטמאָטיוו: אַלע שרײַבן וועגן רבקהס קראַנקייט; און אַ סך שרײַבן ברמיזה. מען גייט אַרום און אַרום, אָט ווי מען גייט

אַ ום אַ שווער־קראַנקן אויף די שפּיץ פינגער. מען רופט חלילה ניט אָן דאָס וואָרט פּאַראַליז, נאָר מען טראַכט צו ספּעציעלע ווערטער, ווי: שלאַפּקייט, ניט־געזונטקייט, שוואַכקייט אא״וו. וועל איך מיך אויפריכטיק מודה זיין, אַז אין די פּאָר חדשים וואָס איך בין אין שפּיטאָל האָב איך קיין איין מאָל אפילו ניט געהאַט קיין געפיל, אַז איך בין חלילה קראַנק. ס׳קומט מיר אויס ווי כ׳וואָלט געהאַט אַן עקצידענט, אָט ווי פון אַן אויטאָמאָביל פון אויסגליטשן זיך און פאַלן, אָדער אַן אַנדער צוטשעפּעניש.

מיין קאָפּ אויף די פּלייצעס האָב איך נאָך, מיינע חושים זיינען אַלע אין אָרדענונג; מיינע אויגן זעען נאָך אַלץ אין די פרימאָרגנס דעם טוי אויפן גראָז, ווי די־מענטן אין אַ גרינעם קאַרפּעט; מיינע נאָזלעכער זאַפּן נאָך אַלץ אַריין די פרישקייט פון פרימאָרגן און דעם ריח פון די בלומען; מיינע אויערן הערן נאָך אַלץ דאָס זינגען פון די פייגעלעך אין די פאַרטאָגן; מיינע הענט קענען נאָך אַלץ אָנרירן, טאַפּן און גלעטן; און מיין צונג איז נאָך אַלץ ווי געווען. איך קען נאָך אַלץ הנאה האָבן פון דעם טעם פון אַ געשמאַקן געקעכץ, פון געפילטע פיש, פון אַ גוטן קעזקוכן וואָס מיינע גוטע פריינד ברענגען מיר. איי איך קען ניט אַרומלויפן, איז מה רעש? איך זע דאָ אין שפּיטאָל הונדערטער פאַלן וואָס זייער מערכה איז ערגער פון מיינער. איך בין נאָך אַלץ ביכולת צו ברענגען די גאַנצע וועלט צו זיך אין צימער. איך האָב די פּאָליצעס פול מיט מיינע באַליבטע שרייבערס, וואָס רייסן מיך אַרויס פון דער טאָג־טעגלעכקייט און פירן מיך אַוועק אין אַ וועלט פון מחשבה אין פאַרשיידענע תקופות און סביבות.

די געוווינהייט פון לייענען ביכער איז דאָך די גרעסטע ברכה. ביי אַ מענטשן וואָס האָט ניט די געוווינהייט פון לייענען איז די וועלט אַ פּיטשינקע און אַ באַגרעניצטע; ער איז נאָך מער געפּענטעט פון אַ פּאַראַליטיקער. די פיס זיינען טאַקע צוגעשמידט צום שטול און די באַוועגונגען זיינען באַגרענעצט, דערפאַר איז אָבער דער גייסט אַזוי פריי ווי דער אָדלער אונטער די הימל־הייכן, און דאָס אַריינזאַפּן אין זיך וויסן האָט ניט קיין גרענעצן און קיין אָפּהאַלטערס. און אַז מען האָט נאָך ליב גוטע מוזיק און צו דעם האָט מען נאָך אַ ריזיקן אָפּקלייב פון די באַליבטע קאָמפּאָזיטאָרן, איז דאָך אַוודאי פאַראַן אומגעהויער אַ סך געניוס, דערהייבונג, טיפע עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען און אָן אַ שיעור אינספּיראַציע. אויך האָב איך שטאַרק הנאה פון מיינע באַליבטע מאָלער. און קיין קונסט־ביכער פעלן מיר ניט. יעדע גוטע רעפּראָדוקציע פון מיינע באַליבטע בילדער פאַרשאַפט מיר גאָר אַ סך פריידן. יעדעס מאָל ווען איך קוק אַריין אין דעם, באַרייכער איך מיך פון דאָס ניי און הייב מיך אַרויס פון דער באַגרענעצטערווירקלעכקייט.

אַלעקס, אַ צוואַנציק־יאָריקער שוואַרצער און חנעוודיקער בחור, וועלכער איז פּאַראַליזירט פון האַלדז ביז די שפּיץ פינגער, גיט מיר דאָ ווען אַ זאָג: „ווייסטו וואָס איז דער גרעסטער פאַרגעניגן אין לעבן? ווען איך קען מיט אַ דינעם שטעקל זיך אַ קראַץ טאָן אונטערן גיפּס.“ איך דערצייל עס ניט ווי אַ וויץ, ווייל איך פאַרשטיי אים זייער גוט. אויך אַ קראַץ טאָן זיך איז אַ וויכטיקער ענין. (אגב איז אַלעקס פּאַראַליזירט געוואָרן ביים שפּרינגען פון אַ טראַמפּולין. ער איז שלעכט געפאַלן און צעבראָכן דעם נאַקן).

בכלל איז דאָס לעבן קורץ און פול מיט פּיטשינקע פריידן און אָן אַ שיעור ליידן. כ׳האָב מיך אָפּגעשטעלט אויף דעם באריכות, ווייל כוויל באמת, אויפריכטיק, מיינע גוטע פריינד זאָלן ניט האָבן אויף מיר קיין רחמנות. מיר איז חלילה ניט אַזוי שלעכט מען זאָל דאַרפן פאַר מיר בעטן רחמים.

און, אַז איך רייד שוין וועגן גוטע פריינד טראַכט איך אָפּט: אפשר איז אַלץ וואָס עס איז מיט מיר פאָרגעקומען, מיינע אַלע פיזישע און גייסטיקע יסורים, געווען נאָר אַ פּרוּווּשטיין — צו ווייזן מיר וויפל גוטע, טייערע, און געטרייע פריינד מיר האָבן זיך אָפּגעשפּאָרט במשך פון אונדזער וווינען אין אַזוי פיל לענדער. אמתע פריינד דערקענט מען דאָך טאַקע נאָר אין אַן עת צרה. ס׳איז אַ גליק צו פילן די נאָענטקייט און אויפריכטיקייט, די וואַ־

רעמקייט און געטרייקייט פון אַזוי פיל טייערע פריינד וואָס זייבען צעזייט און צעשפרייט איבער אַלע קאָנטינענטן אין אַזוי פיל לענדער.

* * * * *

## די אידיליע

צוויי סצענקעס האָבן מיך היינט שטאַרק גערירט: אין פאַרוויילונגס־צענטער זייבען געזעסן אין די רעדלשטולן טיף פאַרטיפט אין קאָרטן־שפיל צוויי קאָמפּלעט פאַראַליזירטע יונגע מענער. פאַראַליזירט מיינט דאָ פון נאַקן ביז די שפּיץ פינגער. פרעגט זיך: ווי אַזוי האָבן זיי געשפּילט אין קאָרטן? איז דער ענטפער אַזאַ: ביידע האָבן געהאַט אין מויל מעטאַלענע שטעקעלעך מיט אַ צאַצקעלע אויפן שפּיץ. ביים באַרירן מיטן פּיטשינקן מעכאַניזם אַ קאָרט, האָט זיך די קאָרט אויפגעהויבן פאַר די אויגן פונעם שפּילער און מיטן לייכטן שאָקל פונעם קאָפּ האָט זיך עס לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזן אויפן טישל. ווען פאַראַליטש, וואָס פאַראַליטש, ביידע זיינען געווען אַזוי פאַרטיפט אין דער שפּיל, אַז זיי האָבן ניט באַמערקט, אויב עמיץ קוקט אויף זיי, און נאָך ווייניקער האָבן זיי געטראַכט וועגן זייער אומבאַהאָלפנקייט.

די צווייטע סצענע: אין אַ ווינקל פון לאַנגן קאָרידאָר זיינען געשטאַנען פּנים אל פּנים צוויי טראָגבעטלעך אויף רעדלעך. אין איינער פון זיי איז געלעגן אַ בלאָנדע חווה מיט לאַנגע גאָלדיקע האָר, און אויף דער צווייטער איז געווען אַ שוואַרצער, סימפּאַטישער אָדם.

געלעגן זיינען זיי אויף די בייכער כדי די באַשעדיקטע הינטערשטע חלקים זאָלן זיך בעסער היילן. די ווייסע, בלאָנדע חווה האָט אַרומגענומען מיט אירע הענט דעם שוואַרצן אָדמען אַרום זיין האַלדז און בשעת מעשה אים צוגעדעקט מיט אירע לאַנגע האָר. זיי האָבן זיך שטילינקערהייט געקושט. אויך זיי האָבן זיכער ניט געפילט בשעת מעשה זייערע שטרויכלונגען און אומבאַהאָלפנקייט. זייערע צעשטראַלטע יונגע פּנימער האָבן עס שפּעטער באַשטעטיקט.

* * * * *

איז פאַראַן אַנטיסעמיטיזם אין שפּיטאָל? לאָזט זיך עס פילן? שווער צו ענטפערן. בסך־הכל איז די צאָל יידישע פּאַציענטן אַזאַ נישטיקע, אַז זיי ווערן דאָרט בטל בשישים. אַ חוץ דעם פּרווון די יידן אויסבאַהאַלטן זייער יידישקייט און טייל לייקענען אָפּ זייער אָפּשטאַם. אָט למשל האָב איך געהאַט אַזאַ צופאַל: אַ יונגע פרוי קומט יעדן טאָג באַזוכן איר 17־יאָריקן זון וואָס איז צעקאַלעטשעט געוואָרן אין אַ מאָטאָציקל עקצידענט. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי שטאַמט פון טשעכאָסלאָוואַקיע. איר ענגלישער אַקצענט איז זייער אַ שווערער, און ס׳איז אויך פאַרשטענדלעך — צו ווייניק צייט אין לאַנד. זי איז צופעליק אַריין צו מיר אין צימער און דערזען אויפן בעט די „גאָלדענע קייט”, דעם „קעמפער” און „הדואַר”. „וואָס?” האָט זי אַ דערשראָקענע שטילערהייט געפרעגט, „דו האָסט ניט קיין מורא מען זאָל אויסגעפינען דיין אָפּשטאַם און דיך שווער מאַכן מיט דעם דיין לעבן?” ווען כ׳האָב מיך צעלאַכט איז איר פאַרוווּנדערונג נאָך גרעסער געוואָרן, און דאָ האָט זי מיר דערציילט איר לאַנגע און פּיינלעכע געשיכטע: פאַרלאָרן די גאַנצע משפּחה, טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער. אַליין האָט זי זיך געראַטעוועט מיט נסים פון אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. „נאַ, קוק!” האָט זי מיר אַ זאָג געטאָן און בעת מעשה פאַרקאַשערט דעם אַרבל און געוויזן דעם אויסגעקריצטן לאַגער נומער.

איר זון ליגט שוין דאָ איבער אַ חודש אָן באַוווּסטזיין און זי איז כסדר אין טויטשרעק טאָמער חלילה דערוויסט מען זיך זיין יחוס און מען וועט אים פאַרפאָלגן פאַר זיין אָפּשטאַם. די פרוי רעדט דווקא אַ גוטן יידיש און דערציילט מיר וועגן איר אָפּהיטן אַלע יידישע מנהגים. זי מאַכט עס אָבער בסתר, שטילערהייט, די שכנים זאָלן זיך חלילה ניט דערוויסן. אַזאַ איז שוין אונדזער גורל: אויך אין די זיבעציקער, ביים סוף פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, אין דער דעמאָקראַטישסטער מדינה אין דער וועלט, האָבן מיר פאַר אַלץ מאַראַנען. טאַקע פרייוויליקע, אָבער זיי זיינען נאָך אַלץ פאַראַן.

נאָך אַ קליינער עפּיזאָד: אין אַ קלאַס פון פיזיאָטעראַפּיע האָט זיך איין בחור אַ ביסל צעשטיפּט און אַרויס פון די האַ־לאַבּליעס. גיט דער אינסטרוקטאָר, וואָס ווייסט אַז כ'בין יידיש, אַ געשריי: „טאָני, פיר זיך אויף אַנשטענדיקער. פאַרגעס ניט אַז דו ביסט אַ קריסט!" האָט עס מיך אַ ברי געטאָן; האָב איך געעפנט מיין גרויס מויל און גאַנץ הויך אַ פרעג געטאָן: „אדוני אינסטרוקטאָר, וואָס מיינט עס, כדי זיך אויפצופירן אַנשטענדיק מוז מען דווקא זיין אַ קריסט?" גיט ער מיט רוגזא אַ צוזאָג מיך אויס: „האָסט דען ניט געוווסט אַז קריסטן מוזן זיך אויפפירן קריסטלעך, דאָס מיינט אַנשטענדיקער פון אַנדערע?" מאַך איך גלייך אַ קל וחומר, לאָז מיך ניט שפייען אין פנים אַריין און ענטפער אים: „כדי זיך אויפצופירן אַנשטענדיק מוז מען זיין אַ קריסט; אַ קריסט איז דער וואָס גלויבט אין יידישן גאָט וואָס מיין פאָלק האָט אייך געגעבן. איך בין אויך יידיש, פונקט ווי אייער גאָט, מיינט עס, אַז אייער גאָט איז מיינס אַ שטיקל קרוב, כ'בעט דיך ריידן אַ ביסל אַנשטענדיקער; פאַרלאַנג אויך אַ ביסל מער דרך ארץ אויך אין מיין אַנוועזנהייט." דער אינסטרוק־טאָר איז רויט געוואָרן ווי צונטער און געשוויגן ווי יורקעס הונט.

אַ צווייטער פאַל ביי אַן אַנדער אינס־טרוקטאָר, וואָס ווייסט אויך אַזאַיך בין אַ יידישקע און כ'האָב געלעבט אַ לענגע־רע צייט אין מעקסיקע. איין מאָל נאָך אַ לעקציע, ווען דער עולם איז נאָך געזעסן אַרום אין די רעדלשטולן, גיט ער מיר אַ פרעג: „וואָס פאַר אַ נאָמען איז עס גאַלאַמבּ?" „אַ טויב רופט מען אין פויליש גאַלאָמבּ" — האָב איך געענטפערט, און כהאָב צוגעגעבן, אַז דער איטאַליענישער ייד, קאָלומבוס, וואָס האָט אַנטדעקט אַמע־ריקע, האָט געהאָט דעם זעלבן נאָמען, נאָר אין איטאַליעניש רעדט מען עס אַ ביסל אַנדערש אַרויס." דאָס איז געווען ווי כ'וואָלט געוואָרפן אַ באָמבע; די גע־מיטער האָבן זיך תיכף צעהיצט: „אַזוי גאָר, קאָלומבוס איז גאָר געווען אַן איטאַ־ליענער און ניט קיין שפּאַניער? און דער נאָמען איז גאָר פון איטאַליעניש? און געווען איז ער גאָר אַ ייד? אַ פיינע גע־שיכטע!"

געבליבן איז עס מען זאָל דאָס אויס־פאָרשן. ווען כ'בין אָפּגעפאָרן מיטן רעדל־שטול עטלעכע מעטער, הער איך ווי איין בחור רופט זיך אָפּ צום אינסטרוקטאָר: „ס'איז נאָך אַלץ בעסער צו זיין אַן איטאַ־ליענישער ייד ווי אַ מעקסיקאַנער ייד.

אַגב אַרבעטן אין שפּיטאָל אַ סך דייטשן סיי צווישן די דאָקטוירים, סיי קראַנקן־שוועסטער, ווי אויך צווישן איבעריקן פּערסאָנאַל. איינער פון מיינע אינסטרוק־טאָרן, אַ בלאָנדער יונג מיט אַ פּאָר רויטע באַקן — בלוט און מילך, פרעגט מיר איינמאָל: וועלכע שפּראַך קענסטו צום בעסטן? כ'זע אַז דו קענסט אַ סך שפּראַכן, וויל איך טאַקע וויסן וועלכע איז דיר צום ליבסטן?" — „יידיש — האָב איך זיך אָפּגערופן.—דאָס איז מיין מוטער־שפּראַך און איז מיר צום נאָנטסטן" האָט ער זיך לייכט צעשמייכלט און זיך אָפּגערופן: „איז דען יידיש אויך אַ שפּראַך? ס'איז דאָך אַ צעקאַליעטשעטער דייטש. אפילו געביל־דעטע יידן זיינען מיט דער זעלבער מיי־נונג. מיין מוטער־שפּראַך איז דייטש. זאָג מיר עפּעס אַ זאַץ אין יידיש און כ'וועל דיר גלייך באַווייזן, אַז ס'איז אַ פאַרדריי־טער דייטש."

דערמאָן איך זיך גלייך אַן אַלטע מעשה וועגן אַ יידן, וואָס האָט אויף דער פראַגע, אויב ער קען דייטש, געענטפערט: „פּטור, נו!" כאַפּ איך אַרויס פון דער מעשה אַזאַ מין זאַץ: „אדוני השופט, דער ערל האָט געלקחנט אַ סוס און זיצט ווי געפּגרט, האַבערט ניט, קלוממפערשט איז ער ניט מבין בלשון.

מיין אינסטרוקטאָר איז רויט געוואָרן ווי צונטער, און ווען כ'האָב נאָך אַ פרעג געטאָן וויפל דייטשישע ווערטער האָט ער געפונען אין דעם יידישן זאַץ? האָט ער אָנגעהויבן צו שטאַמלען און ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן: ס'ערשטע מאָל הער איך אַ ריינעם יידיש, אַזאַ יידיש האָב איך טאַקע קיין מאָל ניט געהערט." ער האָט מיר געבעטן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איבערצוחזרן דעם ריינעם יידישן זאַץ און זיך גאָר ניט געקענט אָפּוואונדערן, אַז מען קען ריידן יידיש אַן אַריינצוברענגען דייטשמעריזמען.

און נאָך אַ טשיקאַוון פּאַרפּאַל ווילט זיך מיר דערציילן: אין מיין צימער האָבן זיך פּאַר דער צייט געביטן די קראַנקע. צווי־שן די נייע איז געווען אַ יונגע פרוי מיטן נאָמען דזשעני. יעדן אָוונט פּלעגן אירע עלטערן זי קומען באַזוכן. איר מאַמע האָט אויסגעזען אַ טיפּיש־יידישע פרוי: אַ דיקלעכע, מיט שוואַרצע אויגן און פעך־שוואַרצע האָר. דער טאַטע ווידער האָט אויסגעזען ווי אַ טיפּישער ענגלענדער: הויך, שלאַנק, תמיד געפּיפּקעט אַ לולקע און געשוויגן. דזשעני האָט זיך איבער־געגומען כסדר מיט איר יחוסדיקן אָפּ־שטאַם: דער טאַטע אַן ענגלענדער און די מאַמע אַ דייטשקע. זי האָט עס געהאַלטן אין איין באַטאָנען און איבערחזרן כסדר — ביז דער ענין איז מיר געוואָרן פאַרדעכ־טיקט. כ'האָב אָבער באַשלאָסן, אַז ס'איז ניט מיין באָבעס דאגה; אויב דזשעניך גע־פעלט אַזוי איז עס איר פּריווילעגיע. אַ פּאָר טעג פאַרן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל האָט מיר דזשעני פאַרטרויט איר סוד. זי האָט עס מיר דערציילט בפירוש בסוד סודות און נאָר פאַר פיר אויגן.

אַ נו, וואָס איז עס פאַר אַ סוד? — ניט שווער צו טרעפן. די באָבע פון איר מאַ־מעס צד איז געווען אַ יידישע און געלעבט אַ סך יאָרן ביי דזשעניס עלטערן אין הויז. באַהאַלטענערהייט, קיינער זאָל ניט וויסן, האָט זי דזשענין דערציילט אַ סך געשיכ־טעס וועגן איר אָפּשטאַם, ווען די יידישע ימים טובים און וועגן יידיש לעבן אין אַ קליין פאַרוואָרפן שטעטל ערגעץ אין אוקראַינע. איר באָבע האָט אויך געהאַט אַ ספרל מיט אותיות, פונקט ווי אין מיין תנ״כעלע. און טאַקע דערפאַר האָט דזשעני געהאַט דעם פאַרלאַנג מיר עס צו דער־ציילן. זי האָט מיר געשוואָרן, אַז איך בין די ערשטע וועמען זי האָט פאַרטרויט איר סוד.

ס'איז ניט צו פאַרשטיין אַלע פּסיכישע פאַרקריפּלונגען פון אַזוי פיל יידן.

---

ס'איז אונדזער גרויסער פאַרגעניגן צו באַגריסן אונדזער האַרציקן פריינד און חבר **אריה פּאָזי** צו זיינע גבורות.

מיט אייערע וואָסערע צענדליק יאָר שריפטשטעלערישער אַרבעט האָט איר אַ חלק אין אַ סך ווינקלען פון אונדזער לעבן.

זייט געבענטשט צוזאַמען מיט אייער בעלאַן עד מאה ועשרים.

רחל און מלך דייטש

חיים לייב פוקס / מאָנטרעאָל

# פּראָבלעמען פון קינסטלערישער יצירה

דעם טייערן ר׳ שמשון דונסקי, מיין דאַנק פאַר זיין יידיש־נוסח
פון מדרש־רבה אויף די חמש מגילות.

דאָס פּראָבלעם פון שעפערישן מהות, דער פּראָצעס פון אַנטשטיין און ווערן פון אַ ליד, זיינען ליידער גאָר ווינציק באַרירט געוואָרן אין דער יידישער עפנטלעכקייט. דאָס הייסט אָבער נישט אַז די פּראָבלעמען עקזיסטירן נישט, און אַז דער יידישער שעפערישער מענטש ראַנגלט זיך נישט מיט זיי, און אַז מיר זיינען פון זיי פּטור. זיי זיינען פאַראַנען און דער קינסטלער שטייט מער מאָל סיי בעתן שאַפן און סיי בעתן טראַכטן, אַקעגן זיי ווי אומבאַהאָלפן.

ליידער האָט די יידישע פּעריאָדיק נישט קיין ספּעציפישע אויסגאַבעס, ווי ביים רוב פון די אומות העולם, כאָטש פון צייט צו צייט ווערן באַרירט די פּראָבלעמען וואָס קומען אויף און ווערן רייף ביים דיכטער. די פראַגן פון לעקסיק, פּראָזאָדיע, פּרייער פערז וכדומה, וואָס זיינען דאָ כמעט ביי יעדן דיכטער און זוכן אַ תיקון.

וויל איך אפשר אָנהייבן מיט דער אַרבעט (הגם אין אַ פראַגמענטאַרער פאָרם) אָנרירן דאָס פּאָבלעם, באַרירן אייניקע פראַגן וואָס שטייען אויפן סדר היום און זיינען רייף געבוג אין אונדזער דיכטערישן גאָרטן, צו עפענען אַ מיינונגס־אויסטויש וועגן אָט דעם פּראָבלעם.

מער ווי איין מאָל פייניקט דיך: וואָס איז ל י ד, וואָס איז איר שעפערישער קערן, דער נישט געשפּאָלטענער אַטאָם אירער, דער אחד פון איר מהות? ווי אַזוי קומען די שורות און שטעלן זיך אויס, פאָרמירן זיך צו געשטאַלט און גאַנצקייט?

יאָרן פון טראַכטן, יאָרן פון איבערלעבונג האָבן מיר אַליין געגעבן אַ שטיקל פירוש און באַשייד. געמיינט און געפילט אַז ליד איז ג ע מ י ט, וואָס פליט־אָן פון אַן ערגעץ, איז מחיה דיין וועזן, דיין נשמה, וואָס שרייבט דעמלט אויף די ערשטע שורה. דו שרייבסט זי, ווען בעת מעשה שרייבסטו זי גאָר נישט אויף אויפן פּאַפּיר. אָבער זי איז דאָ לעבן דיר, ווען אפילו דו אַליין ביסט ווייט, איז זי אַלץ דאָ לעבן דיר.

בעסער נאָך: די שורה, קומט צוריק צו דיר, ווערט ווי אַ געליבטע, ווי אַ ווייב, אַ טייל פון דיין וועזן, פון דיין לעבן. צערטלט, שפּילט מיט דיר אין וויזיעס, שטעלט זיך דיר פאָר אין פאַרשיידענע געשטאַלטן און פאַרביקע אימאַזשן. זאָל עס זיין דער נישט־אָפּטיילבאַרער חלק פון אלוקות, פון דער געטלעכער רגע אין דיר? זאָל עס זיין אַ מין „מגיד״ וואָס נעמט דיך אַרום און פאַרפולט סיי דעם רוים און סיי דיין פיזישן זיין...

טייל מאָל ווערט עס גאָר אַ מין דינער פּחד, אַן אונטערגעמיט, וואָס טויכט־אויף ווי אַ פלאַנץ, ווי אַ קלעטער־געצווייגל פון דעם נסתר אין דיין וועג, אין בלוט, און ווערט צוערשט נתגלה אין אַ ברומעניש, אין אַ ניגון, וואָס באַגלייט דיך ווידער און ברענגט דיך ווידער צו דעם בילד אָדער אימאַזש, וואָס דו האָסט שוין אַמאָל אין אַ פריערדיקן אַנען געזען און איבערגעלעבט.

נישט תמיד איז עס, אָדער מוז זיין, די ערשטע שורה. עס קענען אויך זיין שורות פון מיטן אָדער אָנהייב אָדער גאָר פון סוף. דער אָנהייב אָבער איז אַ קוים דערהערבאַרער פּרעפּל אין דיר, אַ ציטער פון אַ טאָן, אַ לאַנג געהערטער, וואָס איז פאַרשוונדן אין חלל, נאָר זזנגט זיך און ברומט זיך ווייטער, אומאָפּהענגיק צי דו הערסט אים יאָ, צי דו הערסט אים נישט.

איך וויל דעריבער מיר דערלויבן, ווי אַן אילוסטראַציע, ווי ווייט־מעגלעך קורץ, עפּעס צו דערציילן מאחורי הפרגוד, פון אונטערן געמיט, ווי פון האַרץ פון ליד, אויפן סמך פון מיינס אַן אייגן ליד. (עס מוז אָבער נישט דווקא זיין מיינס, דאָס ליד).

איך וועל אָנהייבן וועגן טייל ווערטער אָדער שורות פון מיין ליד: „וואָס קען איך זאָגן צום ים״ (פון בוך: „די טעג בייגן די קעפּ״, ניו־יאָרק, 1969).

עס זיינען ווערטער וואָס זיינען אין מיר געשלאָפן איבער דרייסיק יאָר ביז זיי זיינען ווידער אַרײַן אין מיר (אין מיין ליד) און אַרויס מיט איין גאַס, מיט איינמאָליקן לויף, און געשריבן האָב איך זיי, ווי די אותיות וואָלטן פאַר מיר אויפן פּאַפּיר גאָר געווען פייערדיקע קלאַווישן, וואָס זיינען פון זיך אַליין שנעל געלאָפן, ווי געיאָגט פון עמיצן, אַז איך האָב זיי שפּעטער קוים געקענט איבערלייענען...

איך געדענק בלויז אַז אין יענער צייט האָב איך עוסק געווען אין מהות פון אלף-בית און ספּעציעל וועגן די „אותיות דרבי עקיבא", וואָס האָבן מיך צוריקגעפירט ביז קיין צפת, צום אורזיידן, דעם „בית יוסף", וואָס ניגונט בין „רעוה דרעוה". אין די טונקעלע בין השמשותן צווישן שבת און חול און ווי ק ע פ האָבן צו מיר גערעדט ברמיזה...

אָבער נאָך אַן אימאַזש גייט מיר נאָך און פאַרפּילט די רוימען פון דעם ליד. און געווען איז עס מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק אין אַ קליין פישער-דערפל אויפן באַלטישן ים.

אין זומער 1931 האָבן מיך די דאָרטיקע פישערס מיטגענומען צום שפּעטנאַכטיקן פישפאַנג אויפן אָפענעם ים.

דאָס איז געווען ביי מיר דאָס ערשטע מאָל אויף אַ פישער-שיפל בייַנאַכט אויפן אָפענעם ים. כוואַליעס האָבן אין דער נאַכטיקער חשכות אויסגעזען אין מיינע אויגן ווי אומגעהייער לאַנגע פיש מיט אָפענע פיסקעס (איך האָב אין זיי געזען די תנינים הגדולים פון חומש) און פון זייערע דורכן שוים צעכוואַליעטע זילבערנע רוקנס האָבן זיך אויפגעהויבן הויכע וואַסער-שטראָמען, וואָס האָבן מיך אין מיטן פון דער נאַכט דערמאָנט די שורות פון „אז ישיר", וואָס איך האָב אַלס קליין חומש-ייִנגל, מיטגעזונגען מיט די יוצאי מצרים, בעת מיר האָבן אַדורכגעשפּאַנט דעם ים, וואָס איך האָב אַזוי גוט געזען און איך געדענק אים עד היום.

אַט דאָס גראַנדיעזע בילד, וואָס האָט זיך אין מיין אונטערבאַוווסטזיין געשטאַלטיקט, אַז איך האָב זיי געזען ווי גוטע און געטרייע די קינדער פון ישראל, האָט מיך אין דער שעה געשראָקן און איך האָב פאַר זיי מורא געהאַט. דעמלט האָב איך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געהערט די ווערטער, וואָס איך האָב זיי גלייכצייטיק אויך געזען, אַזוי ווי איך האָב זיי מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער אויפגעשריבן אין מיין ים-ליד: „ווען די וועלן וועלן וועלן," וועלן זיי קענען מיך דער-דערטרינקען...

אָבער מיט דער ערשטער שרעק איז אויך אַנגעלאָפן און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מיינע אויגן אַ צווייטע שורה, דער מאמר פון דער גמרא, וואָס מיין טאַטע ז"ל האָט מיט מיר געלערנט ייִנגלווייז: הרואה ים הגדול מה מברך? וואָס פאַר אַ ברכה מאַכט מען ווען מען זעט דעם ים? דאָס האָט מיך באַרואיקט. דאָס געפיל פון פרומע קינדער-יאָרן, וואָס האָבן געגעבן מנוחה, אַז מען האָט צו וועמען צו בעטן בעת מען זעט דעם ים, האָט מיך אויך באַנומען מיט רו, און אַ פריילעכער בין איך מיט די פישערס צוריקגעקומען אין קליינעם דערפעלע אַריין...

יאָרן זיינען אַדורך. יאָרן אויסערגעוויינטלעכע. שרעק, גרויל, טויטגעפאַר ביי די נאַציס, ווו איך בין אויף אַ פעלד מיט טויזנטער יידן געלעגן ווי אַ צענטער צום דערשיסן. יאָרן אין סאָוועטישן רוסלאַנד, בע-ונד אונטער פאַרשיידענע נעמען, כמעט אָן צלם אלוקים. אָבער דאָס בילד איז נישט פאַרשווונדן פון מיינע מחשבות, כאָטש עס איז נישט געווען אין גאַנצן וואַך, כדי עס צו דערזען קלאָר. אָבער עס איז געווען אין מיר.

דורך די אַלע יאָרן האָב איך אַרומגערייזט כמעט אַלע זיבן ימים און פלוצים איז דאָס בילד און די ווערטער אויפגעקומען און זיך אַוועקגעשטעלט „כמו נד", ווי פון דער שירת ים אַרויס, בעת איך בין אין אַ פאַר נאַכט ווידער געקומען צום ים אין „פאַר-ראַקאַווי" און ווי פאַרחידושט געשטאַנען און באַוווּנדערט די וועלן, וואָס האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען ווי פליסיקע זילבערנע פיש, ווי אומגעהויערע לויתנס, געשפּרונגען (אפשר איז עס גאָר געווען אַ שורה פון „אַקדמות"), און צעריזלט מיין בלוט מיט ווערטער. אָבער די שורות האָבן זיך נישט אויסגעשטעלט ווי אַ ליד...

ערשט אין אַ צייט אַרום — און געווען

איז עס געווען אין אַ שבת בראשית בעתן לייענען די סדרה פון דער וואָך, ווען איך האָב פּלוצים געזען די געהערטע ווערטער פון חומש, וואָס האָבן מיין געמיט באַרירט מיט די פּסוקים, ווי איך אַליין וואָלט זיך געפונען אין יענע אָנהייב־טעג פון וועלט־באַשאַף, פּנים אל פּנים מיט די געשעע־נישן...

דאָס האָט מיר צוריקגעברענגט די שורות פון יענער נאַכט און פון אַלע טעג און נעכט ביים באַגעגענען זיך מיטן ים.

און בעת איך טראַכט וועגן מהות פון דער יידישער דיכטונג, גייען זיי אויף אין מיר מיטן אמת פון די שטימונגען און געפילן וואָס אַ יידיש יינגל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ יידישער דיכטער, לעבט זיי תמיד איבער, אויב זיין ליד, אויב זיין וואָרט, האָט די פאַרב און דעם ניגון, וואָס ער האָט איינגעהערט אין די קדמון־שעהען פון זיין ווערן. און ער גיט זיי צוריק אין די ערשטע ווערטער פון און אין זיינע לידער.

אָבער נישט בלויז פון לידער. דאָ ליגט אויך דער סוד און די גענעזע פון דער יידישער יצירה בכלל. אַ סימן: מאַרק שאַגאַל און זיינע חלומות, וואָס שוועבן איבער די קעפּ פון זיינע מענטשן, וואָס זיינען דאָך דער תוך פון די יידן אין זיין ערשטער פאַרב, וואָס האָבן באַלויכטן שאַגאַלס פּנים אין זיינע קינדער־יאָרן, ווי די פנימער פון יעטוועדן עכטן קינסטלער.

דאָס איז דער צוריקקער צום ערשטן זכרון, וואָס איז אויך דער ערשטער צוריקקום פון דיכטערישן וואָרט, וואָס ווערט שפּעטער זיין ליד, פּונקט ווי די ערשטע אומשולדיקע זיך רויטלענדיקע פאַרבן־פלעקן, תמימותדיקע ביי יעדן אמתדיקן קינסטלער, ווי די ערשטמאָליקע פאַרבן אין אויגן פון פאַרליבטע, וואָס זייער בלוט זינגט זיך אויס אין אַ ליד...

---


מזל טוב צו אונדזער חשובן חבר **אריה פאַזי**. זייט ווייטער טעטיק ביז 120 יאָר, אָמן.

**סימחה און פּסח קאַרפּ**

איך ווינטש אייך, **חבר פאַזי**, צו אייערע גבורות, איר זאָלט זיך עלטערן און על־טערן, צוזאַמען מיט בעלאַן, אָבער ניט ווערן אַלט.

מיט חברשאַפט

**אַלעקס ראַבין**

**חשובער פריינד אריה פאַזי:**

איך ווינטש אייך נאָך פיל יאָרן פון געזונט און געזעלשאַפטלעכע־קולטורעלע טעטיקייטן.

**גדליה ראָזענבוים**
דעטראָיט, מישיגען

לארי שבחבורה, לידידנו המכובד, ר׳ **אריה פזי** נ״י, בהגיעו לגבורות — ברכה: י״ר שיאריך ימים יחד עם ה„עזר״ שזכה מתוך בריאות הגוף והנפש, ומתוך הרחבת הדעת.

ידידיו ומכבדיו,

**זאב ורבקה סאליס**

**דב סדן / ירושלים**

# וועלוול שאַר — אַ בן תשעים

ליבער און טייערער ר׳ וועלוול שאַר:

אָט דאָס מיינט בראַוויר — מען האַלט ערב ניינציק. נעמט מען אַן אַוויאַן אין לאָס אַנדזשעלעס און מען טוט אַ פלי קיין תל־אביב, כדי דאָרט צו פראַוועון דעם יובל. ווי גייט דאָס ווערטל: אומעטום איז גוט, אָבער אין דער היים איז אַמבעסטן.

נו, ווייסן מיר דאָך, אַז דער ערשטער טייל פונעם טאָג איז נישט אַזוי אַקוראַט, אָבער דער אַנדערער טייל איז אמת ויציב. ווי פלעגט מיין באָבע אָבער זאָגן: דער חילוק פון אַ מאַמע און אַ מומע איז, אין פלוג נישט אַזוי גרויס — דאָס איז אַ וואָוו און דאָ איז אַן אַלף, אָבער דער חילוק אין די נקודות איז גרויס — אַ שורוק ווערט אַרויסגערעדט מיט אַ כמעט פאַרמאַכטן מויל און אַ פתח ווערט אַרויסגערעדט מיט אַן אָפן מויל. יאָ, נישט אומזיסט האָט מען אַ שטיפמאַמען גערופן מ ו מ ע , און ווען מען האָט גערופן ד י מומע ווייסן מיר דאָך פון קינדערווייז אויף.

נו, זיצט איר, ברוך השם, ביי דער מאַ־מען און זעט, ווי עס ווימלט אַרום איר — סאַמע ייִדן, טאַקע ייִדן, נאָר ייִדן, בלויז ייִדן, רק ייִדן, ייִדן, ייִדן, ייִדן. צרות — ייִדישע צרות, נחת — ייִדישער נחת.

איך פאַרשטיי אַז אין דעם כלל־ענין גייט , וואָס איז פאַר אייך אַ פרט שבפרט ענין — ייִדיש, ליטעראַטור און שפּראַך, פאַר וועלכע איר האָט אָפּגעגעבן כוח און ליבשאַפט און פאַרמעג, ווי עס הייסט: „וצדיק חונן ונותן", משמע: דער צדיק לייטזעליקט און גיט (און איר ווייסט דאָך, אַז דאָס אות צ ד י ק מיינט ניינציק).

און איך ווייס, אַז איר וואָלט געוואָלט זען ייִדיש אין אַ בעסערער מערכה. זאָג איך אייך: אויך ייִדיש וועט זיך בעסער האַלטן ביי דער מאַמע ווי ביי דער מומע.

איך ווייס, אַז מען האָט תרעומת, וואָס איך זאָג עס און חזר עס איבער, אָבער איך האָב קיין ברירה נישט. דער אמת לאָזט מיר נישט איבער קיין ברירה: דאָרט ווו עס איז דאָס האַרץ פון פאָלק אין זיין לאַנד, קענען און וועלן אָפּגעהיט ווערן אַ ל ע זיינע קולטור־ווערטן, און ייִדיש בתוכם. קיין בעסערער קאַנדידאַט דערצו איז נישט פאַראַן, און קען ניט זיין פאַראַן.

מיט כבוד און ליבשאַפט —

**דב סדן**

ירושלים, חשוון, תשל״ה

---

וועלוול (ווילי) שאַר

## געדאַנקען אויף די עלטערע יאָרן

פאַראַן מענטשן גוטע,
וואָס האָבן האַרץ און נשמה,
צו העלפן יענעם אין זיינעליידן
איז פאַר זיי אַ נחמה.
פאַראַן אָבער אויך מענטשן שלעכטע,
דענקען נאָר זיי זיינען די גערעכטע,
דער „אָדם קרוב לעצמו" —
דאָס איז זייער געבאָט,
קיין יושר עקזיסטירט ניט פאַר זיי,
קעגן זייערע תאוות קיין פאַרבאָט.
איז כל זמן אָט דער שד
וועט אין מענטשן עקזיסטירן,
קען די וועלט חרוב ווערן,
און אַלץ פאַרלירן...

---

## כה לחי, ר׳ וועלוול שאַר!

צו אייער ווערן אַ בן־תשעים, ר׳ וועלוול שאַר,, ווינטשן מיר אייך, אַז עד מאה ועשרים, און ווייטער און ווייטער, זאָלט איר נאָך אַלץ ניט אויפהערן זיין — ווי איר זענט ביז איצט געווען — איינער פון די „ענטשן גוטע, וואָס האָבן האַרץ און נשמה, צו העלפן יענעם אין זיינע ליידן איז פאַר זיי אַ נחמה."

**ל״א ייִדישער קולטור קלוב**

**רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון „חשבון"**

# שרײַבערס און ביכער

מלכה חפץ טוזמאַן

## ז. בונין — אַ פינף־און־אַכציקער

אַז פינף־און־אַכציק איז וואָס? ווער ציילט דען די יאָרן? ווער דאַרף ציילן? ניט מיר פירן דעם חשבון. אויב ניט מיר איז דאָך שוין ממילא ניט אונדזער ענין... נאָר דאָך: ווער איז דער ז. בונין, וואָס צו זיינע 85 זאָל אַרויסרופן אונדזער אויפמערק?

ס׳קומט אויפן זינען: אַ קינד פון צוויי יתומים; אַ קינדהייט וואָס רייסט זיך דורך אַן „אוצר פון אָרעם־אָרעמקייט, ברעכט דורך די בויט און וואַקסט ווי אַ ווילד געוויקס, ווי אויף צו להכעיס אַלע שטער־רונגען: נישטאָ קיין שיך, גייט מען באָר־וועס, איז רעכט אַ מאָל כאַפּן דער עלטע־רער שוועסטערס שיך און טאָפּטשען אין שניי און כאַפּן אַ פרייִדיקן ציטער אין פראָסט. נישטאָ קיין ברויט, קאָן דער מאָגן וואַרטן... נאָר „לייענען און שרייבן״ קאָן ניט וואַרטן, און אײדער וואָס־ווען איז ער שוין ביים קאַסטן ווו ס׳ליגן דעם טאַטנס געלעגנהייט־לידער און געגראַמטע בריוו פון ווײַ און צער און האָפן. דער יונגער זוסיע לייענט, שלינגט און פאַרגע־דענקט, און בייִנאַכט אין קיך אויף אַ סקרי־פענדיק בעטל ביים באַלעבאָס ווו ער איז אַ לערבייִנגל ביי סטאָלעריי פאַרפאַסט ער שוין אַליין געגראַמטע פערזן און זינגט זיי צו די שמעקעדיקע סטרוזשקעס וואָס פליען פון הובל און דאָס האַרץ גייט אויס צו עפּעס אַן אומפאַרשטענדלעכער בענק־שאַפט וואָס איז ווייט און דאָך וואָר.

גיך, גיך און ער איז שוין הויך און שטאַרק ווי אַ דעמב און אַ האַרץ מיט ליבשאַפט פאַר צען. אָט לערנט ער אַן איבערגעוואַקסענעם חבר־אַרבעטער דעם אלף־בית, אָט פאַרליבט ער זיך אין דער באַלעבאָסטעס טעכטערל; אָט גייט ער מיט איר צום ערשטן מאָל אין אַ טעאַטער; זינגט צו איר האַרצרייסנדיקע אוקראַיִנישע לידער און זעצט זיי איבער אויף יידיש און אײדער מ׳קוקט זיך אַרום ווערט דער זון פון צוויי יתומים, אַ טאַטע צו יתומים. ווו ער קומט כאַפּן זיך אַרויף אויף זיינע פּלייצעס יתומים: אַ פולע הויז מיט אַ שוועסטערס יתומים, אַ פאַרוואָרלאָזט קליין קריסטלעך יתומהלע, און שפּעטער איז ער טאַטע און מאַמע צו זיינע אייגענע צוויי יתומים. ס׳טעמט זיך דאַכטן אַז יתור־ממשאַפט איז זיין גורל... און אין צווישן, ווהין ער זאָל ניט ווערן פאַרוואָגלט שרייבט ער לידער. פאַרשרייבט ערלעך אַלץ וואָס דריקט אים, נאָר אָן פאַרדראָס, אָן ביטערקייט, אָבער אין אַלץ וואָס ער פאַרשרייבט שימערט זיין פערלדיקע טרער:

„שטייט זיך אַ שטיין אין דער מידבר
טויזנטער דורות אַליין.
זאָג מיר, מיין פריינד, ווער איז
איינזאַמער:
מיין האַרץ צי דער שטיין?

זאָג מיר, מיין פריינד, ווער איז שווערער:
מיין האַרץ צי דער שטיין?״

מ׳לייענט איבער אָט דאָס קליינע ליד און מען גליקבט אים און מען פילט מיט אים, ווייל דאָס דערציילט די תמימות, די ערלעכקייט אַליין.

ז. בונין דער גוטער מענטש; ז. בונין דער קולטור־מענטש; ז. בונין דער מכניס־אורח, ביי וועמעס טיש ס׳איז ליב צו נע־מען אַ גלעזל און הנאה האָבן פון די גוטע מאכלים וואָס זיין טייערע איטקע גריט צו מיטן ברייטן האַרץ און פולער האַנט. און ז. בונין דער דיכטער. אָט אַזאַ קענען מיר אים שוין צענדליקער יאָרן. ער זינגט, ער לאַכט דורך טרערן און איז אייביק פאַרליבט. ווער קען פאַרזען אַזאַ אויסגוס פון ליבע־רייך?

„אין די שאָטנס פון די קעניאָנס,
אין די פֿאַלדן פון די בערג
וואָס האַלטן
סודות אונדזערע באַהאַלטן,
אין יעדן רויז,
אין יעדן בלומען־בלעזל,
אין יעדן טוי־באַדעקטן גרעזל
וועלכע וואַקסן ביי דיין פענצטער,
בליען ביי דיין טיר —
בליט אַרויס מיין דינסטע ליבע
צו דיר.״

און ווער קען פאַרבייגיין דאָס ליד — ווער קען פאַרהאַלטן אַ טרער ווען בונין פירט צו זיינע צוויי קינדער צום קבר פון זייער יונגער, שיינער מאַמע — זיין ליבע־לע? דאָ איז אַ זעלטענע ליבשאַפט פאַראַן. דאָ איז טיפער צער פאַראַן. און די הילפ־לאָזיקייט שטאַרצט אַרויס ווי אַ ניט פאַר־מיידלעכער גזר מיט וואָס מ'מוז מאַכן שלום...

און אַז דער דיכטער בונין קומט אָן קיין ישראל, באַטרעט די ישראל ערד צום ערשטן מאָל און דערציילט מיט אַ טרער־צאַפל אין די אויגן:

„איך האָב געוואָלט אַ פאַל טאָן און קושן די ערד, נאָר מיין יעטאַ האָט זיך געשעמט און מיך ניט געלאָזן״ גלייבט איר אים אין גאַנצן. און אַז ער קומט קיין ירושלים געדענקט ער דאָס דורותדיקע „לשנה הבאה בירושלים״ קען ער זיך גאָר ניט גלייבן, אַז ער איז זוכה געווען צו אַזאַ דערהייבונג און זאָגט צו זיך:

„שפּיץ אָן דיין אויער,
פאַרשאַרף דיין בליק,
און וועסט דערהערן קלאַנגען
און זען געשטאַלטן
פון אונדזער עבר דעם אַלטן
וואָס זענען פאַרגאַנגען
צענדליקער דורות צוריק.״

איז „חג שמח״ יעדערן וואָס קומט אים אַנטקעגן אין גאַסן, אין הייזער, צו פרעמ־דע, צו אייגענע. און ווער אין ישראל איז ניט קיין אייגענער?

„ס'איז יום־טוב פון זמן חרותנו,
דאָס פנים פון יעדערן שטראַלט
און וועמען אין גאַס דו באַגעגנסט,
אָן אונטערשייד — יונג צי אַלט,
איז: שלום! חג שמח!

אָט לאָזט זיך אַ כוואַליע צום ברעג,
אַ בלאָע דורכזיכטיקע קלאָרע
און שטראָמענדיק כאַפּט זי אַרויף
אויפן קאָפּ אַ זילבער־עטרה
און בליקט אין די פענצטער אַריין:
אָ, וויפל געסט אָן עין־הרע.

נאָך איר קומען אַנדערע כוואַליעס
מיט ימיקן אימפעט און כוח
און גריסן זיך איינע די צווייטע:
שלום. חג שמח.״

צובוניבס 85 יאָר וועלן מיר לאָזן ריידן זיין ליד: „מיינע פיר סעזאָנען.״ דאָס איז אַ בליץ־בליק איבערן לעבן פון דיכטער ז. בונין:

„צו מיין יאָר דעם צוועלפטן
האָב איך געקלעזמערט אין אַ קאַפּעליע
אויף אַ מעשענער ווי אַ בייגל
קיילעכדיקער טרובע,
און ביים אָנהייב פון מיין לייגן תפילין
האָב איך אַלס לערן־ייִנגל
ביי ברוך סטאָליער
קליי פאַרקאָכט,
פאַרברענט די סטרוזשקעס אין הרובע
און דער באַלעבאָסטעס קינדערלעך
געדאַרפט פאַרוויגן און פאַרשפּילן,
און פאַרפלויגן זענען מיינע יוגנט־טעג
ווי די סטרוזשקעס פונעם הובל,
ווי דער שטויב פון אונטער זעג.
בין איך אַוודאי ווייט געווען פון
גימנאַזיע,
פון עולם־הזה,
און פון אוניווערסיטעטן —
חלומען אפילו ניט געקענט
די שוועלן זייערע באַטרעטן,
בין איך ווייט פון זיין אַ מומחה עתיק
אין חכמות מאַטעמאַטיק.
אָבער אַז אַ יאָר באַשטייט פון פיר
סעזאָנען
ווערט דאַכט זיך דער גרעסטער נאַר
אויסרעכענען קענען.
פאַרוואָס־זשע קען איך
מיינע פרילינגס, מיינע זומערס
אויף מיינע צען פינגער איבערציילן
נאָר מיינע האַרבסטן,
מיינע ווינטערס

ס. נוטקעוויטש

# וועגן אַ ניי בוך לידער פון מלכה חפץ טוזמאַן

אין תל אביב, אין פאַרלאַג „ישראל בוך" איז נאָר וואָס דערשינען מלכה חפץ טוזמאַנס פינפטער בוך לידער, אונטערן נאָמען: „אונטער דיין צייכן".

דער אָפּרוף צו דעם נייעם בוך לידער איז אַ זייער וואַרעמער. עס האָבן וועגן דעם געשריבן ישעיהו שפּיגל אין ישראל, אַ. פאַרשער און מאיר שטיקער אין „פאָרווערטס".

די אָפּרופן זיינע גוטע, פול מיט לויב פאַר דעם אינהאַלט פונעם בוך און אויך גרויסע אנערקענונג פאַר דער דיכטערין מלכה חפץ טוזמאַן.

ס'איז מאָדנע, ווייל אָפּרופן וועגן ייִדישער דיכטונג פון ייִדישע שרייבער איז טראַדיציאָנעל זייער אַ מאַגערע, דער וועג צו פּאָעטישער אנערקענונג איז ביי אונדז זייער אַ שווערער און מען דאַרף אַ געוואַלדיקן געדולד צום וואַרטן...

מלכה טוזמאַן האָט אויסגעוויטיקט אירע לידער פון די סאַמע טיפסטע טיפענישן פון אירע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען. זיי שטעלן מיט זיך פאַר אַ געמיש פון בענקשאַפטן וואָס זי אַנטפּלעקט פאַר אונדז אין די סאַמע איידלסטע מוזיקאַלישע פאָרמען וואָס זיינען דווקא געשריבן נישט אין גראַמען נאָר אין פרייע „ווייסע פערזן".

די מוזיקאַלישקייט פון אירע לידער דערהערט מען אין ריטם און אין סדר. זיי רודערן אויף אונדזער געמיט מיט דער אינטעלעקטועלער מיסטעריע און מאָדערניזם פון דעם לידער־בוי פון זייער בפירוש און עכטן ייִנגן באַנעם און פון די טעמעס איבער וועלכע זי שרייבט.

איך דערמאָן זיך אַ ליד און בין נישט זיכער צי עס איז ערגעץ געדרוקט געוועזן:

„ווערטער זיינען
פייגל אַ שטייג.
איינמאָל
דו לאָזט זיי אַרויס
וועלן זיי צוריק
שוין מער נישט קומען."

איך ציטיר די ווערטער כדי צו ווייזן דער דיכטערינס פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אירע „ווערטער" אין לידער. אירע לידער קומען נישט נאָר ווען די שטימונג (מוזע) באַפאַלט איר. ערשט ווען די שטימונג ברענגט אַרויס איר ליד, הייבט זיך אָן דער מיזאַמער פּראָצעס פון שלייפן, פון „מעקן און איבערשטעלן", פון זוכן גוטע „שכנים" פון איין פערז צום צווייטן.

איך וויל דאָ באַרירן אַ ווייטאַגלעכן ענין מיט די לייענער פון לידער בכלל. מיר איז אויסגעקומען צו הערן פון דווקא גוטע לייענער: „איך האָב נישט קיין געדולד צו מלכה טוזמאַנס לידער, איך פאַרשטיי זיי נישט. אַ ליד דאַרף זיין פשוט און אַ קינד דאַרף עס פאַרשטיין.

די זעלבע געדאַנקען ווערן אַרויסגעזאָגט אין פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון פאַרשיידענע טיפן מענטשן וועלכע ווילן זיך נישט געבן די מינדסטע מי צו פאַרטיפן זיך אין אַ ליד. איז דען יעדע מוזיקאַלישע שאַפונג „פאַרשטענדלעך" פאַר יעדן איינעם וואָס הערט מוזיק?

דער דיכטער זוכט אַ באַהעפטונג מיט דעם לייענער. זיי דאַרפן זיך טרעפן און געפינען די שותּפותדיקייט אין דער באַנעמונג פונעם ליד. און פונקט אַזוי ווי פאַר מוזיק אַנטוויקלען מיר אַ מין אנערקענונג און ליבשאַפט פאַר די קל[illegible] און קאָנפליקטן פון די אינסטרומענטן, [illegible] אויך דאַרף אַנטוויקלט ווערן אַן אנ[illegible]נונג און דאַנקבאַרקייט צו די קלאַנגען [illegible] ווערטער פון אפילו קאָמפּליצירטע פּאָ[illegible]

ס'איז אָן ספק, אַז אַ מענטש וואָס [illegible] מאָגט נישט די אייגנשאַפט, איז פאַר[illegible] אין זיין קולטור.

מלכה טוזמאַן באַנוצט זיך אין [illegible] לידער מיט סימבאָלן. טייל לידער [illegible] אַ פילאָסאָפישן הינטערגרונט און [illegible]

---

„רעכן איך און רעכן
און קען זיי אַלץ נית איבערציילן?..."

און מיר, זיינע גוטע פריינד, זאָגן: ביז הונדערט יאָר, דיכטער ז. בונין.

אַנדערע דינען ווי תפילות, געבעטן צו גאָט אָדער שיקזאַל.

דאָס לידער בוך „אונטער דיין צייכן" עפנט זיך מיט אַ ווענדונגס־ליד צו די לייענער:

„עפן די טאָוולען פון
אַ לידער בוך.
לאָז אַריין אַהין
אַ ביסל ליכט.
זאָלן ווערטער אין דער פינצטער
נישט אַליינען.

לידער זיינען קינדער;
זיי האָבן מורא אין דער פינצטער
און
זיי וויינען."

דאָס קורצינקע לייד קלינגט ווי אַ „פאַר־וואָרט" צום לייענער. די דיכטערין בעט ביי אונדזז „אַ ביסל ליכט", ווייל אין דער פינצטער וועלן די ווערטער „אַליינען" און די לידער קענען זיך צעוויינען.

וויפל פּאָעטישער חן און קלוגשאַפט ליגן אין די געצלטע ווערטער"

און אַט זינגט מלכה טוזמאַן וועגן אַ בלויען מענער־העמד (אַ צער דערמאָנונג?). זי זיצט ביים טיש אַליין און עסט און פּלוצים ערפילט זי, אַז

„און איך
בין מאָדנע אָנגעטאָן געווען
אין דיר
אויף אַ ווייליבקע אין גאַנצן
אָנגעטאָן געווען
אין דיר—
אין הימל־בלאָ פון העמד.
ווער, אויסער אַזאַ דיכטערין ווי מלכה

טוזמאַן האָט געקענט זיך דערזינגען צו אַ מדרגה פון זיין „אָנגעטאָן אין דיר."

דאָס בוך איז פאַרטיילט אין פיר אָפּטיילונגען; לעצטער עפּל: אין די בלאָע סטאָוון; זעקס מאָל זעקס; שעפּעלע.

די אָפּטיילונג „זעקס מאָל זעקס" האָט מיך אינטריגירט מיט די ישראלדיקע לידער, און אויך מיט דער מיסטישקייט פון „זעקס מאָל זעקס".

וואָס זאָגט די מיסטישקייט? די דיכטערין מיינט דאָ די מלאכים. לויט דער לעגענדע האָבן די מלאכים זעקס פליגלען: מיט צוויי פליגל פאַרדעקן זיי דאָס פנים, נישט צו זען די רשעות; מיט צוויי פליגל פאַרשטעלן זיי די פיס, מען זאָל זיי נישט דערקענען, און צוויי פליגלען באַנוצן זיי צום פליען.

רופט די דיכטערין די זעקס פליגלדיקע מלאכים, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן אַרום דאָס קליינע לענדעלע פון ייד און עס באַשיצן.

דאָס איז אַ שטאַרק און רירנד אַלעגאָריש ליד.

דאָס ליד „יום כיפור תשל"ד" איז געווידמעט די יום־כיפור מלחמה:

איך פאַרשרייב;
ניין — איך בין דעם שבת שבתון
ניט מחלל.
איך בין מתפלל.

מלחמה
האָט מחלל געווען מיין לעבן
היינט — יום־כיפור תשל"ד.

אין אַ צווייטן ליד רופט זי צו גאָט:

שטעל אָפּ די שחיטה, גאָט דו גרויסער.
שטעל אָפּ.
איך זאָג דיר צו:
איך וועל מיין פרייד נישט טאַנצן
און נישט שפּרינגען.
איך וועל אפילו
הללויה דיר נישט זינגען.

איך וויל צום סוף ציטירן אַן אַכט שורהדיגע ליד:

## אַ תפילה

גאָט געטרייער,
טאַטע זיסער,
איך וועל אויף קליינע וויטיקן
זיך ניט באַקלאָגן,
נאָר היט מיך אויס
פון גרויסע לידן,
היט מיך
פון יסורים גרויסע אויס, מיין גאָט.

* * * * *

לאָמיר אַלע מיטדאַווענען די תפילה.
מלכה טוזמאַן האָט אָנגעשריבן אַ טיף בוך, וואָס באַשיינט אונדזער דיכטונג און באַשיינט אונדזער לעבן.

ס. שניאור

# דער „סוד" פון דער יידישער קולטור-יצירה

(„צו די טיפן פון יידישן געדאַנק", פון אברהם גאָלאָמב,
פרץ פאַרלאַג, תל אביב, 1974)

עס איז דערשינען דאָס נייעסטע און פערציקסטע בוך פון אַברהם גאָלאָמב. עס איז אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון אַ גרופּע פריינד, און באַזונדערס דעם פריינד מרדכי פריילעך, אין קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ. דאָס בוך צייכנט זיך אויס, פונקט ווי זיינע פריערדיקע ביכער, מיט גאָלאָמבס פּרעכטיקן סטיל און רייכן וויסן, מיט אַ שלל פּאַסיקע פּסוקים און אַ הייסן באַגער צו זוכן דעם הייליקן, געטלעכן, יידישן גייסט, דעם „סוד" פון יידישן קיום. „אַנטפּלעקן אַט דעם גייסט אין גאַנג פון לעבן — דאָס איז די קדושה פון לערנען און שרייבן."

פאַר אַ געטרייען לייענער איז אנגענעם און אַ זכיה מיטצוגיין מיטן זקן הסופרים, דעם ליבן חבר אברהם גאָלאָמב, אויף זיינע וואַנדערונגען צו די „הייכן" און „טיפן" פון יידישן געדאַנק. אפילו ווען ס'איז אָפט שווער נאָכצופאָלגן זיינע גיגאַנטישע שפּרייזן איבער טונקעלע תקופות און פאַרפלאָנטערטע שיטות, איז די מי און די אָנשטרענגונג ווערט. די דערוואַרטונג לאָקערט און די אַנטפּלעקונג דערפרייט. און אפילו ווען נאָכדעם בלייבן נאָך אַלץ ספיקות בנוגע טייל אויספירן זיינע, בלייבט מען נאָך אַלץ ניט אַנטוישט אָדער אַנטמוטיקט פון דער ווייטער, אָנגעשטרענגטער נסיעה. וואָרים בינו לבינו ווערט מען אָנגעשטעקט און מיטגעריסן פון זיין גליענדן פּאַטאָס און רייכן וויסן. ס'איז אַ פאַרמעסט פון אַ גרויסן תלמיד־חכם, וואָס איז קלאָר אין די מיסתורין פון גרויסע יידישע מוחות, אין נגלה און נסתר, וואָס ס'איז אָפן און וואָס ס'איז פאַרבאָרגן.

נאָר הפּנים אונדזער חשובער זוכער און פאָרשער ווייסט ניט אַז אין דער אמתן האָט ער דעם געזוכטן „סוד" פון יידישן קיום שוין לאַנג, לאַנג געפונען און טאַקע אויך דאָס אַנטפּלעקט. קענטיק, אַז אפשר ווי אַלע גרויסע פאָרשערס און טרוימערס בלייבט ער אויך אומבאַפרידיקט פון דאָס געפונענע, אָדער אפשר צווישן איין בוך און דעם אַנדערן גליטשט זיך דער סוד אַרויס און ווערט פאַרלאָרן אין גאַנג פון לעבן? ווי עס זאָל ניט זיין, טראַכט איך, אַז דעם סוד האָט גאָלאָמב דאָס ערשטע מאָל אַנטפּלעקט אויף די בלעטער פון דעם אַמאָל באַרימטן וואַרשעווער וואָכנבלאַט, „די ליטעראַרישע בלעטער", אַן ערך ביים סאַמע אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן. דאָס איז געווען בשעת דעם פריידיקן אויפבלי און אויפגאַנג פון אַ נייעם יידישן קולטור־גייסט אין מזרח־אייראָפּע, ספּעציעל פּוילן. מען האָט נאָך דאַן ניט געקענט חושד זיין, אַז דאָס וועט זיין די לעצטע גאָלדענע שקיעה פון אַ טויזנטיאָריקער תקופה אין דער יידישער געשיכטע. דאָס איז מסתמא אויך געווען די צייט ווען גאָלאָמב האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרלאָזן פּוילן און געגרייט זיך צו זיינע נייע וואַנדערונגען, פריער קיין פּאַלעסטינע, נאָך דעם קיין קאַנאַדע, פון דאָרט קיין מעקסיקאָ און נאָך דעם אַהער קיין לאָס אַנדזשעלעס. אַ לאַנגער, ווייטער וועג.

איך געדענק די צייט. ס'איז דאַן אויך געווען אונדזער בלי־צייט דאָ אין אַמעריקע. איך געדענק דאָס גוט דורך אַ צופאַל, וואָס אין זומער פון 1932 בין איך געווען צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק נאָך אַ לענגערער אָפּוועזנהייט פון אַרום פינף יאָר. כדי זיך אָפּצופרישן און באַנייען בין איך אין אַ רעגנדיקן זומער פרימאָרגן אַוועק אין דער באַרימטער שטאָטישער ביבליאָטעק אויף דער 42סטער גאַס און פינפטע עוועניו. צווישן אַנדערע זאַכן האָב איך אָנגעהייבן צו בלעטערן פאַרשיידענע יידישע זשורנאַלן, וואָס פריער האָב איך ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו זען. זוכנדיק אַזוי דעם נעכטיקן טאָג האָב איך זיך אָנגעשטויסן צווישן די אַלטע נומערן פון די „ליטעראַרישע בלעטער" אויף אַ פּראָמינענט אויסגעשטעלטן אַרטיקל און דאַכט זיך אויך מיט אַ בילד פון מחבר, וואָס איז מיר געווען אומבאַקאַנט. איך געדענק

ניט געענדיקט דעם נאָמען פֿונעם אַרטיקל, נאָר איך געדענק דעם נאָמען א. גאָלאָמב און דעם אינהאַלט, ווייל דאָס האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקן, אומדערוואַרטעטן איינדרוק, אַז כ'האָב געמוזט פֿאַרצייכענען דעם אינהאַלט, און נאָך דעם זיך לאַנג, לאַנג באַנוצט מיט דעם ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן.

גאָלאָמב איז דאַן געווען דירעקטאָר און פירער פֿונעם ווילנער לערער סעמינאַר און עס איז מיין איינדרוק, אַז אין יענעם אַרטיקל האָט ער צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט זיין געפֿונענעם „סוד" פֿון יידישן קיום: „דער קיום פֿון יידישן פֿאָלק איז אָפּהענגיק פֿון דער קולטור־צירקולאַציע אין פֿאָלק." דער באַזיס פֿון קולטור בכלל איז דער שטייגער פֿון פֿאָלקס־לעבן, די טראַדיציע, וואָס גייט איבער פֿון דור צו דור, פֿון תקופֿה צו תקופֿה, אין פֿאָרמולירונגען, הלכות פֿון די לערער, „מד־רבנן", דורך די שולן, דורך דער ליטעראַטור און די אַנדערע פֿאַראַנענע אינסטיטוציעס און פֿאָרמען פֿון קאָמוניקאַציע, צוריק אין געלייטערטן פֿאָלקס־שטייגער. דער שטייגער טאָר ניט בלייבן פֿאַרגליווערט. יעדע נייע תקופֿה ברענגט אויך נייעסן. אָט דאָס אַריינעמען און אַסימילירן דאָס נייע אין אייגענע טראַדיציע־פֿורעמס איז דאָס לעבן פֿון פֿאָלק, אַסימילירן דאָס נייע אין דעם אייגענעם אַלטן — דאָס איז קיום. זיך אַליין אַסימילירן אין דעם נייעם — דאָס איז דער אונטערגאַנג."

דאָס אַן ערך איז געווען דער געדאַנק. אָבער אָט די פֿאָרמולע, אָט דער הויפּט־פּרינציפּ פֿון קולטור־צירקולאַציע, וואָס מוז דורכגיין די דריי שטופֿן, וואָס ער האָט אין יענעם אַרטיקל אַזוי קלאָר און בילדלעך אויסגעדריקט, איז דאַן געווען ניי, שיין און אויטאָראַטיוו און אַזוי אמתדיק. עס איז געווען אַ פֿעסטער טעאָרעטישער באַזיס און מ'האָט אויף דעם געקאָנט בויען מיט פֿולער זיכערקייט. וואָרים דאָס איז דער גאַנג פֿון לעבן, דאָס אייזערנע געזעץ, פֿאָרמולירט אַזוי פּרעציז, כמעט ווי ניוטאָנס געזעץ פֿון גראַוויטאַציע, ווי איינשטיינס מאַטעמאַטישע פֿאָרמולע פֿון מאַטעריע און ענערגיע. און וואָס ס'איז נאָך בעסער און שענער, עס פּאַסט זיך דאָ אַזוי גוט אַריין כמעט אַזוי ווי אַזאַ פֿאָרמולע ווי דער פּסוק פֿון דער אייגענער קבלה: „קודשא בריך הוא, ישראל ואורייתא חד הוא" — גאָט, ישראל און זיין תורה זיינען איינס.

די ברייטע מעגלעכקייטן פֿון נייער קולטור שאַפֿונג, דעם נייעם דרך המלך, וואָס האָט זיך געעפֿנט פֿאַרן פֿאָלקישן סעקטאָר זיינען איצט געווען אין לשער. אַ נייער וואַרעמער שטראָם האָט גענומען פֿליסן און ס'האָט געוועקט און געטריבן צו נייע קולטור־פֿאַרמעסטן, צו נייע דערגרייכונגען מ'האָט בפֿירוש געזען און געפֿילט ווי אַ נייער קולטור־רענעסאַנס איז אויפֿגעגאַנגען. געוויס, ניט צוליב גאָלאָמבס אַרטיקל איז דער קורצער רענעסאַנס אויפֿגעגאַנגען אין פּוילן, אין אַמעריקע און דאַן אפֿילו אין סאָוועטן פֿאַרבאַנד. די נייע אויפֿלעבונג האָט זיך באַוויזן, אַ סך, אַ סך פֿריער. יענער אַרטיקל גאָלאָמבס איז אָבער געווען דער בעסטער און קלאָרסטער אויסדרוק און די דערקענטעניש פֿון אָט דעם נייעם שטראָם.

אָט דעם וואַרעמען שטראָם האָב איך דערפֿילט ווען כ'האָב אין יענעם רעגנדיקן זומער פֿרימאָרגן אין דער ניו־יאָרקער שטאָט־ביבליאָטעק דאָס ערשטע מאָל זיך באַקענט מיט גאָלאָמבס געדאַנק.

שוין אין דער הקדמה צו זיין איצטיק בוך: „צו די טיפֿן פֿון יידישן געדאַנק" איז גאָלאָמב זיך מודה, אַז די פּראָבלעמען פֿון יידישן קיום האָבן אים קיין מאָל פֿריער ניט געמאַטערט אַזוי ווי איצט אין דעם רייכסטן און זיכערסטן יידישן יישוב אין אַמעריקע. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז אויך אין זיינע פֿריערדיקע ביכער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט אונדזערע קיום־פּראָבלעמען. און נאָך אַ פֿאָרזיכטיקן אַריינבליק קען מען אויך דערזען ווי זיינע שטודיעס קריסטאַליזירן זיך אויס אין אַלץ שטאַרקער, בולטער קלאָרקייט פֿון בוך צו בוך. די פּראָבלעמען זיינען טאַקע די זעלבע, נאָר דער פֿאַרמעסט זיך צו דערגרונטעווען צו זייער עצם לייזונג ווערט געצילט דורך אַנדערע פּונקטן, דורך אַנדערע עפֿענונגען מיט נייע מעגלעכקייטן, נייערע פֿאָרשונגען. דאָס פֿעלד פֿון פֿאָרשן האָט זיך אויסגעברייטערט. עס זיינען ניט נאָר די באַגריפֿן פֿון טראַדיציע און שפּראַך, וואָס ער פֿאָרשט, אַנאַליזירט און פֿאַרגלייכט לויט אָט דער פֿאָרמולע זיינע.

ער פאַרטיפט זיך אין די פריערדיקע תקופות פון השכלה און חסידות, פרושים און צדוקים, די תקופות פון תנ"ך און תלמוד, די נביאים און תנאים, די ענדערונגען אין די באַגריפן פון תורה שבעל־פה און שבכתב, לימוד התורה און תלמוד תורה; דער כאַראַקטער און ספּעציפישע אייגנאַרטיקייטן פון די באַזונדערע צענטראַלע יידישע יישובים, און לסוף, אין דעם איצטיקן בוך זיינעם, אין די היסטאָרישע טערמינען ווי הלכה, און מצוות, גאָט און געטלעכקייט, רוח אליהם, רוח הקודש און שכינה — אָט דעם גרויסן „באַרג סיני" געזען און באַטראַכט לויט זיין פּרינציפּ פון קולטור־צירקולאַציע און דעם תלמודישן פּרינציפּ, וואָס ער האָט אָפּגעפרישט: „מן התורה מניין?" ווי גיסט זיך דאָס נייע פון יעדער תקופה צונויף מיט דעם פריערדיקן, שוין פיקסירטן און קאַנאָניזירטן? און פון דעם אַלעמען אַרויסצוקריגן אָנווייזונגען און שעפּן כוחות און באַגייסטערונג פאַר אונדזער ווייטערדיקן גייסטיקן נאָרמאַלן המשך! ס'איז אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט וואָס פאַרדינט גרויס אָנערקענונג. זיינע שטודיעס און דעם פּרינציפּ, וואָס ער האָט אַנטוויקלט און פעסטגעשטעלט, קענען היינטצייטיקע ערנסטע פאָרשערס און דערציערס, אמת געטרייע לערערס פון פאָלק ניט איגנאָרירן. פריער אָדער שפּעטער וועלן זיי מוזן זיך רעכענען מיט זיינע פאָרשונגען.

„דער וואָס קוקט זיך צו מיט האַרץ צום לעבן פון יידישן פאָלק, דער דערפילט אין דעם גאַנצן לעבן דעם גייסט און דעם גאַנג פון פאָלקישן געדאַנק. אָט דעם גייסט", שרייבט גאָלאָמב, מעג מען זוכן אָבער ניט אָנרופן, ניט מאַכן וואָכעדיק." הייליקייט קען זיין ניט נאָר ביי גאָט נאָר אויך ביים פאָלק, אין דעם אויפפיר און אין די מעשים פון מענטשן, ווי ישעיה הנביא האָט געזאָגט: „האל הקדוש נקדש בצדקה" — דער הייליקער גייסט ווערט געהייליקט דורך גערעכטיקייט. גאָט איז לויט דער טראַדיציע — זאָגט גאָלאָמב — די הייליקייט פן די יידן. „דאָס וואָס דאָס יידישע פאָלק האַלט פאַר הייליק דאָס איז געטלעך."

נו, געוויס איז דאָס שיינע פּאָעזיע און מיסטיק, און הערלעכע עקזאַלטאַציע. נאָך מיסטישער איז דער געדאַנק, וואָס ער האָט איבערגענומען פון הרב קוק ז"ל: אַלץ וואָס עס פירט זיך ביי יידן כדי צו זיין יידן, אַלץ ווי יידן פירן זיך ווייל זיי זיינען יידן — דאָס אַלץ איז יידישקייט און עס איז הלכה און עס איז קודש.

פרעגט זיך, ווי קענען סקעפּטיקערס, און אַזוי פיל יידן זיינען דאָך היינט סקעפּטיקערס, אַקצעפּטירן אַזאַ וויט־גייענדן אַלגעמיינעם פּרינציפּ דורך וואָס פאַר אַ צויבער ווערט דאָס פאָלק, דער פאָלקס־שטייגער טאַקע אַלע מאָל באמת געהייליקט? מילא, אין די אַלטע צייטן האָט מען אַזוי געגלייבט. אָבער אין אונדזערע צייטן, ווען אַלץ ווערט אָפּגעפרעגט לשם פּרינציפּ, ווען די פאַרגאַנגענהייט, די פאַרשריבענע פאַרגאַנגענהייט, ווערט געשטעלט אין שאָטן פון פעלשונג, ווי אַזוי קאָן זי, די פאַרגאַנגענהייט, די אָנגענומענע טראַדיציע, געהייליקט ווערן פון דעם איצטיקן דור? פּאָעזיע איז טאַקע שיין און מיסטיציזם איז טאַקע טיף, נאָר וואָס טוט מען פאָרט מיט די סתירות, די ווידערשפּרוכן, די הבטחות פון לעבן און געשיכטע?

עס איז דאָ בלויז איין קלוגער ענטפער: לערן ווייטער און פאָרש דעם אמת! ערגעץ ווו וועלן די סתירות, די ספיקות זיך אויפלייזן און נעלם ווערן אין דעם סודותפולן פּראָצעס פון לעבן. דער צווייפל וועט איבערגיין אין ווונדער, ווונדער פון מעשה בראשית.

גאָלאָמבס עסייען אויף אָט די טעמ[illegible] רופן אָפּט אַרויס מיספאַרשטענדענישן הגם זיי זיינען געשריבן פשוט און קלאָר [illegible] איך מיין אַז דאָס איז דערפאַר וואָס [illegible] איילעניש און שטאַרקן באַגער אים [illegible] כאַפּן" כלומרשט ביי עפּעס אַ טעות, [illegible] מען אַרויס אַ ציטאַט אָן אַ פאַר[illegible] מיטן קאָנטעקסט אין וועלכן ס'איז [illegible] געשטעלט. צום ביישפּיל, דער ענ[illegible] און נביאים — דער תלמוד כנגד ה[illegible] פריינד גאָלאָמב רעדט אַלע מאָל מיט ה[illegible] פעולות און שפּיגלט זיך אין תלמוד [illegible] האַלט אַז דאָס איז די קרוין פון דער [illegible] שער שאַפונג, וואָס האָט געשטאַלטיק[illegible] פאַרזיכערט דעם יידישן קיום. [illegible] די זעלטענע תקופה אין דער [illegible] געשיכטע ווען גאָט, פאָלק און [illegible] רערס זיינען איינס; אַלע זיינען [illegible]

הײליק אין זײערע רײד און מעשים. מען לויפט ניט נאָך פרעמדע מאָדעס. גאָט איז צופרידן און די פירערס, די לערערס פאַרשפּאָרן צו מוסרן און שטראָפן דאָס פאָלק. נישטאָ קײן ײדישע מלוכה, במילא נישטאָ קײן מלחמות און עס הערשט שלום ושלווה. אַזאַ התפּעלות שאַפט אפשר דעם אײנדרוק, אַז גאָלאָמב איז דורך דעם מבטל די נביאים און דעם גאַנצן תנ"ך. אפשר אויך איז צוליב דעם וואָס פון גרויס פאַטאָט און אימפּעט פון געדאַנק חזרט גאָלאָמב איבער ווערטער וואָס ער האָט שוין פריער דערמאָנט און באַגרינדעט אין אַן אַנדער שײכות און מײנט דעריבער אַז דער לײענער געדענקט עס. אָבער דער לײענער מסתמא געדענקט נישט און כאַפּט גראָד אויף אַזעלכע ציטאַטן:

„אַלדאָס בײַ האָבן די נביאים געזען בײַ ײדן און פאַר די ײדן... דאָס פאַרנעמען זיך מיט תנ"ך קאָן ניט ברענגען קײן גוטס פאַרן קיום פון פאָלק... דער תנ"ך מיט זײַן גאַנצער שײנקײט קען דעם ײדישן גאָט און זײַן פאָלק נישט העלפן, נישט שטאַרקן, אַזוי ווי אײן פּשוטע הלכה."

(ד"ר יצחק פײַן, אין „צוקונפט" פון יאַנואַר, 1974).

דער אמת אָבער איז, אַברהם גאָלאָמב ווײסט דעם ווערט פון תנ"ך און איז דאָס בשום אופן ניט מבטל. ער זאָגט בלויז אַז „ווי אַנדערש עס זײַנען געווען די חכמים לגבי די נביאים, אַזוי אַנדערש איז דער תלמוד פון תנ"ך." „איך אַלײן, זאָגט ער אויף אַן אַנדער אָרט אין בוך, האָב אין מײַן שול־אַרבעט אַוועקגעגעבן אַ סך צײַט און ענערגיע אויף לערנען תנ"ך. מיר האָט זיך געוואָלט די קינדער זאָלן זײַן באַקאַנט מיט די שענסטע שאַפונגען פון דעם ײדישן פאָלק, מיט די נבואה. איך טראַכט איצט, אַז דאָס איז געווען אַ טעות: כדי צו דערפילן די שײנקײט אין די ײדישע אידעאַלן אין דער נבואה דאַרף מען פריער זײַן אַ ײד. פאַר מיר איז די נבואה דאָס שענסטע, אָבער ניט פאַר די רויע און קנאַפּע ײדן." (ז' 336). „דער כאַראַקטער פון תלמוד איז אַן אַנדערער. דער תלמוד באַשטײט פון פּראָטאָקאָלן פון די אָפּהאַנדלונגען אין די ישיבות, די דיסקוסיעס."

פון דעם איז קלאָר אַז דאָס גײט בלויז אין דעם רעלאַטיוון ווערט פון די צוויי שאַפונגען, ווי אַ סגולה פאַרן קיום פון פאָלק. די פּלוגתא איז אַלט און רײַך אין אַרגומענטן. אָבער די דערפאַרונג פון דעם טויזנט יאָריקן „פאַרזיכיקן" ײדישן ײשוב אין פּוילן האָט בפירוש באַוויזן, אַז דאָרט איז דער תלמוד, טאַקע באַזירט אויף סידור און חומש, געווען די בעסטע סגולה פאַר קיום. דער פאַקט וואָס דער ײשוב איז חרוב געוואָרן איז ניט שײך צו דער טענה.

ניט געגוג באַגרינדעט און פאַרעלטערט איז, לויט מײַן מײנונג, גאָלאָמבס בליק און שטאַנדפּונקט בנוגע ײדן אין אַמעריקע. די אַמעריקאַנער ײדישע ווירקלעכקײט, דער נײַער אורבאַניזם, איז אַ סך קאָמפּליצירטער, טיפער, ווײַל דאָס גאַנצע לעבן פון דער גאַנצער וועלט איז קאָמפּליצירטער און סכנהדיקער. דאָס לערנען דעם „תלמוד השטעטל" קאָן בשום אופן ניט באַזײַטיקן די איבערלעכע און אויסערלעכע סכנות פון קיום האומה. חוץ פּראָזאַאישע „הלכות", פּירונגען פון פריערדיקן שטעטל־לעבן און הײַנטיקן „הפקרדיקן" לעבן זײַנען אויך נײטיק גרויסע אידעען, וויזיעס, וואָס זאָלן קענען באַגײַסטערן, אָנצינדן דאָס פאָלק אָט פּונקט ווי די גרויסע וויזיעס פון די נביאים באַגײַסטערן נאָך אויך איצט גרויסע טײלן פון דער מענטשהײט. די יוגנט אין אַלגעמײן איז הײַנט אינטעליגענט, אינפאָרמירט, סאָפיסטיצירט און רעבעליש. זי אַנטלויפט פון „פּראָזאַאישע" הלכות און שטעטל גלאָריפיקאַציע. די סענטימענטאַלע פאַרוואולגאַריזירונג פון שלום עליכמס „טוביה" אין דער פאָרשטעלונג פון „פידלער" שאָקירט דאָך אונדז טראָץ דעם וואָס דאָס „פאָלק" באַלעקט זיך מיט דעם. דאָס פאָלק, די פירערס און די יוגנט זײַנען הײַנט ווי אײנס דאָך באַזונדער. און ס'איז גראָד מאָדנע וואָס אָט די סיטואַציע איז ניט דווקא צוליב די באַזונדערע שפּראַכן. נײַן, אויך דאָרט ווו די שפּראַך איז די זעלבע, ענגליש, זײַנען די רעזולטאַטן אויך כמעט נישטיק. דער ריס איז שטאַרק. אין מיטן איז אַ לײדיקײט. ווער מען דאָס ווען עס איז גובר זײַן?

איך גלײב אַז יאָ. אַ סך סמנים זײַנען קענטיק, נאָר ס'וואָלט געווען אויסער די

ראַמען דאָ דעמענין צו באַטראַכטן. דערוויל איז ניטיק אַ סך זאָרג, גרויסע מעשיט און אַ סך ליכט—ליכט וואָס שטראַלט אַרויס פון אונדזערע אָנגעזאַמלטע אוצרות „הייליקן“ די פירונג פון פאָלק ווי עס איז היינט, ווייל מען טאָר ניט מוסרן, שטראָפן, און פון דעם איצטיקן כאַאָס פאָרמולירן „הלכות“ אויף ווייטער—גאָט זאָל אָפּהיטן!

גאָלאָמבס שילדערונג פון דעם אַמעריקאַנער יידישן מאַסיוו איז צו שוואַרץ און צו איינזייטיק. די שילדערונג שאַפט דעם איינדרוק אַז ער איז ניט אין קאָנטאַקט מיטן אַקטועלן לעבן, ער קען ניט דאָס איבערלעבכע און פאַרבאָרגענע און איז אפשר אויך באַאַנפלוסט פון זיינע אייגענע אַלטע פאַרורטיילן. מען דאַרף זיך היטן ניט אַריינצופאַלן אין דער היסטאָרישער פּאָזיציע אין דער בחינה פון אונדזערע גרויסע נביאים — זיי האָבן טאַקע געמוסרט און געשטראָפט מיט האַרבע רייד, ווייל זיי האָבן געזען די נאַציאָנאַלע געפאַרן און דעם אָנקומענדיקן חורבן, אָבער די שפּעטערדיקע דורות, ספּעציעל די היינטיקע, האַלטן זיך ביי דער טענה, אַז דאָס פאָלק איז גאָר ניט געווען אַזוי שלעכט און זינדיק ווי די נביאים האָבן עס געשילדערט. זיי זיינען געווען צו שטרענג מיט זייערע „דאָגמעס“. ריידנדיק וועגן איצטיקן דור, זאָגט גאָלאָמב: ביי היינטיקע יידן שאַפט זיך ניט קיין פאַרהייליקטע הלכה פון דעם דירעקטן נעכטן אין מזרח אייראָפּע, ווייל עס איז ניטאָ קיין אמתע, אויפריכטיקע אהבת ישראל, אַזאַ גרייטקייט, וואָס זאָל ווערן אַן אמונה. ביי אַלע ריכטונגען איז פאַראַן פאַרבאָרגן אַ טיפער פאַרלאַנג: צו ווערן אויס פאָלק פאַר זיך נאָר ווערן בלויז „עטנישע סעקציע“, אַ טייל פון דעם לאַנדפאָלק מיט אַ באַזונדערן „קלויסטער אַזאַ.“

ניין, ניין, עס פעלן אונדז ניט קיין שעדלעכע, נעגאַטיווע עלעמענטן אין היגן יידישן לעבן. נאָר צום גליק זיינען נאָך דאָ עטלעכע ליכטיקע אינדזלען אויך, אינדזלען ווו מען לערנט לשמה און מען אַרבעט אויך לשמה — אַן אייביקער כאַראַקטער־שטריך פון דער יידישער טראַדיציע.

איך בלייב אָבער צופרידן און באַלוינט ווען צווישן די גיגאַנטישע שפּריזן וואָס דער זקן־הסופרים מאַכט איבער די טונקעלע תקופות און שיטות אונדזערע, מוז ער דאָך אויף אַ רגע פאַרלאַנגזאַמען זיינע טריט און זיך מער פאַרטראַכטן אויף דעם גזר־דין, וואָס ער האָט נאָך פריער פעסט־געשטעלט: „דער אורבאַניזם האָט נאָך גאָר ניט באַוויזן. ניטאָ אין אורבאַניזם קיין קולטור־מאָניזם, ניטאָ קיין קולטור־פאַרזיכיקייט.“ און גלייך צוגעבן די הנחה: „איך גלייב אַז יאָ, עס קען זיין און עס וועט זיין אין אורבאַניזם אויך אַ יידישער קולטור־מאָניזם.“ (זייט 332).

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין דרייצן באַזונדערע עסייען, וואָס דערגאַנצן איינס דאָס אַנדערע און יעדער עסיי קאָן געלייענט ווערן באַזונדער. דאָס קאַפּיטל ווו גאָלאָמב דערציילט צום ערשטן מאָל געוויסע ביאָגראַפישע פּרטים זיינע העלפט זייער פיל צו פאַרשטיין זיין כאַראַקטער, זיין אייגנאַרטיקייט ווי אַ לערער, אַ דענקער און אַ וועגווייזער אין אַ תקופה פון גרויסע האָפענונגען, און אויך גרויסע דערגרייכונגען און דאָך אַזוי טראַגיש זיך פאַרענדיקט. דער גאַנג פון לעבן איז אָבער פאָרט „דור הולך ודור בא.“ עס וואָלט ניט מעגלעך געווען אַזאַ אַקטיוו יידיש לעבן און גייסטיקן זוכן ווי מיר זען דאָס באמת היינט אין אַמעריקע ווען אונדזער לעבן וואָלט טאַקע געווען באַגרענעצט צו אַ מושב זקנים, ווי עס איז זיין איינדרוק. ס'איז דאָ אמתע פרייד, ניט בלויז פאַרוויילונג, ס'איז דאָ שעפערישקייט ניט בלויז אָפּגעלעבטקייט און עס זיינען אָן ספק דאָ איינגעפונדעוועטע, גרויסע יידישע משפחות מיט יידישע טראַדיציעס און דרך ארץ צו זיך און צו אונדזערע קולטור־אוצרות און במילא זיינען זיי אַ באַדייטנדיקער טייל פון דעם דור הולך ודור בא.

אַ ביסל מער ליכט און וויזיע און דער אורבאַניזם וועט באַווייזן וווּנדער פון יידיש שעפערישקייט. די טיפע און ברייטע פאָרשונג, דאָס זוכן און געפינען די איבערלעבכע פאָלקס־כוחות פון יעדער פריערדיקער תקופה, וואָס גאָלאָמב באַמיט זיך צו אַנטפּלעקן און רעזומירן אין זיין איצטיק בוך, גיט אונדז אַ שליסל בעסער צו פאַרשטיין אונדזערע קאָמפּליצירטע יידישע פּראָבלעמען. אין דעם ליגט גאָלאָמבס גרויס פאַרדינסט און אויף דעם זאָגן עדות זיינע ביכער. לייענט און לערנט זיי.

**מ. גאָלדפאַרב**

# ביבלישע געשיכטעס

(איינדרוקןביים לייענען יעקב זיפּערס בוך — „אין די געצעלטן פון אברהם“)

דורך אַ צופאַל האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו לייענען דאָס נייע בוך פון יעקב זיפּער: „אין די געצעלטן פון אברהם.“

איך בין ניט קיין ליטעראַטור־קריטיקער צו שרייבן וועגן דעם אַ קריטישע אָפּהאַנדלונג. דאָס, האָף איך, וועלן טאָן שרייבערס, וואָס זיינען באַרופן דאָס צו טאָן. איך וויל נאָר דאָ פאַרצייכענען די געפילן און געדאַנקען, וואָס אָט דער סיפּור המעשה האָבן אין מיר אַרויסגערופן.

שוין לאַנג, זייער לאַנג זינט איך האָב געלייענט פרישע און ניי־געשריבענע דערציילונגען אויף ביבלישע טעמעס. די דאָזיקע טעמעס אינטערעסן קענטיק ניט דעם היינט־צייטיקן לייענער און דערפאַר ווערן זיי ניט באַרירט פון דעם מאָדערנעם שרייבער. דאָס נייע לעבן איז אַזוי אַנטוויקלט און פאַרפּלאָנטערט און אַזוי דראַמאַטיש פאַר זיך אַליין, אַז עס געפינען זיך זער ווייניק מענטשן, וואָס זאָלן האָבן ווילן און געדולד צו ביבלישע מאָטיוון.

פון דעסטוועגן טרעפן זיך דאָך פאָרט ביי מענטשן אַזעלכע שעהען ווען די חושים און געדאַנקען טרעטן אָפּ פון דעם היינט, זיינע גרוילן און פאַרפּלאָנטערנישן און זיי גייען אַריבער צו יענע אַמאָליקע „גוטע“ יאָרן פון דער קינדהייט, ווען מ'האָט נאָך געלערנט אין חדר, און טאַקע אין דעמאָלטדיקן דרדקי־חדר און מ'ווערט ווידער פאַרכאַפּט און מ'לעבט איבער נאָך אַ מאָל די דאָזיקע ביבלישע געשיכטעס, וואָס הגם זיי ווערן אין אָריגינאַל דערציילט זייער קורץ, אָבער האָבן אין אונדזערע חדר־יאָרן פאַרנומען די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון אונדזערע געפילן און געדאַנקען און מיר האָבן ממש געלעבט און איבערגעלעבט די דאָזיקע תנך־געשיכטעס.

מיר, די חדר־ייִנגלעך, ווי וויל אונדזערע טאַטעס און זיידעס האָבן זיך געקוויקט מיט די דאָזיקע געשיכטעס בעת מיר האָבן געלערנט אָדער געקענט לשון קודש (דענסטמאָל איז דאָס געווען בלויז לשון־קודש — דער באַגריף לשון־עברית איז נאָך ביי אונדז ניט געווען), אָבער אונדזערע מאַמעס, באָבעס און שוועסטערס, וואָס האָבן קיין לשון־קודש ניט געלערנט און ניט פאַרשטאַנען, אויך זיי האָבן געצויגן זייער ביבלישע חיונה דורך דעם צאינה וראינה, וואָס זיי האָבן געלייענט, ווייבאַלד זיי האָבן צום אָריגינעלן תנ״ך ניט געקענט צוקומען.

דערמאָנט זיך, וויפל טרערן מיר האָבן דענסטמאָל פאַרגאָסן איבער די טראַגעדיעס און שרעקן, וואָס ווערן איבערדערציילט אין די דאָזיקע געשיכטעס. למשל: די געשיכטע פון מכירת יוסף, און דערנאָך יוסעפס פּיין אין תפיסה און זיין גדולה ביי פּרעהן. ווי געציטערט עס האָבן אונדזערע הערצער מיט אָט די דאָזיקע דראַמאַטישע דערציילונגען.

מיר האָבן געלערנט און די הערצער האָבן געציטערט איבער די דערציילונגען ווי יעקבס זין האָבן באַשלאָסן, צוליב קנאה־שנאה, פּטור צו ווערן פון זייער יונגערן ברודער יוסף. ניט צו זיין צופיל אַכזריותדיק און אים טייטן, האָבן זיי אים פאַרקויפט פאַר אַ קנעכט. די געשיכטע ווערט פאָרגעזעצט ווי יוסף ווערט פאַרשפּאַרט אין אַ גרויליקער תפיסה. דאָרט ווייזט ער אַרויס זיין גרויסע חכמה ווי אַ פּותר חלומות, ד״ה, אַן אויסטייטשער פון חלומות. צום סוף דערגרייכט זיין שם אַזש ביז פּרעה פון מצרים, און, אַנשטאָט אַ שקלאַף, ווערט ער דערהייבן אַזש ווי משנה למלך און אַלס רעזולטאַט פון דעם, פון זיינע ידיעות, ווערט ער דער ממונה איבער דער ווירטשאַפט פונעם גאַנצן לאַנד מצרים.

די דראַמע שפּינט זיך ווייטער ביז עס דערגייט צו שיעבוד מלכות, דער פאַרשקלאַפונג אין מצרים פון גאַנצן יידישן פאָלק, מיט אַלערליי נסים ונפלאות און ביז דער באַפרייונג פונעם פאָלק דורך משה רבינו, און אַזוי ווייטער און ווייטער, וואָס איז יעדן איינציקן באַקאַנט און ס'איז ניט כדאי איבערצודערציילן.

און רעדנדיק וועגן ביבלישע דערציילונגען, איז די עקידת יצחק געוויס איינע פון די דראַמאַטישסטע. אָבער צו אָט דער דערציילונג איז יעקב זיפער אין זיין בוך צוגעקומען בלויז אגב אורחה, פאַרבייגייענדיק. אין איר עצם האָט ער זי ניט באַשריבן. ער האָט בלויז דערציילט און דאָס אויך אגב אורחא, אַז שרה האָט געהאַט עפּעס אַ פאַרגעפיל וועגן דער עקידה, און היות זי איז שוין געווען זייער אַלט און אָפּגעשוואַכט, האָט עס דערפירט צו איר טויט.

אין שייכות מיט אָט דעם ענין ווערן אין די יידישע אַגדות און דורך די מפרשים אָנגעגעבן אַ צאָל אויסטייטשונגען און פאַרטייטשונגען, אָבער יעקב זיפער באַנוצט זיך ניט מיט זיי. ער טייטשט עס אויס ראַציאָנאַל, אַז אַברהם איז ערגעץ ווו אַוועק מיט יצחקן. זיי זאַמען זיך שוין דריי טעג, איז שרה זייער אומרואיק, און היות ווי זי איז שוין זייער אַלט, שטאַרבט זי מיט אַ נאַטירלעכן טויט, הגם אָט דעם טויט קען מען אויסטייטשן, אַז ער איז צו איר געקומען מחמת איר פאַרזאָרגטקייט, אַז עפּעס ניט גוטס געשעט, אָדער קען געשען, צו איר זון, צו איר אויסגעגאַרטן בן־יחיד.

אָבער אָט די ביבלישע געשיכטעס זיינען ניט דער עיקר אין יעקב זיפערס בוך. אין דעם גאַנצן סיפור המעשה ווערן אַריינגעבראַכט די אַלערליי איינצלהייטן וועגן די געמיטן, וואָס רינגלען אַרום אברהם, זיין ווייב שרה; אליעזר זיין באַדינער ; הגר, שרהס דינסטמויד; ישמעאל, הגרס זון; יצחק, שרהס זון, די גאַנצע סביבה אַרום דעם, מיט דעם מלך אבימלך, און אַזוי ווייטער.

די ערשטע געשעעניש שפּילט זיך אָפּ ווען אברהם קומט אין קאָנפליקט מיט דעם מלך אבימלך צוליב די ברונעמער, וועלכע אברהמס פאַרוואַלטער, אליעזר, האָט אַנטדעקט. דאָס וואַסער פון די ברונעמער האָבן זיי געדאַרפט נייטיק האָבן פאַר זייערע סטאַדעס שאָף. דערביי איז פאַרגעקומען אַ קריגעריי. אָבער פאַרענדיקט האָט זיך עס מיט אַ שלום און אַ שבועה פון פרידן איז דערביי געגעבן געוואָרן. זיי האָבן דערפאַר אָנגערופן די ברונעמער באר שבע, ד״ה, דער ברונעם פון דער שבועה. און דער נאָמען איז אַזוי פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

יעקב זיפּער שטעלט אַריין זיינע העלדן אין אַ ראַם פון רעאַליטעט. ער שיידט זיי אויס פון ביבלישן מיטאָס. זיי אַלע, סיי אברהם און סיי די וואָס רינגלען אים אַרום, זיינען פּשוטע בשר ודמס, מיט אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן, ווי אייפערזוכט, אינטריגע און קינאה.

אברהם קומט טאַקע אַרויס ווי אַ גאָט־פאָרכטיקער מענטש, איבערגעגעבן בלויז צו זיין געטלעכער שליחות צו פאַרשפּרייטן דעם גלויבן אין איינציקן גאָט און בויען אַ פאָלק וואָס שטויסט אָפּ געצנדינעריי. ער איז טאַקע אַ פיזיש שטאַרקער מענטש, הגם אויך סענטימענטאַל צו זיין משפחה.

די מוטער שרה, דאַקעגן, איז אַ שוואַכער כאַראַקטער מיט די געוויינלעכע אייגנשאַפטן, וואָס זיינען בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פרויען געשלעכט.

אָבער, למשל, ווען זי געפינט זיך פאַרלוירן און האָט צער מחמת זי האָט ניט קיין קינדער, בעט זי אברהמען אַז ער זאָל באַווייבן זייער דינסטמויד, הגר, כדי דורך איר צו האָבן אַ יורש. אָבער אַזוי שנעל ווי הגר האָט געבוירן איר ישמעאל, ווערט שרה אייפערזיכטיק און זי וויל הגרס קינד פאַר זיך אַליין, ווי ס'וואָלט געווען איר אייגנס. אָבער שפּעטער, ווען שרה האָט געבוירן איר אייגענעם זון, יצחק, וויל זי שוין פּטור ווערן פון הגרס זון און זי בעט אברהמען ער זאָל פאַרטרייבן ביידע, סיי הגרן און סיי איר זון ישמעאל, ווייל זי קען מיט זיי ניט לעבן צוזאַמען.

אויך וואָס שייך הגר אינטריגירט ... אויך. דאָס איז פאַרשטענדלעך. זי ... געווינען אברהמען פאַר זיך אַליין, ... דאָס האָט זי דאָך אים געגעבן אַ ...

איך האָב געלייענט יעקב זיפּערס ... מיט גרויס הנאה. ער האָט מיר צו... געפירט צו די אַמאָליקע צייטן פון ... קינדער־יאָרן, צו מיינע חלומות פון ... און דערפאַר דריק איך אים אויס ... יישר כוח.

זלמן שלאָסער

# עלי שעכטמאַנס ערב דעם ביטערן היינט

עלי שעכטמאַן „ערב", צוויי בענד. פאַרלאַג י. ל. פרץ, תל אביב, 1975.

די שטעטל־טעמאַטיק אין דער יידישער ליטעראַטור האָט שוין פון לאַנג אויפגעהערט צו זיין אַ לעבעדיקער ענין. די שפּעפּרישע קוואַלן האָבן זיך אויסגעטריקנט. דער שטראָם פון לעבן האָט זיך אָפּגעשטעלט. אין אַלטן שטעטל איז ניטאָ מער קיין יידיש לעבן. און דאָס וואָס איז פאַרבליבן, דאָס אָפּגעלעבטע, איז אַריבער אין די אַקאַדעמיעס פון סאָציאָלאָגישער פאָרשונג און אין די מוזעאומס פון געשיכטע.

אָבער דאָס יידישע לעבן און שאַפן גייט ווייטער אָן, אויב ניט אין דאָרף און שטעטל איז אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע. צוזאַמען מיטן לעבן האָט זיך אויך געענדערט די טעמאַטיק. פון דעסטוועגן, ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער באַגאַבטער סאָוועטיש־יידישער שרייבער, עלי שעכטמאַן, וועלכער האָט לעצטנס געפונען זיין היים אין ישראל און דאָרט אַרויסגעגעבן אַ צוויי בענדיקע נאָוועלע „ערב", איז דער אינטערעס ביים ערנסטן יידישן לייענער צו דער אַלטער שטעטל־טעמאַטיק צוריק דערוואַכט געוואָרן. די בענקשאַפט נאָך גוטע, גרויסע נאָוועלעס איז, ווייזט אויס, אַזוי שטאַרק, אַז ווען עס דערשיינט אַזאַ ווערק ווערט עס באַלד אַ וויכטיקע געשעעניש ביי אונדז. שעכטמאַנס „ערב" קאָן בלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור אַ געשעעניש פון אַ לאַנג־דויערנדיקן ווערט. ס'איז ווי אַ ניי ליכט וואָלט אויפגעגאַנגען אויף אונדזער הימל, אין אונדזער ליטעראַטור־ווינקל. און טאַקע אויך פון ישראל, צוזאַמען מיט דער נייער עליה פון יענעם אָפּגעזונדערטן לאַנד.

אַ שאָד וואָס דער „קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל", וואָס האָט געהאָלפן אַרויסגעבן דאָס בוך, האָט פאַרפעלט צוצוגעבן עטלעכע ביאָ־ביבליאָגראַפישע שורות וועגן דער אויסגאַבע. מ'קען אפשר מיינען אַז דאָס איז אַ קלייניקייט. ס'איז אָבער וויכטיק צו וויסן, איז דאָס אויף ס'ניי באַאַרבעט געוואָרן, אָדער איז דאָס אידענטיש מיטן אָריגינאַל? וואָרום מיר קענען דאָך דאָס פּנים פון דער סאָוועטיש־יידישער ליטעראַטור. מיט וואָס דאַן איז די אויסגאַבע פון „ערב" אַנדערש? מיט וואָס דערקלערט זיך דער אויפגעוואַכטער אינטערעס צו אַן „אָפּגענוצטער" טעמע? און ניט נאָר די טעמאַטיק, אפילו דער סטיל פון „ערב" איז עטוואָס אָפּגערוקט פון דער מאָדערנער יידישער פּראָזע. ווער נאָך שרייבט היינט אַזעלכע לאַנגע, פּאַרענטעטיש־קאָמפּליצירטע זאַצן אין דער יידישער ליטעראַטור? הגם שעכטמאַנס שילדערונגען זיינען קלאַסיש און במילא מיט אַן אייגנאַרטיקער פּראַכט, פון דעסטוועגן פאַרגנבעט זיך אַ חשד צי זיי זיינען ניט אפשר אַ ביסעלע פאַרעלטערט?

דאָך פאַרכאַפּט דאָס בוך דעם לייענער מיט די רייכע עסטעטיש־קינסטלערישע שילדערונגען פון דער דאָרפישער האַלבפאַרחלומטקייט און מיט דער טיף פּסיכאָלאָגישער געשטאַלטונג פון די פּערסאָנאַזשן און זייערע צעוויטיקטע נשמה־קאָמפּלעקסן. דער הינטערגרונט, די פאַבולע פון „ערב", ליגט אין די סאָציאַל־פּאָליטישע אויפטרייסלונגען אין דער רוסישער אימפּעריע צווישן די יאָרן 1905-1917, זייער אָפּשפּיגלונג און אויסווירקונג אויף איין באַשטימטן ווינקל — דער וואָליבער געגנט אין אוקראַינע — אַ קווער־שניט פון יידישן פאָלק, און אפשר אויך אַ טיילווייזע אַלעגאָריע אויף דער קעגנוואַרטיקער צייט, שוין נאָכן „ערב". שעכטמאַן ווייזט אונדז, אויף זיין אופן, ניט נאָר דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג, נאָר אויך, שיינט מיר, דעם וועג פאָרויס. אין דעם זען זיך סימנים אַז דאָס בוך פאַרמאָגט אויך אַ ווירקנדיקן דערציונגס כוח.

וואָרום שעכטמאַן קריגט זיך ניט מיט דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, ווי אַנדערע אָנגעזעענע סאָוועטישע שרייבער האָבן געטאָן. ער פאָלגט ניט נאָך די כלערליי באַריידערס און פאַרלוימדערס פון יידישן פאָלק. ער ווייזט גאָר אָן און שפּיגלט זיך זיך אין דער גייסטיקער שיינקייט און גאַנצקייט פון די באָיאַרס; ער זעט אין זיי

דאָס ליכט און די נשמה פון דורות און דורות איינגעבאַקענער יידישקייט. ער פאַרטרייבט די שאָטנס פון זעלבסטהאַס, וואָס די פריערדיקע שרייבערס פון די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן האָבן אָנגעיאָגט אויפן דאָרטיקן יידישן לייענער, ווי די כאַריקס און די פעפערס. זיינע שילדערונגען זיינען אין פולן גייסט פון אונדזער נאַציאָנאַלער צוקונפט, פון אונדזער האָפענונג, אין גייסט פון אַ לעבנסנייטיקער ירושה, וואָס די באַיאַרעס, אָט די געזונטע פאָלקסמענטשן, זאָלן קאָנען איבערגעבן זייערע קינדער און קינדס קינדער.

נאָך זיין גאַנצער אייגענער דערפאַרונג פון יידיש לעבן אונטער דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור ברענגט דאָ שעכטמאַן מיט גרויס באַשיידנקייט און טאַלאַנט צוריק אַריין די וועלט, די גרויסע, אייביקע יידישע וועלט אין אַמאָליקן יידישן שטעטל. אַצינד, נאָך אַלע זיינע ליידן, מעג ער שוין זיך שפיגלען און גרייסן מיטן אַלטן יידישן ביטחון, מיט דער אמתער מענטשלעכקייט, גייסטיקער גבורה און אויסדויער קראַפט, וואָס ער דערזעט איצט ביי אָט די פּראָסטע און ערלעכע יידן פון דאָרף און שטעטל. פולע זשמעניעס מיט אַלט־יידישער אמונה און ביטחון, און אַ האַרץ פול מיט ליבשאַפט ברענגט אונדז שעכטמאַן פון דאָרט — אָבער ניט פון דעם סאָוועטן־לאַנד, ניט פון דער „רעוואָלוציע", נאָר פון דעם ע ר ב . ס׳איז אמונה און ליבשאַפט, וואָס ער האָט געטראָגן אַלע יאָרן ביי זיך אין האַרצן, צו זיינע אייגענע, צו די פאַרגאַנגענע אַלטע דורות יידן, טראָץ דעם וואָס ער איז אויפגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין דעם „פאָטערלאַנד פון די פעלקער."

די צוויי בענד „ערב" אָטעמען מיט פרישקייט און לעבעדיקייט פון יידיש לשון וואָס שיינען מיט פאַרביקער בילדלעכקייט און מוסטערהאַפטער קאָנסטרוקציע. אַזאַ ביטחון און ליבשאַפט צו יידישן מענטש. אַזאַ מייסטערשאַפט וואָס דאָס ווערק שטעלט מיט זיך פאָר איז אַ וווּנדער און אַ גרויס געשעעניש אין דער יידישער ליטעראַטור גראָד איצט, ווען מער ווי אַלע מאָל פילן מיר אַ שטאַרקן מאַנגל אין גרויסע פּראָזע־מייסטערס. דער אופן ווי שעכטמאַן באַנוצט זיך מיטן יידישן אידיאָם, מיטן פאָלקס־ווערטל און פאָלקס־מעשה, באַשפּרינקלט דאָ און דאָרט מיטן לייכטן פאָלקס־הומאָר; זיין טיפע פאַרשטענדעניש פאַר דראַמאַטישע סיטואַציעס פון מענטש און זיין גורל; און זיין פיינעם חוש ווען מען דאַרף אָפּטיילן דאָס טריוויאַלע פון דאָס צענטראַלע, דאָס אומוויכטיקע פון דעם וויכטיקן, דערהייבן זיין טייל מאָל האַלב־פאַרחלומטע און דאָך דינאַמיש באַוועגלעכע פּראָזע צו גרויס קינסטלערישע הייכן.

די מענטשן וואָס ער שילדערט ווערן אונדז גלייך נאָענט און אייגן, ווי אַלטע צוריקגעפונענע פריינד. אָט דאַכט זיך, אַז יצחק באָיאַר, דער פיל געליטענער און שטאָלצער פאָטער, איז גאָר אונדזער אַלטער פריינד, שלום עליכמס טוביה; נאָר ניין, ס׳איז ניט. אָט מיינט מען אַז איזוע, די צענטראַלע פיגור פונעם ראָמאַן, איז גאָר מירל, פאַרבלאָנדזשעט אַהער פון בערגלסאָנס „נאָך אַלעמען"; נאָר ניין, ס׳איז ניט. און אַזוי דאַכט זיך ווייטער מיט שעכטמאַנס אַנדערע העלדן און אפילו מיט זיין לשון און סטיל — אַז דאָס זיינען קענטיקע אַלטע באַקאַנטע. נאָר ניין, אַלץ איז אייגנאַרטיק, אַלץ איז אָריגינעל, אַלץ איז אינטערעסאַנט און וווּנדערלעך.

„ערב" פאַרמאָגט, ווי מיר זען, אַ סך מעלות. נאָר די הויפּט־מעלה, שיינט מיר, איז, וואָס עס שטעלט אַוועק דעם מחבר ווי אַ זעלבסטשטענדיקן, אומדערשראָקענעם, שטאָלצן יידישן שרייבער. ער דערציילט און שילדערט דעם היסטאָרישן אמת פון דעם רוסישן יידנטום אַזוי ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען, אפילו ווען דאָס איז געווען קעגן דעם אָנגענומענעם קאָמוניסטישן נוסח פון די עלטערע אנערקענטע יידישע ששרייבערס. ער אַליין האָט פון די דאָרטיקע עלטערע שרייבערס, ווי דוד בערגלסאָן און דער נסתר, אַ סך געלערנט ווי צו שרייבן. ער האָט אָבער צוריקגעוויזן זייער טענדענץ און איינשטעלונג צו שטעלן דעם רוסישן קאָמוניזם העכער פון דעם קינסטלערישן אמת; אַז אַ שרייבער מעג פעלשן און פאַרמיאוסן דאָס פנים פון זיינע אָבות און דעם עטישן כאַראַקטער פון זיינע נאַציאָנאַלע טראַדיציעס. פאַר אַזאַ זינד צו ווידערשפעניקן דעם ווילן

פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור האָט מען דאָרט פאַרשיקט אין די שקלאַפן־לאַגערן. פאַרן בלויזן פאַרדאַכט פון אַזאַ אָפּנייג האָט מען דאָרט פאַרשיקט אין די שקלאַפן־לאַגערן. פאַרן בלויזן פאַרדאַכט פון אַזאַ אָפּנייג האָט מען יידישע שרייבערס, אַריינגערעכנט בערגלסאָנען און נסתרן, אומגעבראַכט, דערמאָרדעט אויף אַ מיאוסן אופן.

ניט פעלשן, נאָר שרייבן דעם אמת, דער אמת, וואָס איז שטענדיק טאָטאַל, וואָס נעמט שטענדיק אַריין סיי דאָס נעגאַטיווע, סיי דאָס פּאָזיטיווע, איז דאָס ערשטע געבאָט פון קונסט. ווען אַ קינסטלער פאַרגעסט אָדער פאַרבייגט אָט דעם געבאָט, דאַן פאַרלירן שוין אויך זיינע אַנדערע מעלות זייער ווערט. זיי רעכענען זיך מער ניט.

עלי שעכטמאַן, ווי עס איז צו זען פון זיין ווערק, רעכנט זיך בלויז מיט זיין איבערלעך געפיל. שוין ערגעץ־ווו ביים אָנהייב, דאָרט ווו דער ראָמאַן הייבט אָן צו קריגן פאָרם און אינהאַלט, שילדערט ער אַן עפּיזאָד ווי איווע, גבריאל באָיאַרס טאָכטער, אַרום ווען דער ראָמאַן דרייט זיך, קומט דאָס ערשטע מאָל צוריק אַהיים, נאָך אַ ברוגז און אַן אָפּוועזנהייט פון צען יאָר. זי קומט אויף „קבר אָבות פון איר ליבע.“ אין די צען יאָר איז אַ נייער דור קליינוואַרג צוגעקומען. אויסגעפּוצט אין די שבת־יום־טובדיקע מלבושים, גייט די גאַנצע משפּחה איר אַנטקעגן. אין אָנהייב צעקושט זיך מיט איר בלויז דער טאַטע, ווייל מיט אים האָט זי ניט געפירט קיין ברוגז. שפּעטער כאַפּן זיך די שוועגערינס קושן און האַלדזן, ניט אָפּצורייסן, ביז מען הייבט אָן פאָרצושטעלן דעם נייעם דור קליינוואַרג.

— דאָס איז, איווע סערדצע, מיין זרחל, אַ נאָמען נאָך מיין טאַטן, עליו השלום; און דאָס איז דער פעטער איצעלע, אים צו לאַנגע יאָר. און דאָס איז דער זיידע מיינער, ער זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן...

— אָשרל, הערשעלע, משהלע; דאָס איז דאָך די מומע איווע!

און דאָ קומט דאָס שענסטע

„און איווע הייבט זיי אויף פון דער ערד, נעמט אויף די הענט די פאַרשטאָרבענע דורות — די זיידעס, די פעטערס און די מומעס, וואָס זייערע נעמען זיינען פאַרקערפּערט געוואָרן און אָט די קינדער, איווע קושט זיי, די קינדער, און שלינגט די טרערן.“

אין אָט דער קורצער, פאָלקסטימלעכער שילדערונג פון אַ קליינעם עפּיזאָד, טאַקע פּן אַמאָל, נאָר געשריבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין 1965, שיינט אַרויס דער יידישער גייסט פונעם ווערק און דעם מחברס באַציונג צום פאָלקסשטייגער ווי אַ באַזיס פון קינסטלערישער יצירה.

„און איווע קושט די פאַרשטאָרבענע דורות און שלינגט די טרערן.“

דאָס איז ניט קיין צופעליקער, אויסערלעכער זשעסט; ס'איז אַן אינערלעכע באַציונג, וואָס חזרט זיך איבער אין ראָמאַן ביי פאַרשיידענע סיטואַציעס. אַזאַ צאַרטע באַציונג צו די פאַרשטאָרבענע דורות, צום יידישן עבר, איבערשטייגט אונדזער טראַדיציאָנעלע פּיעטעט צו היייליקייטן, אויפצוהייבן פון דער ערד צעטראָטענע שיימעס, זיי קושן און באַהאַלטן אין אַ ריין אָרט. ס'איז דער גייסט פון פאַרהערלעכונג און דרך־ארץ פאַר פריערדיקע דורות, פאַר יידיש לעבן. אונדזער באַוווּנדערונג פאַר שעכטמאַנס נאַציאָנאַלער באַציונג ווערט נאָך שטאַרקער ווען מען דערמאָנט זיך אין דער באַרבאַרישער באַציונג צו דעם זעלבן עבר אין איציק פעפערס באַרימטן ליד:

„דו האָסט פאַרראַטן דיין טאַטן,
זייער גוט, זייער גוט.
ס'איז דיין טאַטע דיר אַ שונא,
זייער גוט, זייער גוט.“

אָדער ווען מען פאַרגלייכט אָט די באַציונג מיט נסתרס עטלעכע שורות אין זיין נאָוועלע „די משפּחה מאַשבער“ אויף זייט 18, וועגן דער אַלטער שול:

„אַז איר גייט צו איר צו — צו דער אַלטער שול — זעט איר, אַז דער וועג צו איר אַריינגאַנג איז פון דורות אומגליקלעכע און פאַרפינצטערטע (יידן) אויסגעטראָטן.“ און ווייטער: „דער מאַרק איז איר — דער יידישער עדהס — לעבנס־צענטער און אַז איר גאָט היט איר קעשענע.“

אָדער דער אַמאָל גאָר חשובער יידישער

שרייבער, דוד בערגעלסאָנס שילדערונג פון כל נדרי אַמאָל אין שול, אין זיין ראָמאַן „ביים דניעפּער". אין מיטן דער תפילה רייסט זיך אַריין אין שול אַן עלטערע יידענע מיט אַ גוואַלד און אַ געשריי:

— אברהם, מען האָט אונדז באַגנבעט!

און דער גאַנצער בית מדרש יידן האָט זיך געגעבן אַ לאָז מיט אַ גראַגעריי, מיט אַ געלויף קאָפּ אויף קאָפּ דורך די פענצטער צו זען צי זייער פאַרמעגן אין דער היים איז גאַנץ. „פון דעם האָט ער, פענעק, געלערנט: דער פאַרמעגן איז ביי יידן טייערער פון גאָט, פונעם גאַנצן יום־כיפור."

נאָך מער פאַלש און באַרבאַריש איז די שילדערונג פון זיין, פענעקס, אייגענעם טאַטן:

„היינט איז די קליינע שטאָט בלויז געראָטן אין זיין טאַטן, קוקט אויס אַלט, ווי זיין טאַטע. היינט אין זיבעצן טעג אין תמוז און ביי אַלע גאַסן פילט זיך דער תענית פון מויל, אַזוי ווי ביי זיין טאַטן..."

דאַרף מען פאַרשטיין, אַז בעת יידן טרויערן, פאַסטן, גייט בערגעלסאָן אַרום איבער די גאַסן און שמעקט פון יידישע מיילער און שרייט: דאָס שטעטל שטינקט, עס שטינקט פון יידן!

ניין, ניט צו פאַרגלייכן, נאָר דער קאָצקער רבי האָט בשעתו אויך אויסגעשריגן: געוואַלד, די וועלט שטינקט! דאָס איז אָבער געווען פון גרויס האַרץ־ווייטיק, פון טיפן צער וואָס ס'נעמט ניט קיין סוף צו יידישע צרות. און אויך עלי שעכטמאַן זאָגט אין זיין בוך, דורך שפרהס מויל, אַז זי „האַסט די פאַרשטונקענע געסלעך מיט די פאַרשמוציקסטע יידן." איר אָבער, ווען זי איז אַלט געווען דרייצן יאָר און אַנטלאָפן פון אַ שטעטלע ווו זי האָט געדינט ביי אַ באַלעבאָסטע, האָט דער טאַטע, אין זיין ביטערער נויט, אויפן מיטן מאַרק, איר פאַרשאַרצט דאָס קלײדל און געשמיסן ביז בלוט, איר פאַרשעמט און געלאָזט אַן אייביקן פלעק אויף איר נשמה. איז אויב אפילו איר צאָרן און כעס אויף איר טאַטן איז ניט אין גאַנצן באַרעכטיקט, איז דאָך איר וועלן אַנטלויפן פון די „פאַרשמוציקטע" יידן גאַנץ פאַרשטענדלעך. וואָרום אַזאַ טיפע חרפה יאָגט און פּלאָגט דעם מענטש אויף אייביק; מען בלייבט מיט א ווונד אויף דער נשמה.

מעגלעך אַז סיי בערגעלסאָן, סיי דער נסתר האָבן טיף אין האַרצן זיך אויך געשטיקט מיט דער חרפה, וואָס זיי זיינען אין אַ געוויסן זין געצווונגען געווען זיך אַליין צו שמייסן אונטצו פאַרשעמען. און אויב זיי וואָלטן דאַן געקאָנט זיך אַרויסרייסן פון זייער ביטערן גורל וואָלטן זיי מסתמא זיך אָנגעטאָן אַ זאַק מיט אַש און געוויינט אויף זייער אייגענעם חורבן. נאָר דאָס איז דאָך געווען אין אָנהייב פון די דרייסיק יאָרן, ווען מען האָט געוואָלט זיך אַליין איינרעדן, אַז דער קאָמוניזם וועט ברענגען די גאולה, די פולע מענטשלעכע אויסלייזונג. אָבער איצט, ווען שעכטמאַן שרייבט זיין „ערב", איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אין 1962. ס'איז אַ נייער ערב, אַ נייער דור, אויסגעניכטערט פון דעם אַלטן קאָמוניסטישן טשאַד און קאַמאַפלאַזש. די אינטעליגענץ שרעקט זיך מער ניט פאַר די שקלאַפן־לאַגערן, מען איז שוין געוווינט צו די אייביקע ליידן און מען האָט מער מוט צו קעמפן פאַר אַ ביסל רעכט. אין מאָסקווע איז שוין דאָ אַן אַמבאַסאַדע פון מדינת ישראל. גרויסע מאַסן יידן פאָדערן שוין זייער רעכט צו עמיגרירן קיין ישראל; מען דעמאָנסטרירט אין די גאַסן פאַר דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעכט צו לעבן ווי יידן. ס'איז אַ נ י י ע ר ערב — ערב דער גרויסער עליה, ווען צענדליקער טויזנטער סאָוועטישע יידן וועלן ווי עס איז עולה זיין קיין מדינת ישראל.

אין דעם פּרט האָט שעכטמאַן געהאַט מער מזל פון די פריערדיקע שרייבער. זיין געוויסן איז געווען ריין פון דער זינד צו פאַרמיאוסן זיין אייגן פּנים דורך פאַרלוימדן און פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון די אַלע דורות יידן. אויף וויפל ס'איז באַקאַנט האָט ער ניט געהאַט קיין חלק אין דעם געצנדינערשן קולט צו „דעמאַסקירן" די יידישע געשיכטע, צו סטאַליניזירן איר. זיין יידיש האַרץ איז אָפן, זיין גייסט איז פריי און זיין פען איז אויך עטוואָס פרייער, הגם די צענזור האַלט נאָך אַלץ אַן אויג אויף יעדן שרייבער, און וויבאַלד זיין בוך ווערט אויך געדרוקט אין דעם מלוכה־פאַרלאַג „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגרעניצט זיך שעכטמאַן אין זיין שרייבן בלויז צו פאַרגאַנגענהייט פון אידער דעם באַלשעוויסטישן אָקטאָבער און ער דערציילט

כלומרשט גאָר ניט וועגן דער קעגנוואַרט. ס'איז אָבער אויך מעגלעך צו שרייבן מיט רמזים, אָנדייטונגען, אַלעגאָריעס אויפן היינט, ווי דאָס ווערטל גייט: מען קוקט אויף דער טאָכטער און מען מיינט די שנור.

„ערב" הייבט זיך אָן מיט אַ פּאַטעטישער שילדערונג ווי אַזוי איינער פון די באַיאַרס שלעפּט זיך טעג און נעכט אַהיים, איינזאַם, אויף קוליעס, אַ פאַרוווּנדעטער פון דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה:

„און וואָס ווייטער און וואָס מער די עקשנות איז געוואַקסן" — אָט אַזוי, ווי פון מיטן הייבט זיך אָן דאָס בוך — „אַלץ גיכער האָבן אין אים געצאַנקט און זיך געלאָשן די לעצטע כוחות... איך גיי, מאַמע, איך גיי."

דאָס איז מסתמא אַן אָנצוהערעניש אויף זיין, שעכטמאַנס, אייגענער דאָליע, ווי ער האָט זיך אַליין געשלעפּט אַהיים פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און נאָך דעם פון די סיבירער שקלאַפן־לאַגערן. אויפן וועג ווו ער איז געפאַלן אַ דערשעפּטער, אַ קראַנקער, פאָרט אָן אַ פור מיט ייִדן — אַזוי ווערן מיר ביסלעכווייז אַריינגעצויגן אין צענטער פון אַן אייגנאַרטיקער, פון דורות און דורות איינגעוואָרצלטע און פאַרצווייגטער משפחה פון דאָרפס־ייִדן, די באַיאַרס: וואַלד־מענטשן, קרעטשמערס, אָקסן־הענדלערס, שמידן; קינדער וואָס וואַקסן אויף און, ווי דער שטייגער איז, פאַרפּלאָנטערן זיך אין ליבעס, חתונות; טאַטעס און קינדער — אַלע מיט שטאַרקע כאַראַקטערן און היציקע טעמפּעראַמענטן, וואָס מאַכן דאָס לעבן זיס און ביטער, אין אַ צייט ווען ס'הייבן זיך אָן צו ווייזן סימנים פון אַלגעמיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ענדערונגען אין לאַנד.

אויף אַזאַ ברייטער קאַנווע פאַרמעסט זיך עלי שעכטמאַן צו שילדערן דאָס ייִדישע לעבן פון בלויז איין ווינקל און קאָנצענטרירט זיין שילדערונג אויף בלויז עטלעכע שטאַרקע און אינטערעסאַנטע כאַראַקטערן. דאָס הייסט, זיי ווערן שטאַרק און אינטערעסאַנט דורך זיין טאַלאַנטפולער שילדערונג. דורך זיין פיינעם חוש פאַר פּראָפּאָרציע געלינגט אים אויסצומיידן אַלע דאָ־אומנייטיקע, שאַבלאָנע שילדערונגען פון סאָציאַלע אויפברויזן, וואָס וואָלטן אים געקאָנט פאַרפירן פון זיין קינסטלערישן ציל.

באַשאַנקען מיט שאַרפע חושים צו דערקענען דאָס עכטע, דאָס אינערלעכע, דאָס אייגנאַרטיקע אין מענטשן און זייער גורל אין דער וועלט; געבענטשט מיט אַ נאָענטער באַקאַנטשאַפט פון וואַלד און פעלד, פון שיינער נאַטור־לאַנדשאַפט און שטורמיט קאַפּריזנע נאַטור־אויסברוכן, האַלט עלי שעכטמאַן דעם לייענער געשפּאַנט ביזן סוף פון בוך. צו מאָל דאַכט זיך, אַז דאָס וואָס דניאל, דער מאָלער, יצחק באַיאַרס זון, איינער פון די כאַראַקטערן אין בוך, האָט שטענדיק געוואָלט און שטענדיק מורא געהאַט אַז ער קאָן דאָס ניט מאָלן, האָט שעכטמאַן אין זיין פּראַקטיקער פּראָזע יאָ באַוויזן צ טאָן. „ניין — זאָגט דניאל — ניט פאַר מיינע כוחות צו מאָלן מיין טאַטן. דאָ דאַרף מען מאָלן ניט דעם טאַטן, נאָר אַ גאַנצן דור. דער הויכער, דער ברייטפּלייציקער, קנאָכיקער ייִד מיט דער לאַנגער שוואַרצער, שמאָלער באָרד — דאָס איז בלויז דאָס אויסערלעכע. ניט אין דעם שטעקט יצחק באַיאַר. ער קאָן, פאַרשטייט זיך, מאָלן דעם טאַטנס איינגעבויגענער פּלייצע — דער איינגעבויגענער רוקן איז דאָך אָבער נישט קיין פיזישער. ניין, דער רוקן איז ביי אים איינגעבויגן, ווייל ער ריכט זיך תמיד אויף אַן אומגעריכטן קלאַפּ. ער האַלט דעם קאָפּ פאַרנייגט צום אונטערגעהויבענעם אַקסל, דעם האָריקן אויער אָנגעשטעלט, די אויגן פאַרמאַכט, ווייל ער הערט זיך תמיד צו: דער אומגליק גייט נאָך ניט? נאָר אויפן פּנים ליגט ביים טאַטן יענע עקשנותדיקע מינע, וואָס זאָגט: אומזיסט די טירחה, מיך ברעכט מען ניט! ניין, זאָגט דניאל, אָנמאָלן דעם טאַטן, שאַפן אַ יצחק באַיאַר? דאָס איז ניט, זאָגט ער, פאַר זיינע כוחות...

דאָס איז ניט קיין שרייבערישער, טעכנישער מיטל זיך אַרויסצודרייען פון אַ שווער שטיקל אַרבעט. וואָרום שעכטמאַן דרייט זיך פון דעם ניט אַרויס, ער מאָלט עסטאַקע אויף אַן אמת. יאָ, ער מאָלט דאָס בילד פון יצחק באַיאַר, דער אייביקער ייִד, וואָס זיצט אין אַ שיפל אויפן שטורמישן טייך, אָן וועסלעס; דאָס בילד פון גבריאל באַיאַר, דער וואָס מיט דער שפּילקע אין דער נשמה און מיטן מזיק

אין די אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף דער וועלט מיט דאַרשט און מיט תאווה, דער וואָס האָט זיך געלאָזט געפינען ווען עמיצער האָט אים געדאַרפט פאַר אַ גמי־לות חסד, דער וואָס האָט תמיד געהאָלפן מענטשן; דאָס בילד פון דער מומע ליבע, די שיינע, די קלוגע, די אָרעמע מומע ליבע, וואָס קאָן איבערטראָגן אַלע אירע צרות אָן אַ קרעכץ און נאָך קריכן אין פרעמדע אומגליקן אויך; און איווע, גבריאל באַיאַרס טאָכטער, וועמעס יונג און שיין לעבן איז ברוטאַל צעשמעטערט געוואָרן צוליב אַ געצוווּנגענער חתונה מיט איינעם, וואָס זי האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן, און נאָך צען יאָר דערוואַכט זי און רעוואָלטירט — אַלע ווערן געשיל־דערט, אין ניט צופעליקע, אָנגעוואָרפענע שטריכן, נאָר מיט קלאָרע באַשטימטע פאַרבן, אין זייער פולער מענטשלעכער געשטאַלטונג, אין זייער טאָטאַלקייט, מיט אַלע חסרונות און מעלות, מיט זייערע מענטשלעכע שוואַכקייטן און איבער־מענטשלעכער גבורה אַלץ אויסצוהאַלטן, מיט דאָס צייטלעכע, לאָקאַלע און דאָס אוניווערסאַלע, מיט די אָנדייטונגען אויף די אָנקומענדיקע שטורעמס און די אייביק יידישע פעסטונג פון ביטחון, ווו מ'קען זיך אויסבאַהאַלטן, איבערוואַרטן ביז די שטורעמס וועלן זיך איינשטילן.

דאַרף מען זיך אפשר שטאַרק וווּנדערן אויף שעכטמאַנס געוואַגטקייט אַרויסצו־קומען מיט אַזאַ וואַרעמער, האַרציקער באַציאונג צו דער פאַרגאַנגענהייט אפילו ווען ער באַפּוצט עס מיט דניאלס האַלבע רייד, ווי: „ניט מיט דער פאַרגאַנגענהייט דאַרף מען לעבן. די צוקונפט, דאָס איז לעבן, דאָס איז קראַפט." נאָר דניאל כאַפּט זיך גלייך צוריק מיט די אַנדערע האַלבע רייד: „זייער פאַרפלאָנטערט איז דאָס לעבן. ביז מען וועט עס אויפפּלאָנטערן, רויבט מען דערווייל אַוועק ביים מענטשן דאָס טייערסטע, דאָס סאַמע הייליקסטע— פרייהייט און ליכט. ס'וואָרט שרעקלעך, ווען דו טוסט אַ טראַכט ווער ס'פירט אָן מיט אַ לאַנד, מיט אַזוי פיל פעלקער... ס'אַראַ אַכזריות... שרעקלעך..."

אַזעלכע רמזים פון קוקן אויף דער טאָכטער און מיינען די שנור חזרן זיך אָפט איבער אין בוך. דערפאַר איז די אָריגי־נעלע סאָוועטישע אויסגאַבע צום סוף פון בוך באַגלייט מיט אַ קריטישער אָפּהאַנד־לונג פון רבקה רובין, וואָס שטרייכט אונ־טער דעם „אמתן" ערב, וואָס האָט געפירט צום באָלשעוויסטישן אָקטאָבער: די פּוי־ערים אויפשטאַנדן, וואָס האָבן געברענט די פּריצישע גיטער, די גאַנצע שפּיל פון אַ „בונט און אַ סטאַטשקע". זיי האָבן דאָרט צוגעשריבן צופיל באַטייטונג צו די אויסערלעכע מאָמענטן פון דער נאָוועלע, צו די נעגאַטיווע געשטאַלטן פון די שטאָ־טישע קרעמערס און בעלי־בתים, צו אַבושן דעם קברן, דעם אָנזאָגער פון שלעכטע בשורות, דעם שומר פון זינד, און די רע־וואָלוציאָנערע שטימונג ביי דער יוגנט צו־ליב די צאַרישע פאַרפאָלגונגען אויף יידן.

ס'וואָלט, נאַטירלעך, געווען צופיל צו דערוואַרטן, אַז שעכטמאַן זאָל אין גאַנצן זיין פריי פון קאָמוניסטישן איינפלוס, פון דעם אַזויגערופענעם סאָציאַליסטישן רע־אַליזם. זיין קינסטלערישע געשטאַלטונג פון דעם שתדלן, דעם דיין, דעם מקובל נתן לאַנדוע, קומט טאַקע צוליב דעם אַרויס צופיל און אומגייטיק מעלאָדראַמאַטיש. זיין גאָט־לעסטערונג, ווען ער דערזעט זיין זון אַבנר איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, איז ניט באַגלייבט. ניטאָ קיין פריערדיקע סימנים אין דער געשטאַלטונג פונעם מקובל, וואָס זאָל פירן צו אַזעלכע רייד: „לא היה — ס'איז ניט געווען און ס'איז ניטאָ קיין גאָט! זאָל מען מיר ברענגען חזיר וועל איך... אָט דאָ פאַר... אייערע אויגן..."

דער פּסיכאָלאָגישער שאָק, ווי ער דער־זעט זיין ייִנגסטן זון, דעם בעל־תשובה, זיין האָפענונג, אַז ער, אַבנר, וואָס ליגט איצט אַטויטער אויפן דיל, אַז ער וועט, אם ירצה השם, איבערנעמען דעם טאַטנס שטול, קאָן ניט זיין פאַרבונדן מיטן אינער־לעכן, האַלב־פאַרחלומטן וויכוח, וואָס ער, דער מקובל, האָט פריער געפירט מיט זיך אַליין וועגן דער געפאַלקייט פון געוויסע רביישע הויפן און דינאַסטיעס. זייער אי־נערלעכע פוסטקייט און אויסערלעכער גלאַנץ פון גאָלד און זילבער און קאַרע־טעס געשפּאַנט אין צוויי פּאָר פערד. אַזעלכע רעיונות קאָנען ניט פירן אַזאַ יידן ווי נתן לאַנדוע צו גאָט־לעסטערונג. און די שפּעטערדיקע מעשה, אין צווייטן באַנד,

וועגן דעם צעטעלע וואָס דער פאָטער האָט געזוכט און געפונען אויפן טויטן נאַקעטן קערפּער, מסתמא אין די תכריכים, שוין אין אָפענעם קבר, איז אויך אומגלויבלעך. נתן לאַנדוע, דער שתדלן, דער דיין, דער מקובל, דער מיסטיקער, איז געוויס ניט געווען קיין בעל מופת צו געפינען צעטעלעך אויף אַ מת, וואָס דער מת אַליין זאָל האָבן אַוועקגעלייגט. אבוש דער קברן זאָל בכיוון דאָס האָבן באַהאַלטן ערגעץ אויפן נאַקעטן מת.

על כל פנים, דאָס גיט ניט צו קיין קינסטלערישע שלימות צו דער געשטאַלטונג פון נתן לאַנדוע. דאָס איז מסתמא דער פּרייז, וואָס שעכטמאַן, ווילנדיק צי אומווילנדיק, האָט געמוזט צאָלן דעם קאָמוניזם אויב ער האָט געוואָלט לעבן און שרייבן.

פאַרקערט אָבער, ווען עס קומט צו דער געשטאַלטונג פון גבריאל באַיאַר זעט מען ניטקיין קאָמפּראָמיסן. דער קלימאַקס ווען גבריאל כאַפּט די האַק און וויל צעהאַקן דעם ארון קודש און צערייסן די ספר תורה, איז זייער דראַמאַטיש און אין פולער האַרמאָניע מיט זיין פון פריער געשילדערטן כאַראַקטער. ווארום דער מחבר האָט אים בהדרגהדיק צוגעגרייט צו אַזאַ אַקט: ער האָט אים געלאָזט עטלעכע מאָל אַרומגיין מיטן הוילן קאָפּ; ער האָט אים געלאָזט גיין אויף געיעג מיטן פריץ; ער איז מקנא געווען שמריהן פאַר אָנכאַפּן דעם טשערנאָבילער רבינס באָרד — אַ ייד וואָס קאָן גיין אויף געיעג מיטן פריץ, אויף אַזאַ ייד איז אַלץ צו גלייבן. ס'איז אַ גאַנצע קייט פון פאַרבינדונגען, וואָס קאָנען פירן צו אַזאַ סוף.

מחוץ לזה, האָט די צענזור פאַרזען און פאַלש אָפּגעשאַצט דעם גאַנצן אינערלעכן יידישן גייסט פון בוך. עס קאָן אויך זיין, אַז דאַן איז דער גייסטיקער קלימאַט שוין געוואָרן עטוואָס מילדער. דער גאַנצער הינטערגרונט איז דאָך ניט מער ווי אַ טעכנישער סקעלעט כדי צו קאָנען אַרויסברענגען קלאָר או קדייטלעך דעם נשמהדיקן געראַנגל פון אַ פאָלק אין קייטן. יענע שורות, וואָס שטאַמלען וועגן עבר און עתיד, וואָס מאַכן חוזק פונעם שתדלן, וואָס דערציילן ווי אַזוי מען מאַכט אַ מי שברך דעם קייסער, אד"ג, זייבען צופעליקיטן וואָס יידן אַליין האָבן קיין מאָל ניט גענומען ערנסט. די אמתע באַדייטונג פון יענע שילדערונגען אין בוך ליגט אין זייער צווישנשפּיל פון געדאַנקען און שטימונגען, אַזוי ווי פאַרבן אין אַ בילד. די טונקעלע פאַרבן זיינען פונקט אַזוי נייטיק ווי די ליכטיקע. ס'ווענדט זיך בלויז וואָס עס ווערט אונטערגעשטראָכן — דאָס טונקעלע צי דאָס ליכטיקע. אין אונדזער פאַל פאַרנעמט דאָס ליכטיקע דעם אויבנאָן.

דאָס ליכטיקע שיינט אויף גלייךביים אָנהייב, ווען איווע קושט און שלינגט די טרערן ביים באַגעגענען זיך מיט די קינדער, וואָס פאַרקערפּערן דעם המשך. דאָס איז אַן אויסדריק פון אַן אינערלעכן געפיל, פון אַ באַציונג צו עפּעס וואָס איז טייער און איינגעבאַקן אין האַרצן. אָט דאָס געפיל איוועס קומט שפּעטער צום אויסדריק כמעט ביי אַלע פון די באַיאַרס, גענויער, ביי יענע וואָס טראָגן אין זיך דעם אייביקן נאַציאָנאַלן אומרו, די בענקשאַפט נאָך עפּעס העכערס, שענערס, וואָס גיט זין און אינהאַלט צום מענטשלעכן לעבן.

אָט דאָס אייגנערלעכע פייער וואָס שעכטמאַן שילדערט מיט אַזוי פיל פאַרשטענעניש, וואַרעמקייט און געפיל, באַציט זיך ניט בלויז צו דער גרויסער משפחה באַיאַר נאָר אויך צו אַבנר לאַנדוע און זיין אַלטן פאָטער דעם מקובל. זיי אַלע בענקען און זוכן, ווערן געטריבן פון אינערלעכע כוחות, וואָס סוף כל סוף דאַכט, אַז זיי ווערן אַלע צעבראָכן און צעשטערט פון די זעלבע כוחות — דניאל שטאַרבט יונג, כיידרוס ווערט געפייניקט אין תפיסה, אַבנר באַגייט זעלבסטמאָרד, זיין פאָטער ווערט דערשאָסן און גבריאל באַיאַר פאַלט מיט דער האַק אין האַנט. אָבער די מומע ליבע און איווע בלייבן צייטוויייליק שלאָפן אויסגעמאַטערטע אויפן פּיעקעלעק, און יצחק באַיאַר מיט זיין ווייב רבקה, „דער שטילער זומער", בלייבן ערגעץ צווישן די שורות פונעם בוך. מיינט עס, אַז סוף כל סוף פאַרשווינדן זיי אויך פון דער וועלט? חלילה, די באַיאַרס, דער „13טער שבט" ביי יידן, ציען זייער יחוס פון דור דורות און ביי זיי איז שטענדיק דור הולך ודור בא — אַ דור פאַרגייט און אַ דור קומט. ס'איז אַן אייביקער המשך פון יידיש לעבן.

בכלל איז דאָס חוזק מאַכן פונעם שתדלן ביי ייִדן געווען בלויז אַ פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג אין דער ייִדישער געשיכטע. דער שתדלן האָט שטענדיק אויסגעפילט אַ וויכטיקע פונקציע אין דעם רעכטלאָזן ייִדישן לעבן. זייער אָפט פלעגט דער שתדלן איינשטעלן זיין לעבן כדי צו קענען אויסבעטלען טובות פאַר ייִדן, אָדער אָפּשאַפן גזירות. פאַראַן אַ סך וווּנדערלעכע לעגענדעס וועגן דעם שתדלנס מסירת נפש.

אויך עלי שעכטמאַנס שילדערונג פון נתן לאַנדע, ווי ער גייט פועלן ביים גובערנאַטאָר מען זאָל ניט פּאַגראָמירן ייִדן, איז באמת ניט פול מיט שפּאָט נאָר פול מיט טראַגיק, מיט ייִדישער הילפלאָזיקייט. דער זעלבער מקובל, שפּעטער — אין צווייטן באַנד, וואָס איז מסתמא שוין געשריבן אין ישראל — ווען די אַנדערע באַיאַרס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שטאָט אויפן מאַרק און געוואַרט אויף דער באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע, באַווייזט זיך אויך דער מקובל, דער אוהב ישראל, צווישן די וואַלד־ייִדן, מיטן טלית אויפן קאָפּ, אָן שיך נאָר אין זאָקן, ווי אום תשעה באָב. אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן, רוקט זיך אַרויס דער חריף און קברן, ר' אבוש, און שטעלט זיך אַוועק מיט צעשפּרייטע הענט: „אייך באַיאַרס דאַרף מען אין חרם אַריינוואַרפן. אויף אייך האָט דער נביא געזאָגט: „ובערת הרע מקרבך" — און דו זאָלסט אויסראָטן דאָס שלעכטס פון דיר! דער יצחק אייערער האָט דערצויגן אַ טאָכטער אַ שונא ישראל און אייער גבריאל איז אַן אויסוואָרף!"

קריכט דער אַלטער מקובל אַרויף אויף אַ וואָגן און הייבט אויף דעם שטעקן: „קול המון כקול שדי. חילול האדם כחילול השם — דורך ארץ פאַר אָט די פּראָסטע ייִדן. צווישן זיי רוט די שכינה, פון זיי וועט ווייטער אויסוואַקסן דער שיינער בוים פון תורה. אָט די ייִדן זיינען ווי דאָס זאַמד וואָס אַלע טרעטן נאָר קיינער קאָן עס ניט צעטרעטן"...

און עס דערהערט זיך אַ שיסעריי. דער אַלטער מקובל האָט אָן שרעק זיינס אָפּגעזאָגט. ער פאַלט אַ טויטער פון דער שיסעריי. זיינע ווערטער בלייבן איינגעקריצט אין זיכרון פון פאָלק. זיי זיינען אויך סימבאָליש פאַר דער שפּעטערדיקער צייט פון 1965, און אויך פאַר דער אייביקייט.

די טיילווייזע אַלעגאָרישע אָנווייזונגען אין „ערב" זיינען ניט אַלע מאָל קאָנקרעט. וואָרעם עס רעדט זיך דאָך שטענדיק וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. דער צווייטער באַנד, געדרוקט אין ישראל, הייבט זיך אָן מיט אַ סימבאָלישן רמז אויף דער נייער פרייהייט, וואָס שעכטמאַן האָט דערגרייכט מיט זיין אייגענער איבערוואַנדערונג קיין ישראל און זיין נייער גורל אין פרייהייט.

איווע רייסט איבער מיט איר פריערדיקן לעבן. איווע באַיאַר, די ווייב פון אַלעקסאַנדער לאַנדע, פאַרלאָזט דאָס ווייסע פיר־גאָרנדיק מויערל, וואָס איז דער הויפּט־גאַס פון שטאָט און זי ווערט איצט אַ פרייער מענטש, פריי צו גיין וווּהין זי וויל. און דאָ קומט אַ פּאָעטיש בילד, צאַרט און איינגעהאַלטן, געשילדערט מיט אַ סך ליבשאַפט:

„מיטן אַלטן לאַנדעס שטעקן אין איין האַנט, מיט דניאלס געמעל אין דער צווייטער — די רויטע קו מיטן אָפּגעבראָכענעם האָרן, וואָס שטעקט אַרויס דעם קאָפּ און רעוועט צו די ערשטע גרעזעלעך אין דעם פרי־פרילינגדיקן פעלד — די מיידלשע קליידער און שיך, די זעלבע מיט וועלכע זי איז צוריק מיט צען יאָר צו די לאַנדעס אַריין, בלייבט זי שטיין ביי דעם האַלב פאַרוויסטן אָסאָקער בוים מיט ברייט־אויפגעריסענע אויגן, ווי פאַר אַ גרויסן וווּנדער: אָט ליגן פאַר איר אָפן און פריי אַלע פיר וועגן פון דער וועלט. און דווקא און גראָד דאָ, ביי אָט די פרייע רחבותן און ווייטקייטן, הייבט אָן מיט אַ מאָל איר גרויסע פרייד צו לעשן זיך אויפן ווינט, וואָס טרייבט דעם בליצנדיקן שניי־שטויב איבער דער ערד. זי דערפילט דאָ איר עלנט און אַליינקייט... און אין די אויערן שרייט איר ווידער דער אַלטער נתן לאַנדע מיט יענעם אויפשוידערנדיקן קול: „אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ."

אין איר ביטערן גורל פון איר צעשטערטער ליבע, וואָס האַלט איר געפאַנגען און פייניקט איר לעבן, איז חוץ איר

מאַמען אויך אבוש דער קברן, איר מאַמעס ברודער, איר פעטער, שולדיק. זיי ביידע האָבן דאָס איר ליבע מיט דניאלן מיט די פיס צעטראָטן — איר מאַמע מיט צוואַנג, און איר פעטער, דער קברן, דער קליינער „גרויס־אינקוויזיטאָר“, דער שטן פון בייז, וואָס וויל דורך רישעות ברענגען די גאולה. איצט, ווען זי איז שוין אויפן שיידוועג, ווען זי זיצט אויף דער שיפל אין מיטן צעברויזטן טייך, אָן וועסלעס, וויל זי פון איר פעטער אבוש אויסגעפינען פאַרוואָס ער פאַרפאָלגט איר מיט זיינע ליגנס און מסירות, פאַרוואָס ער פאַרשעמט איר; וואָס האָט ער צו זיין שוועסטער און איר משפחה? פון וואַנען אַזאַ פינצטערע שינאה צו איר משפחה? און אבוש דערציילט איר אָפן און אָן בושה דעם אמת וועגן זיין דעמאָנישער מיסיע; ער, דער אָנזאָגער פון אַ נייעםמשיח:

„מען דאַרף דעם גאַנצן דור מאַכן כולו חייב, וועט דאַן קומען משיח. צוליב דעם דאַרף מען פאַרדאַרבן גרויס און קליין, מאַכן פון טריף כשר און פון ווייס שוואַרץ. מען דאַרף צעברעכן די אַלטע לוחות און מאַכן אַן עגל הזהב. דאָס קליינע מענטשעלע דאַרף ניט קיין גאָט אין הימל, נאָר דאָ אויף דער ערד.“

דאָס איז אַ קלאָרע אַלעגאָריע אויפן סטאַליניזם. און דער אָנהייב פון אָט דער אַלעגאָריע איז אין ערשטן באַנד, געדרוקט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס באַשטעטיקט בלויז מיין באַהויפטונג אַז „ערב“ איז טיילווייז אַלעגאָריש. עס רעדט זיך טאַקע דורכויס וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער ווי שטאַרק ענלעך עס קאָן זיין צו דער קעגנוואַרט!

איווע באַיאַר־לאַנדע, וואָס האָט געוואַגט נאָך צען יאָר זיך אַרויסצורייסן פון איר גורל, איז איצט געבליבן שטיין אויפן שיידוועג. צו דעמאַלטן פאַראַליזירנדיקן געפיל, וואָס פייניקט איר נשמה, דניאלס לעצטע רייד צו איר: „איך האָב געמיינט, איווע, דו וועסט זיין דאָס פריידיקע ליד פון מיין לעבן,“ איז איצט צוגעקומען אַבנרס טרויעריקע בשורה צו איר וועגן היים און וועלט. געוויס, איווע איז נאָך ניט אַלט, זי פאַרמאָגט נאָך גענוג כוחות צו מאַכן אַ נייעם אָנהייב אין לעבן. נאָר ס׳הייבט איר אָן ביז גאָר שרעקן יענע פרייקייט פון וואַנדערערס און נע־ונדניקעס, וואָס די גאַנצע וועלט איז זייער היים, נאָר קיין אייגענעם דאַך איבערן לעבן האָבן זיי ניט. אַ קאַלטער טרויער גייט דורך איר האַרץ: „וואָס האָב איך געהאַט פונעם לעבן און וואָס האָט דאָס לעבן געהאַט פון מיר? אָט טראָג איך זיך אַרום מיט דניאלס אַרומגעבערענט פעקלעך בריוו, וואָס בריט דאָס האַרץ; אָט שלעפּ איך זיך אַרום מיט זיין אָנגעמאָלטער רויטער קו... צוליב וואָס? יענע יאָרן, די שיינע שיר־השירים יאָרן, זיי זיינען דאָך שוין סיי ווי סיי פאַרוואַקסן מיט ווילד גראָז...“

יענע שיר השירים יאָרן מיט דניאלן גייען איר נאָך און אומעטום זעט זי זיין געשטאַלט — ביז זי האָט דורך אַזאַ פאַרבלענדעניש, אונטער אויסטערלישע אומשטענדן, זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ נייטראַגיש לעבן... „ס׳איז פשוט אַ וווּנדער — זאָגט די מומע ליבע — וואָס זי, איווע, איז פון אַזאַ פאַרבלענדעניש אַרויס ניט קיין קריפּל, און ניט אָנגעווירן דעם גלויבן און ניט פאַרלוירן דעם חשק און די ליבשאַפט צום לעבן.“

* * * * *

די גרויסע צוויי בענדיקע נאָוועלע „ערב“ מיט דער גרויסער יידישער טראַגיק, געשילדערט אין איר טאָטאַלקייט, אַנטוישט ניש דעם לייענער. די פּראָסטע, פלייסיקע וואַלד־יידן, די באַיאַרס, פול מיט ערלעכקייט און ביטחון, בלייבן מאָראַליש גאַנץ און אומבאַרירט פון דעם פייער און צאָרן וואָס ס׳האָט זיך אויף זיי אַראָפּגעלאָזט. די קינסטלערישע געשטאַלטונג פון די פּערסאָנאַזשן פאַרטרייבן דעם יאוש און שפּרייטן האָפענונג צווישן יידן. און דער „גרויס־אינקוויזיטאָר“, דער קברן, דער אָנזאָגער פון שלעכטע בשורות, שפּיגלט אָפּ,סוף כל סוף, ניט דעם „ערב“ נאָר גיכער דעם גרויל פון דעם אָנקומענדיקן „משיח“, דעם סטאַליניזם, און איז קינסטלעריש געשטאַלטעט ווי די שרעק פון „ערב“. דאָרף און שטעטל ווערן דאָ געגעבן מיט גרויס פאַרשטענדעניש און דרך ארץ ווי קיין מאָל פריער. „ערב“ איז אַ גרויסער אויפטו און דערגרייכונג אין אונדזער קינסטלערישער ליטעראַטור.

## צו אונדזערע לייענערס:

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן „חשבון". אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

די פאַרוואַלטונג


צו אַ פיינעם מענטש און גוטן פריינד **אריה פּאָזי** מיינע האַרציקע ברכות פאַר פיל שעפערישע יאָרן.

**סאָניע אָמאַן**

צו מיין טייערן אַלטן - יונגן פריינד **אַרנאָלד פּאָזי** מיט ליבשאַפט און דרך־ארץ

**גנענדל באָנטשעק**

מיר שליסן זיך אָן אן דער גרויסער צאָל פאַרערער פון **אריה פּאָזי**. אונדזערע ברכות צום אים און בעלאַן.

**שרה און שמחה ליינער**

מיין באַגריסונג צו מיין טייערן פריינד **פּאָזי** צו זיין שמונים (ביז 120 יאָר) און ווינטש אים געזונט און גליקלעכע יאָרן, און פאָרזעצן זיין פרוכטבאַרע אַרבעט לטובת דער יידישער קולטור.

מיט פערזענלעכע גרוסן צו אים און זיין פרוי פון מיר און מיין פרוי.

כה לחי!

**(ד"ר) יהודה ראָזענמאַן**

אונדזער האַרציקע וואונטשן צו פּאָזי'ס 80טן געבוירנטאָג און נאָך פיל יאָרן פון געזונט פאָרצוזעצן זיינע יידיש־ליטעראַרישע טעטיקייטן.

**גיטל און איזידאָר סטענזאָר**

## יצחק ניומאַן

# שמשון דונסקיס תרגום מדרש

(מדרש רבה: שיר השירים, מדרש חזית — תרגום יידיש, שינוי נוסחאות, דערקלערונגען און אַריינפירן פון שמשון דונסקי, מאָנטרעאַל, תשל״ג)

די יידישע ליטעראַטור איז אין די לעצטע פּאָר דורות אומגעהייער באַרייכערט געוואָרן מיט דער עשירות פונעם יידישן שעפערישן גייסט דורך אַ צאָל איבערזעצונגען פון די העברעישע אָריגינאַלן, פון אַזעלכע ספרים אויף וואָס עס שטייען די עצם יסודות פון יידישקייט.

קודם האָט י ה ו אָ ש אונדז צוגעטראָגן דעם מייסטערלעכן תרגום פון אונדזער ספר הספרים — דעם תנ״ך.

דערנאָך — אָדער גלייכצייטיק — האָבן ביאַליק און ראַווניצקי אונדז צוגעטראָגן אין יידיש די אומשעצבאַרע גרויסע מתנה „די יידישע אגדות״.

וויניקער הצלחה האָט געהאַט דער „תלמוד אין יידיש״ מיט דעם ווונדערבאַרן פּירוש פון ד״ר יעקב מאיר זאַלקינד. צום באַדויערן האָט ער ניט באַוויזן אַרויסצוגעבן מער ווי די ערשטע פיר מסכתות.

דערפאַר האָבן מיר אָבער אין יידיש דעם גאַנצן משניות אין דער איבערזעצונג פון שמחה פּעטרושקאַ, אַרויסגעגעבן אין מאָנטרעאַל.

דעם גאַנצן תלמוד אין יידיש האָבן מיר אָבער ביז איצט נאָך ניט, און ביז עס וועט קומען אַ צווייטער ד״ר זאַלקינד, וואָס זאָל קענען זיך אונטערנעמען צו פאַרענדיקן אַזאַ מין גאונישע אונטערנעמונג, איז ווער ווייסט?...

איצט קומט די אויבן דערמאָנטע קלאַסישע אַרבעט פון שמשון דונסקי, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן איבער צו געבן דעם מדרש אויף יידיש. ער פאַרנעמט זיך שוין מיט אָט דער זייער וויכטיקער אַרבעט כמעט צוויי צענדליק יאָר. עס איז אַ כבוד פאַר דער יידישער מאָנטרעאָל, וואָס ביידע ספרים — ווי דער משניות, אַזוי אויך דער מדרש — זיינען אַרויס אין זייער שטאָט.

דער מדרש שיר השירים אויף יידיש איז שוין דער פינפטער פון די מגילות פון זעלביקן מחבר. דאָס איז אַ געוואַלדיק גרויסער אויפטו און דער איבערזעצער און מבאר פון אָט די ווערק איז ווערט געלויבט צו ווערן פאַר זיין ביישטראָג צו באַרייכערן אונדזער אוצר פון קולטור־פאַרמעגן. די שפּראַך איז רייך, קלאָר און פאַרשטענדלעך. דער איבערזעצער ווייזט אַרויס אומגעהייערן וויסן און ערודיציע. אין זיין אַריינפיר שפּראָצט מיט די טיפקייטן און קענטשאַפטן פון אַן עילוי און פּאָעטישער מייסטערשאַפט פון שפּראַך.

די הנהגה פון מדרש בכלל איז צו נוצן פּילפּול בכדי צו פאַרגלעטן זאַצן וואָס זען אויס ניט אַזוי פּאַסיק לויט די פּרינציפּן פון איצט אָנגענומענער עטיק. באַנוצנדייק דרש ווערן די זאַצן פון מדרש גאָר אויסגעטייטשט אַ סך שענער און פאַרשטענדלעך. דעם מחברס פּירוש, וואָס קומט זייט ביי זייט מיטן אָריגינאַל, איז אַ גרויסער אויפטו. דאָס איז ניט בלויז אַן איבערזעצונג (אגב טאַקע אַ מייסטערהאַפטע איבערזעצונג) ביי׳ערט אויך אַ פאַרטיפטער פּירוש. אין זיין אַריינפיר ברענגט אַריין ש. דונסקי טיפע געדאַנקען און עס איז בלי ספק ווערט געלערנט צו ווערן.

מדרשים זיינען דער אינהאַלט פון יידישן דענקען אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער. די מדרש־ליטעראַטור האָט דעם פאָלק געגעבן כוחות אויסצוהאַלטן די גזירות און צרות, וואָס עס האָט איבערגעלעבט, און דער בעל־דרשן האָט דערהויבן דעם עולם און אים אַריינגעגעבן אַ רוח חיים אויסצוהאַלטן אַזאַ לאַנגן גלות.

קונסט לשם קונסט איז ביי יידן געווען פרעמד. קונסט כדי זיך צו פאַרווילן איז געווען פאַר אַנדערע פעלקער (נישט ביי יידן), וואָס האָבן געדאַרפט דינען דעם פּריץ, אים געבן פאַרווילונג און פאַרגעניגן. ביי יידן איז דאָס ניט מעגלעך געווען. יידן זיינען דערצויגן געוואָרן צו לערנען תורה לשם שמים. ביי אַנדערע

פעלקער האָט דער שרייבער תמיד געדאַרפט האָבן אין זינען צו באַפרידיקן דעם אַדעל געבוירענעם פריץ. יידן האָבן געשריבן ת ו ר ה, ניט קיין ליטעראַטור, תורה צו לערנען און פאַרטיפן זיך — „להגדיל תורה“. יידן האָבן געהאַט ניט קיין לייענערס, נייערט ל ע ר נ ע ר ס, און דער ציל איז געווען „לחידודא“, צו שלייפן דעם מוח, אָדער אַריבערצופירן דעם לערנער פון דער ביטערער צרהדיקער וועלט מיט אירע גזירות רעות אין אַ בעסערער וועלט פון כל טוב — און „טוב“ איז „רוח“: דאָס אייביקע פאָלק, וואָס האָט קיין פריצים ניט געהאַט און דער אייביקער יחוס איז געווען תורה און די „חידושי תורה“ וואָס דער דרשן, דער מגיד, האָט געקענט „מחדש זיין“ און דער „חידוש“ האָט געדאַרפט זיין אַריינגעדרשנט אין דעם פסוק: „ליכא מידי דלא רמיזא באור ייתא“— ניטאָ גאָרניט וואָס די תורה האָט ניט מרמז געווען.

רבי עקיבא איז געווען באַרימט און באַליבט אויך דערפאַר וואָס ער האָט געקענט מחדש זיין „תלי תלים“, בערג גאַנצע פון תורות אויף יעדן פסוק און וואָרט אין דער תורה, און יידן פלעגן זיך מחיה זיין ביי די דרשות פון די דרשנים, וועלכע האָבן אויפגעהאַלטן דעם „רוח החיים“ ניט נאָר פון עמך, אויך אפילו למדנים פלעגן איבעררייסן דאָס לערנען און זיך צוהערן צום בעל־דרשן.

דער מדרש פון שיר־השירים איז אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון דרוש, מער ווי אַנדערע מגילות. בשעת אַלע מדרשים קענען ווערן געטייטשט סיי אַלעגאָריש און סיי פשוט, איז שיר השיריים בלויז אַלעגאָריש. די הויפט טעמע איז ליבע צווישן גאָט און ישראל.

דער מדרש „שיר השירים“ איז געווען באַליבט ביי יידן. אין אַלע חדרים פלעגן יינגלעך אַלע פרייטיק (פאַרן גיין אַהיים) אויסזינגען (אָן אויסרעדעניש) „שיר השירים — דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען. אַלע געזאַנגען האָט געזונגען אַ מלך, אָבער דאָס געזאַנג האָט געזונגען אַ „מלך בן מלך“ א. א. וו. און יידן פאַרהאָרעוועטע פון אַ גאַנצער וואָך, פלעגן פרייטיק קומען פון באָד (ריכטיגער, מרחץ, עס איז איידעלער) און נאָכן אַ כאַפּ טאָן עפּעס פון די שבתדיגע מאכלים (פאַרשטייט זיך, אויך מיט אַ דרש: עס שטייט — „מבעד לצמתך“— מיינט עס „פון באָד צום צימעס“...) פלעגן יידן קומען אין בית־המדרש און זיך זעצן זאָגן שיר־השירים מיטן ספּעציעלן ניגון. במילא פלעגן יידן שוין געניסן פון שבת דורך דעם שיר־השירים. אפילו פשוטע יידן, ניט וויסנדיק דעם טייטש, דאָך הנאה געהאַט פון אָנקומענדיקן שבת קודש דורך דעם שיר השירים געזאַנג, וואָס מען האָט לגמרי ניט געדאַרפט פאַרטייטשן.

האָט עס ש. דונסקי איצט מיט פּאָעטישער מייסטערשאַפט אַריינגעבראַכט דעם „מדרש שיר השירים“ אין דער יידישער ליטעראַטור, און דערפאַר קומט אים אַ גרויסן יישר־כוח.

פון אַלע ספרים איז שיר השירים געווען אַ „יוצא דופנדיג, ווייל לויטן פשט האָט מען אים נישט געקענט מתיר מאַכן, ספּעציעל אַריינגעמען אין כתבי קודש, זיינען געקומען די חז"ל און אים געדרשנט לשבח, ווי ביי דוד המלך האָט די אגדה געדרשנט לשבח, און כדי דאָס צו פאַרשטאַרקן האָבן די דרשנים שוין צוגעשריבן: אַז שיר־השירים איז ניט נאָר „קודש“, נאָר „קודש קדשים.“

ווידער אַמאָל אַ יישר כוח ש. דונסקין ניט נאָר פאַר דער איבערזעצונג, וואָס איז ניט נאָר אויסגעצייכנט און גרינג צו פאַרשטיין, נאָר אויך די אַרבעט אַריינצוברענגען אינעם טעקסט אַ סך מפרשים, וועלכע פאַרגרינגערן דעם לערנער צו פאַרשטיין דעם מדרש אַזוי פשוט ווי מעגלעך. ווינטשן מיר דעם מחבר ווייטער אָנצוגיין מיט זיין שעפערישער אַרבעט צו פאַרשפּרייטן ברבים יידישע תורה און חכמה.

אברהם גאָלאָמב

# די פאַרבלאָנדזשעטע השכלה

ניט גערן נעם איך זיך איצט צו דער אַלטער טעמע וועגן דער השכלה און וועגן דער השכלה־תקופה אין דער יידישער געשיכטע. די טעמע האָט שוין מיר דערעסן, עס קומט מיר אויס ווי איבערמאָלן געמאָלענע, איבערקייען דאָס געקייטע און אויפוועקן לאַנג פאַרגעסענע פּראָבלעמען, וואָס זייַנען איצט וויניקער ווי ניט אַקטועל. אָבער דווקא די לעצטע צייט איז מיר אויסגעקומען צו הערן און צו לייענען מיינונגען פון „השכלה־חסידים" וואָס שטעלן זיך איין פאַר דער השכלה־ריכטונג אין דער יידישער געשיכטע. איבערהויפּט האָט מיר פאַרדראָסן וואָס אויך חיים גראַדע איז געשטרויכלט געוואָרן און האָט זיך אַריינגעשריבן צווישן די פאַרטיידיקער פון דער השכלה. חיים גראַדע האָט אַ סך יידיש וויסן און נאָך מער יידישע געפילן און אויך ער איז אַריינגעפאַלן! פּאַסט זיך צו פרעגן: „הגם שאול בנביאים?" דאָס האָט מיך געבראַכט צו שרייבן ווידער אויף דער טעמע.

אויף וויפל עס איז אויסגעקומען צו לייענען אָדער הערן די השכלה־פאַרטיידיקער נעמען זיי די זאַך זייער פשוט: דאָס יידישע לעבן איז אין משך פון יאָרהונדערטער געווען דורכויס תלמודיש, נאָר תלמוד און ווידער אַ שטיקל גמרא. עפּעס אַנדערש האָט מען ניט געוווּסט און ניט געוואָלט וויסן. גלייבט מען אַז די השכלה איז דאָס געווען די באַוועגונג וואָס האָט פון ריין תלמודישן אינהאַלט אַריבערגעפירט דאָס יידישע פאָלק צו דער ברייטער אַלזייטיקער קולטור. אַוודאי האָט אַזאַ באַוועגונג געדאַרפט זיין; אַוודאי האָט געדאַרפט זיין אַ באַוועגונג, וואָס האָט געדאַרפט עפענען ברייט די טירן פון יידיש לעבן פאַר דער ברייטער אַלמענטשלעכער קולטור. ווילן דאָס אונדזערע השכלה־חסידים גלייבן, אַז די השכלה־באַוועגונג האָט עס געטאָן, דורכגעפירט אין לעבן. ווילן זיי גלייבן אַז אָט די אויפגאַב האָבן דאָס די משכילים אויפגעטאָן און דערפאַר קומט זיי דז גאַנצע אנערקענונג פון יידישן פאָלק און פון זיין געשיכטע.

אין דער אמתן איז געווען אַ ביסעלע אַנדערש: די פאַרוועלטלעכונג פון יידישן לעבן איז געקומען אַליין אַ דאַנק דער אורבאַניזאַציע.

אין די פערציקער יאָרן פון נייַנצנטן יאָרהונדערט האָט די רוסישע רעגירונג געשיקט ספּעציעל ד"ר מאַקס ליליענטאַל פּראָפּאַגאַנדירן יידן זיי זאָלן וועלן שיקן קינדער אין שולן וואָס די רעגירונג גייט גרינדן פאַר יידן. און די יידן האָבן ניט געוואָלט הערן.

אין די זעכציקער יאָרן פון זעלביקן יאָרהונדערט, מיט אַ צוואַנציק יאָר שפּעטער, האָבן יידן אין די שטעט אין די שטעט פון תחום פאַרפולט די אַלגעמיינע שולן, און די רעגירונג האָט דעמאָלט איינגעשטעלט די באַרימטע פּראָצענט־נאָרמע פאַר יידן. אָן קיינע פּראָפּאַגאַנדעס. די חברה „מפיצי השכלה" (דער פולער רוסישער נאָמען איז זייער אַ לאַנגער און קאָמפּליצירטער. מען פלעגט זי רופן מיט דעם ראשי תיבות אָפּ"ע. געגרינדעט אין יאָר 1863, האָט געוווּסט נאָר צו שטיצן יידן צו לערנען רוסיש. ערשט שפּעטער, שוין אין 20טן יאָר־הונדערט איז זי געוואָרן וואָס זי האָט געדאַרפט זיין: יידישע בילדונג פאַר יידן. אין דעם ערשטן קאָמיטעט זייַנען געזעסן צוויי משומדים. די השכלה האָט באַגלייט די אורבאַניזאַציע פון יידן.

אין דייטשלאַנד האָט זיך די השכלה אָנגעהויבן, ווי באַקאַנט, מיט מענדעלסאָנען און זיין דור. אין הונדערט יאָר אַרום האָט אַרטור רופּין — אַליין אַ דייטשישער ייד — געשריבן, אַז פון די יידן אין מענדעלסאָנס דור איז קיינער אין יידישקייט ניט געבליבן קיין יידן. די יידן וואָס זייַנען יאָ געווען, זייַנען מסתמא אָפּשטאַמיקע פון ביי־איינגעוואַנדערטע יידן. דאָס איז דער פאַקט: די השכלה האָט געפירט פון יידישקייט עס שטימט לגמרי ניט מיט דער אויסגעטראַכטער טעאָריע פון „השכלה־חסידים" אַז השכלה האָט עס געפירט פון דער תלמודישער פאַרשלאָסנקייט צו אַלגעמיינער בילדונג. די משכי־

לים האָבן געוווסט צו זוכן שטעלעס אין די כלומרשטע שולן וואָס די רעגירונג האָט יאָ געעפנט פאַר יידן.

וואָס פאַר אַ פּרצוף די שולן האָבן געהאַט אונטער דער פירונג פון רוסישע אויסגעדינטע זעלנער־שיכורים, פאַרשפּאָרט מען צו שרייבן. דאָס דערציילט דער היסטאָריקער פון יענע משכילים (פּ. מאַרעק אין אַ ספּעציעלן בוך — רוסיש).

ליליענטאַל האָט געהאַלטן וואָרט און איז שטילערהייט אַנטלאָפן פון רוסלאַנד (קיין סינסינעטי, אַמעריקע). משכילים האָבן געזוכט שטעלעס אין די שולן. דער „פאָטער פון די משכילים אין רוסלאַנד" לעווינזאָן, האָט אין דער הקדמה צו זיין ספר „תעודה בישראל", געשריבן אין יאָר 1827, אין יאָר פון דער קאַנטאָניסטן־גזירה, „מלכי חסד", וועגן רוסישן צאַר, וואָס ער האָט געגעבן שטיצע אַרויסצוגעבן דאָס בוך. (מיין זיידע פלעגט עס רופן ניט „תעודה בישראל", נאָר די „טוטקע".

לויט דעם ווונטש פון די משכילים האָט די רעגירונג אַרויפגעצוווּנגען אויף אַלע מלמדים צו לערנען תנ"ך מיטן באור פון מענדעלסאָן, און פופצן רבנים זיינען געווען געצוווּנגען אונטערצושרייבן אַ היתר צו לערנען דעם תנ"ך דווקא מיט מענדעלסאָנס איבערזעצונג. מלמדים האָבן געקויפט דעם תנ"ך און אים געהאַלטן ... אויף דער פּאָליצע, ניט חלילה ביים לערנען. ווען איך האָב איין מאָל, יינגלוויז, מיטגענומען דעם דאָזיקן תנ"ך (איינגעהאַנדלט ווי אַ מציאה אויפן שולהויף אין ווילנע) צום זיידן, ניט וויסנדיק פון דער גאַנצער מחלוקת, האָט דער זיידע אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע פון דער קאַפּאָטע, געעפנט דעם ספר, דערזען וואָס עס איז, האָט ער עס באַלד פאַרמאַכט און געזאָגט צו מיר: „דו וואַרפסט אַרויס דעם טריף־פּסול, אַניט וואַרף איך אַרויס דיך מיט דיין תנ"ך!" און אַזאַ איז געווען די באַציונג פון פאָלק בכלל צו דעם אַרויפגעצוווּנגענעם תנ"ך.

ווען איך בין געווען אַ יאָר אַכצן איז מיר אויסגעקומען צו לייענען אַ רעפעראַט פאַר דעם העברעיש־לערער אויף די גראָדנער לערער־קורסן וועגן דעם „אבי המשוררים העברים", אדם הכהן לעבענזאָן, און זיין ספר „שירי שפת קודש" (לויט דובנאָוון, אַ פּושטער גראַמענמאַכער. געשיכטע 9, זייט 341); לויט מיין זיידן: בערקע מיכיילישקער ימח שמו וזכרו). מער ווי אַ דריטל פון גאַנצן ביכל שירים איז געווידמעט דעם קייסער און זיינע שרים — פּשוטע חניפה.

די גרעסטע פּאָעמע אין ביכל איז די „החמלה", וווּ יעדער פערז ענדיקט זיך מיט „אָנא סמכוני, פן אמס כמים אָנוכי החמלה בת השמים. — די גאַנצע וועלט איז פול מיט רציחה און די רחמנות קען עס ניט אויסהאַלטן. אַלע רציחות און גוואַלדטאַטן רעכנט ער דאָרט אויס. איין זאַך אָבער דערמאָנט ער ניט — די קאַנטאָניסטן־גזירה וואָס האָט אין זיין צייט געבושעוועט אויף יידן.

איך האָב זיך אין מיין רעפעראַט אַזוי צעהיצט, אַז איך האָב אַ שליידער געטאָן דאָס ביכל אויף דער ערד. דער לערער איז אַזש צעטומלט געוואָרן. איז עפּעס אַ וווּנדער, וואָס יידן אין ווילנע פלעגן זאָגן, אַז ביי בערקע מיכיילישקער איז „געפאַלן" אַ זון. (געפאַלן זאָגט מען אויף אַ בהמה, ניט אויף אַ מענטשן. דאָס איז געווען וועגן דעם טויט פון אמתן דיכטער, דעם זון מיכה יוסף לעבענזאָן, געשטאָרבן צו עטלעכע און צוואַנציק יאָר). דער טאַטע, אָדם הכהן אַליין, האָט ניט געפילט קיין קאַנטאָניסטן־צרה, ווייל עס איז געווען אַ גזירה פון די „מלכי חסד" — די צאַרישע רעגירונג. און דער גרעסטער דיכטער פון יענער צייט, יל"ג (יהודה לייב גאָרדאָן), האָט דען אַנדערש געפילט? אין זיינע שירים באַשרייבט ער די צרות וואָס יידן ליידן נעבעך פון דעם — „שולחן ערוך". ער זעט אָבער ניט די צרות וואָס יידן ליידן פון די גזירות פון דער רעגירונג פון ניקאָליי דעם ערשטן.

מילא, אויף דער צאַרישער רעגירונג איז ניטאָ וואָס פאַריבל צו האָבן — צום רוסישן פאָלק האָט מען זיך ניט באַצויגן פיל בעסער. איז דאָך ניט שייך צו פאַרלאַנגען אַז צו יידן זאָל זיין אַ בעסערע באַציונג. אָבער די יידישע משכילים גופא! אויך זיי האָבן ניט מיטגעפילט דעם יידישן פאָלק אין זיינע צרות און גזירות פון די „מלכי חסד", אפילו ניט די „כאַפּערס", וואָס פלעגן קומען שטילער־

הייט אין שטעטל, כאַפּן קליינע ייִנגלעך פון חדר, פון די מאַמעס הענט, און זיי אָפּגעבן פאַר אייביקע זעלנער. און לאָמיר זאָגן אָפּן דעם ביטערן פאַרשוויגענעם סוד, אַז די כאַפּערס זיינען דאָך געווען געשיקט דורך ייִדן, דורך די קהילות, כדי צו ראַטעווען די זין פון „בעלי בתים". אויך יל"ג האָט ניט געהאַט קיין אויסגעשריי וועגן דער טראַגעדיע, וואָס האָט געהויערט איבער ייִדן אין משך פון צענדליקער יאָרן (פון 1827 ביז אין די זעכציקער). די ליטעראַטור וועגן די געכאַפּטע און „ניקאָלייעווער סאָלדאַטן" איז אַ גאַנץ היפּשע, אָבער די באַרימטע משכילים האָבן די שוידערלעכע גזירה ניט געזען.

אין די פערציקער פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט זיך פון לאָנדאָן געלאָזט קיין פּעטערבורג פאָרן משה מאָנטעפיאָרי, טאָמער וועט אים געלינגען עפּעס גרינגער מאַכן די צרות פון די ייִדן אין רוסלאַנד. אויף זיין וועג צוריק איז ער דורכגעפאָרן, ווי דער וועג איז געגאַנגען, דורך דווינסק, ווילקאָמיר און ווילנע. אויך מיין שטעטל איז געלעגן אויפן וועג. די פערד האָט מען געביטן אויף יעדער פּאָסט־סטאַנציע.

אין מיין שטעטל האָט זיך לעבן שמייסער געזעצט דער אַרענדאַטאָר פון דער פּאָסט, חיים גורלאַנד (אַ באַקאַנטע משפחה אין ווילנע). אין מיטן וועג האָבן אים באַגעגענט ווילנער שטאָט־בעלי־בתים. ייִדן האָבן אים אין ווילנע דערלאַנגט אַ מעמאָראַנדום וועגן די ייִדישע צרות. האָבן ווילנער משכילים געגעבן אַ צווייטן מעמאָראַנדום, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן: „ארבעה אָבות נזיקין" — פיר אייגנשאַפטן פון ייִדן ברענגען אַלע צרות... איך געדענק ניט אַלע פיר עבירות פון ייִדן, וואָס די ווילנער משכילים האָבן אָנגערעכנט. איך דערמאָן זיך נאָר: פריִע, צו־יונגע חתונות; דאָס יאָגן זיך נאָך צירונג, און נאָך צוויי זאַכן וואָס איך דערמאָן זיך ניט. איך דערמאָן זיך אויך ניט ווו דער מעמאָראַנדום איז געדרוקט (דאַכט זיך אין „שירי שפת קודש" פון אָדם הכהן). געלייענט האָב איך דאָס אין מיינע ייִנגלשע יאָרן אין שטראַשון־ביבליאָטעק אין ווילנע. דער סך־הכל פון גאַנצן מעמאָראַנדום איז געווען אַז די ייִדן זיינען אַליין שולדיק, ניט די צאַרישע רעגירונג. אַלץ וואָס די רעגירונג טוט איז גוט, אַלץ ווי די ייִדן פירן זיך איז שלעכט. אַלע צרות און גזירות פון דער רעגירונג נעמען זיך בלויז פון דעם וואָס די רעגירונג וויל „אויסבעסערן" די שלעכטע שטריכן פון ייִדישן פאָלקס־גייסט און פירונג.

די משכילים האָבן געמיינט און געהאָפט אַז ווי נאָר די ייִדן וועלן אויפהערן ריידן ייִדיש, וועט מען זיי אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס, און די רעגירנג האָט ניט געוואָלט קיין ייִדן אפילו רוסיש־רײדנדיקע. אין די פופציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן פּעטערבורגער רייכע ייִדן צוגעשטעלט דער רעגירונג אַ פּראָיעקט פאַר דער געזעלשאַפט „מפיצי השכלה". אין פּראָיעקט איז געווען אָנגעגעבן אַ נאָמען: „געזעלשאַפט צו פאַרשרייטן די רוסישע שפּראַך און בילדונג". האָט די רעגירונג דעם פּראָיעקט ניט באַשטעטיקט. ערשט ווען אין צווייטן פּראָיעקט, מיט אַ צען יאָר שפּעטער, איז דער פּונקט וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון דער רוסישער שפּראַך געוואָרן אַרויסגענומען און עס איז געבליבן בלויז „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן ייִדן אין רוסלאַנד", אָן דעם פּונקט צו פאַרשפּרייטן די רוסישע שפּראַך, איז די געזעלשאַפט יאָר באַשטעטיקט געוואָרן. (טשעריקאָווער „געשיכטע פון דער חברה מפיצי השכלה" 1913, רוסיש).

בכלל האָבן די משכילים געמיינט אַז די הויפּט־סיבה וואָס מען האָט פיינט ייִדן איז דאָס ייִדיש לשון. און ווי נאָר ייִדן וועלן נעמען ריידן אַ „גוטע" שפּראַך וועט מען זיי „ליב קריגן". עס איז פאַר זיי בלויז געווען אַ פראַגע, וואָס פאַר אַ שפּראַך ייִדן זאָלן ריידן כדי מען זאָל זיי גלייכבאַרעכטיקן. לכתחילה האָט מען געהאָפט אַז דייטש וועט זיין גוט: עס איז נאָענט צו ייִדיש, מענדעלסאָנס איבערזעצונג פון תנ"ך וועט עס העלפן און ייִדן וועלן נעמען ריידן אַ „מענטשלעכע" שפּראַך. (למשל מיכל גאָרדאָן אין אַ ליד אויף ייִדיש).

די משכילים האָבן אַלץ געזוכט מיטלען ווי זי איינצוקויפן אין ליבע ביי דער רעגירונג, בעת די רעגירונג אָבער האָט בכלל פיינט געהאַט ייִדן פּשוט, ווייל זיי זיינען ייִדן. די משכילים האָבן לגמרי ניט פאַרשטאַנען, אַז די שינאה צו ייִדן איז אָן אור־

אַלטע, איינגעוואָרצלטע, ניט אויסצוּוואָרצלען. די אַלע צופּאַסונגען פון יידן קענען ניט ענדערן די נאַטור פון די בעלי בתים, ווי מיר זעען אפילו איצט ביי די רויטע קאָמוניסטן.

אַלע שרייבערס האָבן געמוסרט. די רוסן — צוויי קלאַסן — פּריצים, ליידיקגייערס, הולטייעס, און פּויערים־קנעכט — זיינען דאָס דער מוסטער. ביי יידן אָבער — גאָר ניט קיין גוטס, אַלץ איז שלעכט, אַלץ טויג ניט. דאָס איז געווען די השכלה. האָט דער טראַדיציאָנעלער ייד געלעבט דורכויס מיט אייגנס; האָט די השכלה געפּסלט אַל דאָס יידישע און מיט קינאה געקוקט אויף דעם בעל־הבית פון לאַנד.

געווען צווישן משכילים אַזוינע וואָס זיינען פאַרברענט געוואָרן פון בראָנפן, וואָס זיי האָבן געטרונקען כדי צו זיין ענלעך צו די רוסן. אין דייטשלאַנד האָט די השכלה אין אַ פּאָר דורות אויסגעראַמט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק — אויסגעשמדט אַלע. די יידן וואָס זיינען געווען אין דייטשלאַנד ווען היטלער איז געקומען, זיינען געווען אָפּשטאַמיקע פון ניי־אַריינגעקומענע. (אַרטור רופּין). אין רוסלאַנד האָט אויך די השכלה באַגלייט אַ גרויסע שמד־מגפה צווישן די משכילים. אַ טייל זיינען געבליבן יידן נאָר מחמת, זיי האָבן געזען אַן אוממאָראַלישקייט צו אַנטלויפן פון די רדיפות אן לאָזן דאָס גאַנצע פאָלק זיך מאַטערן אין גזירות. (אַ בריוו פון ג. באַגראָוו. דער פאַמיליע־נאָמען איז איבערגעמאַכט פון בהרב. ער האָט געשטאַמט פון רבנים).

ווייטער ווי ליטע איז די רוסיפיקאַציע אַוועק אין אָדעס, וואָס „פערציק מייל אַרום איר ברענט דער גיהנום" (אַ פאָלקסווערטל). דאָרט איז די רוסיפיקאַציע אַוועק אַ סך ווייטער ווי אין דער ליטע. די רוסישע שפּראַך איז געווען מער פאַרשפּרייט; קיין דורותדיקע יידישע טראַדיציע איז דאָ ניט געווען. דער אידעאַל פון די משכילים דאָ איז געווען, יידן זאָלן ריידן און דאַווענען אויף רוסיש — דער ערשטער אַקט פון דעם אידעאַל „צונויפשמעלצן זיך מיטן רוסישן פאָלק. רוסישע פעריאָדישע שריפטן האָבן זיך דאָך ניט געהאַלטן, ווייל די אינטעליגענץ, די יידישע, האָט שוין ניט געדאַרפט קיין יידישע שריפט. ווען צוויי משכילים, ד״ר סאָלאָווייטשיק און ד״ר ל. פינסקער, האָבן אָנגעגעבן אַ ביטע אויף אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ רוסישן זשורנאַל פאַר יידן, איז די ווענדונג אָנגעקומען ווי געהעריק צו ד״ר פּיראָגאָוו (דווקא אַ ליבעראַלער מענטש). האָט ער געשטעלט די צוויי דאָקטוירים אַ פראַגע: אויב פאַר יידן, צי וואָלט ניט געווען בעסער אַ זשורנאַל אויף יידיש? וואָס זיי האָבן געענטפערט אויף דער פשוטער שאלה פון אַ קריסט, איז מיר ניט באַקאַנט.

דער פּאָגראָם אין אָדעס אין יאָר 1871 האָט געהרגעט דעם גאַנצן אידעאַל פון די משכילים אין אָדעס פון רוסיפיקאַציע. דער ד״ר סאָלאָווייטשיק איז אין גאַנצן אַוועק פון יעדער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. אויף אַן אָנפרעג פון פעטערבורגער מפיצי השכלה צענטער האָט ער געענטפערט, אַז כל זמן די רוסן זיינען נאָך פעיק אויף פּאָגראָמען זעט ער ניט קיין זינען וואָס צו יאָגן זיך צונויפצושמעלצן מיט זיי. (טשעריקאָווער „געשיכטע פון דער חברה."

פינסקער האָט זיך אויך אַנטוישט אין דעם אַסימילאַציע־אידעאַל און איז געוואָרן אַ חובב־ציון. (ער איז דער מחבר פון דער בראָשור „אויטאָעמאַנציפּאַציע." געשריבן האָט ער שוין די בראָשור ניט אין רוסיש, ווי פריער פאַרן פּאָגראָם אין זיין זשורנאַל, נאָר אין דייטש, זיכער אויס פּראָטעסט. דער נאָמען „אויטאָעמאַנציפּאַציע" אַנטפּלעקט דעם געדאַנקען־גאַנג פון מחבר: לעולם איז דער אידעאַל ווי מיר זיך עמאַנציפּירן אַליין, אָן די רוסן... גיבן ניט! זיי זיינען די בעלי־בתים. וועלן מיר זיך עמאַנציפּירן אַליין, אָן די רוסן...

בכלל איז פינסקער אַוועק לגמרי פון די משכילים מיט זייער קאַמף. אויך זיין פאָטער, שמחה פינסקער, איז געווען אַ געלערנטער היסטאָריקער און ניט קיין קעמפערישער משכיל. עס איז מיר ניט באַקאַנט קיין שום קעמפערישע השכלה־שריפט פון שמחה פינסקער דעם פאָטער, אָבער עס איז יאָ באַקאַנט זיין אויפדעקן די פעלשונגען פון דעם קאַראַאימישן געלערנטן, אברהם פירקאָוויטש. מיר איז ניט באַקאַנט קיין שום שריפט ניט פון שמחה, ניט פון לייב פינסקער, אין גייסט פון די קעמפערישע משכילים.

היוצא לנו פון דעם גאַנצן אַרטיקל איז, אַז די השכלה איז לגמרי ניט געווען דאָס וואָס זי האָט געדאַרפט זיין טעאָרעטיש. ניט זי האָט געעפנט טיר און טויער פאַר אַלע געביטן פון פון וויסן. געווען איז זי אין איר תוך אַריין אַן אַסימילאַטאָרישע באַוועגונג, וואָס האָט געפירט מער צו שמד און אויסיידישונג בכלל. די משכילים האָבן בפירוש ניט ליב געהאַט זייער פאָלק... יאָ, איך האָב פאַרגעסן: יידישע רעוואָלוציאָנערן האָבן זיך ניט געשטערט צו פאַרשפּרייטן פּאָגראָם־פּראָקלאַמאַציעס. (זשיטלאָווסקי אין „צוקונפט“, זומער, 1929).

אַזאַ געטרייער ייד ווי אַנסקי, אַז ער האָט אין דער יוגנט באַשלאָסן „צו גיין אין פאָלק אַריין“, ווי עס איז דעמאָלט געווען די מצוה, האָט ער זיך געלאָזט זוכן „דאָס פאָלק“ ערגעץ אויסערן תחום, אין אַן עכט־רוסישע שטאָט. צו יידן איז ער געקומען אַ סך שפּעטער. און דאָס איז געווען אַנ־סקי, דער געטרייסטער ייד! ביי זיך, אין זיין היימישן וויטעבסק, האָט ער יאָ געזען יידן, אָבער ניט „דאָס פאָלק“, וואָס פאַר דעם קעמפט מען.

אַ באַזונדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי איז געשאַפן געוואָרן נאָר אין תחום. מאַרטאָוו (צעדערבוים. ביי דעם פאַמיליענאָמען איז געווען זייער פאַרשפּרייט). איז געווען אין ווילנע נאָענט צום בונד. אויסערן תחום האָט ער צוגלייך מיט אַנדערע געלאַכט פון בונדיסטן: זיי זיינען אויך ציוניסטן, מער ניט, וואָס זיי האָבן מורא פאַר דער ים־קראַנקייט.

די השכלה האָט אין דייטשלאַנד באַגלייט דעם אונטערגאַנג פון יידנטום און דעם מאַסן־שמד. זי וואָלט עס געטאָן אין רוסלאַנד, באשר די רעגירונג האָט ניט געלאָזן: „פון די זשידעס ווילן מיר ניט אפילו קיין גוטע פאַרדינסטן“. (פּיאָטער דעם גרויסנס אַ טאָכטער). דער כלל איז געבליבן ביי רוסן ביז היינט. די השכלה האָט געדאַרפט זיין דאָס וואָס אירע חסידים איצט ווילן אין איר זען. זי איז אָבער געווען אַן אַנטי־יידישע באַוועגונג, וואָס האָט יידן און יידישקייט איגנאָרירט. טראָצקי און טויזנטער צו אים זיינען אַ מוסטער פון טאָטאַלער אויסיידישונג.

אין דייטשלאַנד איז געבליבן אין געטרייער ייד — לעאָפּאָלד צונץ. אין רוסלאַנד זיינען געבליבן אַ סך מער, נאָר אין תחום; אויסערן תחום איז די אַסימילאַציע געגאַנגען ניט אַנדערש ווי אין דייטשלאַנד. און אין תחום איז עס געווען וויי'ל די „ספּעציעלע אויסנאַם־געזעצן פאַר יידן“ האָבן ניט געלאָזן זיך אויסיידישן. אפילו אין ציוניזם און אין בונדיזם קען מען געפינען היפּשע שפּורן פון דער אַלטער אַנטי־יידישקייט. ערשט איצט זוכט מען אין ישראל צו דערנענטערן זיך צו „גלות־דיקער יידישקייט“, וואָס איז געווען פּסול ביז איצט. אויך דער בונד האָט אַריינגענומען יידישע פּונקטן אין פּראָגראַם שפּעטער. און נאָך דער רעוואָלוציע, אין יאָר 1919, האָט דער געוועזענער בונדיסט און קעמפער פאַר יידישער קולטור, משה ראַפּעס, געדרשנט, אַז איצט, נאָך דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, דאַרף מען מעט אַן אייזערנעם בעזים אויסקערן די „מענדעלעך מיט די פּרצעס“. (איך האָב עס אַליין געהערט אין זאַל פון קיעווער שטאָט־דומע).

יאָ, אין דעם חורבן פון יידישער קולטור אין רוסלאַנד זיינען יידן אַליין אויך ניט ווייניק שולדיק. אָבער דאָס געהערט שוין ניט צו אונדזער טעמע דאָ. די יידישע השכלה־באַוועגונג איז געווען אַ סך מער אַן אַנטי־יידישע באַוועגונג. פ ו ן יידישקייט און ניט א י ן יידישקייט. די ביאָגראַפיע פון יל״ג באַשטעטיקט אַלץ וואָס איך האָב געשריבן. יל״ג האָט עס געפילט און אין זיין פּאָעמע „למי אני עמל“ — פאַר וועמען האָרעווע איך? האָט ער עס פאָרויסגעזען: אַליין אַ לעבן „געמשכילעוועט“ — „אַ ייד אין שטוב און אַ מענטש (לייען: אַ רוס) אין גאַס.“ און זיין זון? — גלייך נאָכן טאַטנס טויט האָט ער פאַרקויפט זיין טאַטנס שריפטן פאַר גוט געלט און אַליין זיך אָפּגעשמדט און פּטור פון עסק. וויפל משכילים האָבן געלאָזן זייערע קינדער אין יידישקייט? און די גאַנצע מאָדערנע קולטור שטאַמט לגמרי ניט פון דער השכלה.

א ו י ס פ י ר ן: א. — די השכלה ביי יידן איז אַוועק אויף אַ פאַלשן אַנטי־פאָלקישן וועג: ניט פאַרדייען דאָס נייע, נאָר קודם כל אָפּוואַרפן אַל דאָס אייגענע.

(סוף אויף זייט 98)

אינאיינעם מיט אַלע ליבהאָבער פון יידישן וואָרט זיינען מיר זיך מצטרף און פייערן די גבורות פון אַריה פאָזי.

אונדזער ברכה: ער זאָל ווייטער בלייבן יונג אין גייסט און שעפערישקייט און זאָל זיך עלטערן אין נחת מיט זיין ליבער בעלאַן.

פייגל און וועלוול אָרטענשטיין
דזשאַן אַוויראָן און באַרני

פיליפ בראָדי

טילי און תנחוםברייס
ליובע און שמואל בריינין
חוה און העניך בערמאַן

רבקה און אברהם גאָלאָמב
לילי און עמנואל גאָלדפאַרב

פלאָראַ און שמואל ווייס
א. מ. וויינבערג

טעמע און דר. אברהם זיגלבוים
חבר זאַלצמאַן

דאָראַ און טוביה כץ

דאָראַ און שמואל לעווין

ד״ר מנחם נאור ורעיתו שמחה
בעטי און סערגעי נוטקעוויטש

מרים און טוביה סעלצער

גערטרוד פרענקל

מרים און אָשר קיפּניס
ראַקעל און דוד קאַפּלאַן
דר. און מרס. בערנאַרד קאָהען

גוטשע און משה שולוויס
ווילי (וועלוול) שאָר

## אונדזערע האַרציקע ברכות דעם פאַרדינסטפולן שרייבער
## און קולטור-טוער אַריה פאָזי און אויך זיין פרוי בעלאַ.
## מיר ווינטשן אים נאָך לאַנגע שעפערישע יאָרן ביז 120

פנינה אָסמאַן
ראָוז אָסטראָוו

ראָוז באַלאָט
ציליע בוירק
חנה און מענדל בלעווים

שמחה גילדער
יעטאַ און שמחה גרעי
טייבל און ישראל גרינשטאַדט

דזשעני ווייגמאַן

פערל און ראָבערט טעמפּער
שרה טייטלבוים

עטעל און אייזיק לעווין

עטעל און משה מאַנדעלבוים
מאָניע און הערשל משרת
גרוני בצלאל מלכי

אילייז ניומאַן (דערט האָט ספרינגס)
בעקי און משה נאָדעלמאַן

אָליע און שמואל פיגל

פייגעלע און יוסף פּאַניץ
עדינה פרידמאַן

לאה און בצלאל קרוק
ריווע קענטאָר
מרים און יחזקאל קרוק
איידאַ קריינדיס
לאה און מאַקס קופּערמאַן
משה קאַפּלאַן
אַגאַ קאָוועך
בעקי און מאיר קעסטל

יוסף ראָזענבערג
(אין אָנדענק פון מיין פרוי מרים)
מאיר רובין
גאָסי ראָזענשטיין
זהבה און יצחק רויטבלום

### בלומע שטיינבערג

רבקה און דוד שראַגע
סאָסי און הערי שטערנפעלד
נעכע און זלמן שלאָסער

## אָרגאַניזאַציעס באַגריסן אַריה פּאָזי צו זיין 80־טן געבוירן־יאָר:

## דער הירשביין־ראָזענבלאַט צווייג פון פאַרבאַנד

מאָריס דייטש, פיליפּ בראָדי, אברהם שניידער — פּרעזידיום

## דער רינגלבלום לייען־קרייז

## דער יהואש לייען־קרייז

## דער ראָזענבלאַט לייען־קרייז

גאָסי סאָרטאָ, סעקרעטאַר

## דער אַרבעטער רינג לייען־קרייז

סיידי פינקלשטיין, סעקרעטאַר

## דער שלום עליכם צווייג פון פאַרבאַנד

## דער ד״ר דאָלניק לייען־קרייז

חנה דאָלניק, אסתר לעוויטאַן, סאַשאַ האָפמאַן — פּרעזידיום

## דער אינסטיטוט פאַר יידישער דערציונג

# אונדזערע אבידות

יעקב שמואל טויבעס

## פּינטשע בערמאַן ע"ה - דיכטער פון לעבנס-פרייד

ווען אַ יידישער דיכטער גייט אַוועק אין דער אייביקייט, איז די פּיין איבער זיין פּטירה נישט בלויז אַ פּערזענלעכע, נישט בלויז צער איבער דער פאַרלוסט פון אַ קרוב, אַ יידישן מענטש. די קלאָג איז אין איין צייט אַ קאָלעקטיווע. מחמת דורך דעם איז ווידער אָפּגעריסן געוואָרן און אַראָפּגעפאַלן אַ בלאַט פון דעם יידישבוים, איז אַוועק איינער פון די געטרייע דינער פון דער יידישער ליטעראַטור.

אויב דער יידישער דיכטער פּינטשע בערמאַן האָט אפילו אויסגעלעבט זיינע יאָרן, האָט אָבער זיין גורל באַשטימט, אַז ער זאָל פאַרענדיקן זיינע טעג אויף אַ טאָפּלט אַכזריותדיקן אופן. מחמת אים, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געקוויקט מיט דער שיינקייט פון דער וועלט, געשעפּט נחת פון דער נאַטור, זיך נישט געקענט גענוג אָנזעטיקן מיט דער שפּע פונעם עולם ומלואו — איז אים ביים סוף פון זיין לעבן צוגענומען געוואָרן זיין חוש הראיה, די זע־קראַפּט, די איידלסטע כלי אויף אויפצונעמען די דאָזיקע הערלעכקייט.

עס איז אים אויך נישט באַשערט געווען צו דערלעבן די אויסגאַבע פון זיין לעצטן בוך לידער, וואָס איז אָנגעקומען פונעם פאַרלאַג איין טאָג נאָך זיין פּטירה.

יעדער טויט איז טרויעריק. דער טויט פון פּינטשע בערמאַן איז געווען נישט נאָר טרויעריק, ער איז געווען באמת טראַגיש.

ווי אַ דיכטער איז פּינטשע בערמאַן געווען זייער פּראָדוקטיוו. הגם ער האָט געצויגן זיין פּרנסה פון שווערער, האָרעפּאַשנער אַרבעט, איז ער געווען היפּש שעפעריש און האָט פאַרעפנטלעכט זיינע לידער אין אַ גרויסער צאָל צייטונגען און אַנדערע צייטשריפטן. ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „חשבון" ווו מען האָט כמעט אין יעדן נומער געקענט געפינען זיינע דיכטערישע בייטראָגן. ער איז אויך געווען אַ באַגאַבטער רעדנער און האָט זיינע פאָרטראַגן מכוח ליטעראַרישע און היסטאָרישע טעמעס געהאַלטן פריי און זיך דערביי געלאָזט אינספּירירן פון זיין אויפגעוועקטן מעפּעראַמענט און פון זיין שטענדיק שטורעמדיקן ענטוזיאַזם.

* * * * *

אויב מען האַלט, אַז דער דיכטער איז אַן עקספּאָנענט פון זיין פאָלק און אַז זיין דיכטונג איז אין אַ געוויסער מאָס אַ רעפלעקציע, אַן אָפּקלאַנג פון זיין צייט, וואָלט אַ זאַמלונג לידער היינט צו טאָג געדאַרפט טראָגן דעם כאַראַקטער פון טרויער, פון צער און עגמת־נפש. בפרט נאָך, אויב עס האַנדלט זיך וועגן אַ יידישן דיכטער, אַן עקספּאָנענט פונעם יידישן פאָלק אין דער שרעקלעכסטער פּעריאָדע פון זיין געשיכטע.

אין דעם באַנד לידער „ליבשאַפט" פון פּינטשע בערמאַן, דעם לעצטן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, איז דאָס נישט דער פאַל. ווי אין אַלע זיינע פריערדיקע ביכער, איז אויך אין זיין לעצטער שאַפונג דער גרונט־מאָטיוו פון זיינע דיכטונגען דורכויס אָפּטימיסטיש. כמעט שטענדיק זיגט ביי אים און דערהייבט זיך ווי אַ זיגער זיין אָפּטימיסטישער וועלט־קוק. ער איז דער אָפּטימיסט פּאַר עקסעלאַנס; ער איז, אויב מען מעג אַזוי זאָגן, אַן אומפּאַרבעסערלעכער אָפּטימיסט.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָרט ווו ער באַגעגנט זיך מיט דעם שווערן בראָך פון אונדזער פאָלק, מוז אויך ער ווערן טרויעריק און אפילו טראַגיש. אָבער אויך אין דעם פאַל געפינט ער אַ וועג, ווו עס שיינט ווידער

אויף, כמעט מיט גוואַלד, זיין נצחונדיקער בטחון.

אין דעם באַנד „ליבשאַפט", זיין לעצטער באַנד לידער, וואָס אַנטהאַלט דאָס רוב לירישע לידער, געפינט זיך אַ פּאָעמע מיטן נאָמען „לעבנס־פרייד". עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אין דעם באַנד, וואָס איז, ווי איך בין זיך משער, אַן אָפּקלייב אויך פון נאָך נישט פאַרעפנטלעכטע לידער, וועט איר געפינען אין אַ סך פערזן דאָס וואָרט „פרייד". דאָס, די פרייד פון לעבן, זיך פרייען אונטער אַלע אומשטאַנדן, איז דער הויפּטשטריך, וואָס דורך אים קען בדרך־כלל כאַראַקטעריזירט ווערן די דיכטונג פון פינטשע בערמאַן.

נאָר לאָמיר הערן דעם דיכטער אַליין. לאָמיר הערן וואָס ער אַליין האָט צו זאָגן מכוח דעם מהות פון זיין דיכטונג, מכוח זיין בחירה צו זיין אַ דיכטער און — בפירוש אַ יידישער דיכטער. צוליב דעם מוז איך צוריקגיין צו זיין לידער־זאַמלונג „אין געדויש פון ווינט" (י. ל. פרץ פאַרלאַג, 1970), וואָס דאָרט גיט ער אָפּ אַ מין פּראַגמאַטישן אַריינפיר צו זיין שאַפן. אגב איז דאָס דאָזיקע בוך תוכנדיק טיפער ווי די מער לירישע אויסגוסן פון זיין לעצטן ווערק. דאָס ליד שטייט ביים אָנהייב פון בוך און הייסט:

## אַ יידישער דיכטער

איך בין ניט קיין היטער, קיין פאָרשער,
קיין ריכטער,
איך בין ניט קיין שטראָפער, קיין זוכער
פון זינד.
איך בין נאָר אַ דיכטער, אַ יידישער
דיכטער,
וואָס טראָגט זיך אָן אָטעם, אויף פליגלען
פון ווינט.

מיין וואָרט — פון צעווייעטן גראָז, איז
נאָך שטילער,
און קלאָג איך — איז קיינער דערהערט
ניט מיין קלאָג.
עס ווערן די בלוטן צעצונדענע, קילער,
אין בליאַסק פון באַגינען, אין טוי פון
פאַרטאָג.

און כאַפּט זיך אַריין אַ מאָל גאַל אין
מיין לאָגל,
און זינג איך אַ מאָל אַזאַ ליד וואָס עס
זידט —
איז דאָס, ווייל איך ווער אַ מאָל מיד
אין מיין וואָגל,
איז דאָס, ווייל איך זינג ווי אַ דיכטער
אַ ייד.

הייסט עס, אַז אין דעם ליד זאָגט זיך דער דיכטער אָפּ דערפון צו זיין אַ מוסר־זאָגער, אַן עטישער שופט, אַ מאָראַלישער ריכטער. פון דעסטוועגן איז ער מודה, אַז עס איז פאַראַן „גאַל אין זיין לאָגל" און אַז געוויסע לידער זיינע „זידן". איז דאָס דאָך אַ סימן, אַז עפּעס האָט אויפגערעגט זיין גאַל און האָט געבראַכט זיינע געבליטן צום זידן. און דאָס קען נאָר זיין פּראָטעסט קעגן עפּעס, קעגן אומרעכט, קעגן פאַרברעכן, קעגן זינד, ווי מען פלעגט עס אָנרופן פאַר דער צייט פון פּראָפעסאָר פרוידן. און דערמיט באַווייזט ער ערשט זיין יידישע מידה, אַז ער איז אין עצם אַ יידישער דיכטער.

להיפוך צו געוויסע יידישע דיכטער פון דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע האָט ער נישט קיין טענות צום רבונו־של־עולם. אדרבה, אין זיין געדיכט „גאָטס געשאַנק" באַטראַכט ער דאָס „וואָרט", דאָס גרויסע וווּנדער, ווי אַ געשאַנק, וואָס גאָט האָט דעם מענטש צוגעטראָגן, כדי עס צו פאַרשפּרייטן צווישן די פעלקער.

כביכול האָט דעם מענטש געהייסן:

טראָג דאָס וואָרט פון רעכט און יושר,
אין יעדן איינציקן געצעלט;
רוף צו פריינדשאַפט צווישן פעלקער,
וועק צו פרידן אויף דער וועלט!

אָבער דער מענטש, דער פרייער מענטש, האָט זיין שליחות נישט מקיים געווען, אַזוי אַז דער דיכטער איז מחויב צו פאַרענדיקן זיין געדיכט מיט, ביי אים זייער זעלטענע פּעסימיסטישע שורות:

און ס'האָט דער מענטש דעם גרויסן
וווּנדער,
דעם געשאַנק פון גאָט פאַרשוועכט;
און ער שקרט און ער רודפט,
און ער פייניקט און ער שעכט...

הייסט דאָס, אַז ער קלאָגט צו דעם מענטש, די מענטשלעכע געזעלשאַפט, וואָס האָט מבזה געווען גאָטס געשאַנק און אויפגעבויט אַ וועלט נישט לויט זיין „וואָרט". דעריבער טראָגט אויך דער מענטש דאָס אַחריות פאַר דעם מצב פון דער וועלט, וואָס ע ר האָט אויפגעבויט.

פינטשע בערמאַן ווייסט אויך פון דעם אַחריות פונעם יחיד און ער האָט „ניט קיין טענות צום לעבן, דאָס לעבן איז מיר (אים) קיין בעל־חוב", ווייל ער ווייסט און עס איז פאַר אים בולט און קלאָר, אַז אויב די „געוועבן" פון לעבן זיינען פאַרפלאָנטערט, איז דאָס דערפאַר, וואָס „איך האָב זי פאַרפלאָנטערט אַ ל י י ן."

אין דער היינטיקער צייט, ווען אין דער יידישער ליטעראַטור, סיי אין פּאָעזיע, סיי אין פּראָזע, האָט זיך באַוויזן אַן אָנזעעוודיקע שיטה צוריק צו אמונה און צו סקאַרבאָווער יידישקייט, איז עס געווען נייטיק צו באַטאָנען דעם רעליגיעזן עלעמענט אין פינטשע בערמאַנס שאַפן.

אָבער פאַר אַלעמען בלייבט עס אמת, אַז יין הויפּט־כוח אַלס דיכטער ליגט אין זיין ריינער ליריק, בפרט אין נאַטור־ליריק, אין דער שילדערונג פון דער נאַטור אין אַלע אירע פאַזן און צאַרטע שאַטירונגען. דאָ איז ער אין דער היים. דער דיכטער איז ווי פאַרשיכורט פון דער שיינקייט פון דער נאַטור, פון וועלכער ער שעפּט זיינע פאַרביקסטע אינספּיראַציעס.

פינטשע בערמאַן האָט, ווי יעדער אמת־ער דיכטער, שטענדיק געצויגן דעם שטאָף פאַר זיין דיכטונג פון זיין אייגענעם לעבן און זיינע אייגענע איבערלעבונגען. ווי אַ דינער פון וואָרט און ווי אַ געטרייער סאָלדאַט איז ער געשטאַנען אויף דער וואַך, כדי נישט דורכצולאָזן קיין שום געשעניש, נאָר כדי אויפצונעמען און צו פאַרוואַנדלען אַלע לעבנס־דערשיינונגען אין דיכטונג. אין דער יוגנט — דעם כוח און פאַרבן־גלאַנץ פון דער יוגנט, און איצט, אויף דער עלטער , אין דער האַרבסטלעכער פעריאָדע פון זיין לעבן— מיט די פאַרבן, וואָס דער האַרבסט האָט אים באַשערט. אין דער אָפּטיילונג „בלעטער פאַלן" פון זיין לעצטן בוך געפינען זיך אפשר די שענסטע לידער פון דעם באַנד. עס זיינען צום טייל ווייטאָגדיקע זכרונות, טרויעריק־סענטימענטאַלע באַטראַכטונגען אונטער דעם שאָטן פון דעם פאַמעלעך זיך דערנענטערנדיקן טויט. אָבער פאַר אַ דיכטער באַטייט אויך טרויער, אויב ער געפינט נאָר דאָס פּאַסיקע וואָרט פאַר אויסדריקן דעם צער, באַפרייאונג און פרייד.

עס איז נישט מעגלעך זיך צו געזעגענען מיט דעם דיכטער פינטשע בערמאַן און נישט צו דערמאָנען זיין געטרייע באַגלייטערין, די טעמע פון אַ סך דיכטונגען זיינע, זיין „ליבסטן חבר", זיין „בעסטן פריינד", זיין פּעני, וואָס וואָלט געדאַרפט געפינען כאָטש אַ ביסל טרייסט אין דעם באַוווסטזיין פון דעם כבוד און פון דער הויכשאַצונג, וואָס דאָס יידישע לאָס אַנדזשעלעס האָט פאַר איר געליבטן מאַן. עס קומט אויך אַ דאַנק דעם זון, אויגוסט בערמאַן, וועלכער האָט מקיים געווען די מצווה פון כיבוד־אב אויף דעם שענסטן אופן, מיט עוסקן זיך דערביי, אַז דאָס בוך, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, זאָל דערגרייכן זיינע פריינד און זיינע לייענערס.

---

## טרויער אויסדרוק אויפן פּריצייטיקן טויט פונעם דיכטער־שריפטשטעלער

# יעקב שמואל טויבעס

אונדזער מיטגעפיל צו גיטעלע טויבעס, אַ מיטגליד פון אונדזער לייען־קרייז, ווו יעקב שמואל טויבעס ע"ה האָט אָפט געהאַלטן לעקציעס און ביגעטראָגן צו אונדזער קולטורעלן ווילזיין. צוזאַמען מיט גיטעלען וועלן מיר הויך האַלטן זיין אָנדענק.

## עמנואל רינגלבלום לייען־קרייז

סעקרעטאַרן: גענִי קעניגזאָן
עטל רויזנבלאַט

# יעקב שמואל טויבעס ז"ל

## הספר געהאַלטן בעת זיין לוויה

אַן אבדה וואָס קומט ניט צוריק, אַ מתנה, וואָס בלייבט: גוף ונשמה.

מיר זיינען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד אונדזער מיטאַרבעטער איבעם זשורנאַל „חשבון", מיטגליד אין יידישן קולטור־קלוב, פּאָעט, לעקטאָר, קריטיקער, עסייאיסט און פאָרשער. (אגב, אין דעם נומער „חשבון" איז דאָ אַן אָפּהאַנדלונג פונעם נפטר וועגן דעם נפטר, דעם פּאָעט פינטשע בערמאַן ע"ה).

יעקב שמואל טויבעס ז"ל קומט פון אַ יחוסדיקע משפחה, אַ רבנישע משפחה. זיין פאָטער, ר' לייבל ז"ל, איז געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ אין 1908, געווען רעדאַקטאָר פון אַ וועכנטלעכער יידישע צייטונג אין טשערנאָוויץ, אויך דער מחבר פון דעם ספר: „תלמודישע עלעמענטן אין יידישן שפּריכוואָרט." דאָס איז זיין משפחה יחוס.

יעקב שמואל טויבעס ז"ל האָט אָבער אַ סך יחוס עצמו. ער איז געווען דער מחבר פון אַ צאָל ביכער לידער און עסייען.

זיין לעצט בוך לידער: „סאָנעטן פון אַ מאמין", וואָס שפּיגלט אָפּ זיינע איבערלעבונגען אין לאַגער דאַכאַו בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה, איז באמת אַ בוך לידער פון אַ מאמין, און אַ מאמין איז ער טאַקע געווען כל ימיו.

יעקב שמואל טויבעס איז ניט נאָר געווען סתם אַ שרייבער, נאָר אויך אַ פאַרטיפטער דענקער און פּאָעט, וועגן וועמען די יידישע ליטעראַרישע קריטיק האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן. אַ רעצענזיע וועגן זיין בוך, מיט אַ סך שבחים, געשריבן פון ס. נוטקעוויטש, יבדל לחיים, איז געווען געדרוקט אין לעצטן נומער „חשבון".

דער נפטר האָט אין די לעצטע פאַר יאָר אַ סך געשאַפן, ספּעציעל אויפן פּאָעטישן געביט. זיין פּאָעטישע מוזע האָט זיך זייער צעבליט אין די לעצטע יאָרן. זיין קריטיק איז געווען אַ „חרב חדה". דעם נפטרס געדולד צו פאָרשן האָט אים אַ סך בייגעשטייערט.

יעקב שמואל טויבעס איז געווען אַ מומחה הן אין דער וועלטלעכער אַזוי גוט ווי אין דער יידישער ליטעראַטור. זיינע לעקציעס און פאָרטראַגן זיינען שטענדיק געווען היסטאָריש און וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט, במילא איז ער געבליבן „לית מאן דפליג."

ניט קוקנדיק וואָס יעקב שמואל ז"ל איז נפטר געוואָרן כמעט בקיצו (ער איז אַלט געווען אַריבער 70) דאָך איז זייער צוגעפּאַסט ח. נ. ביאַליקס אויסדרוק: „ושירת חייו באמצע נפסקה." יעקב שמואל טויבעס האָט אַ סך שירים ניט פאַרענדיקט. די יידישע ליטעראַטור האָט דורך זיין הסתלקות אַ סך פאַרלוירן.

דער מלאך המות האָט שליטה איבערן גוף. דער גוף איז די אבידה שאינה חוזרת, אָבער די מתנת רוחנית, אַט די שאַפונגען בלייבן אייביק. אויף דעם האָט אפילו דער מלאת המות קיין שליטה ניט.

אמת, אַט דער געדאַנק איז ניט ניי, ער שטאַמט נאָך פון די צייטן פון די תנאים, דאָך איז פּאַסיק דאָ דאָס צו דערמאָנען: ווען די עשרה הרוגי מלכות זיינען פאַרברענט געוואָרן פון די רוימער, איז איינעם פון זיי, רבי חנניה בן תרדיון, האָבן די רוימער איינגעוויקלט אין אַ תורה, כדי זיי צוזאַמען פאַרברענען. האָבן זיינע תלמידים געפרעגט: רבי, וואָס זעסטו איצט? דער ענטפער איז געווען: דער פּאַרמעט ווערט פאַרברענט, די אותיות בלייבן און שוועבן אין דער לופט. דאָס הייסט: די שאַפונגען פון די אותיות וועלן שטענדיק בלייבן. אותיות פורחות...

יעקב שמואל טויבעסעס שאַפונגען איז זיין מצבה רוחניות. דער גוף פונעם נפטר וועט קיין מאָל צוריק קומען אָבער דער נאָמען יעקב שמואל טויבעס וועט בלייבן אויף אייביק. — צדיקים במותם נקראים חיים.

יעקב שמואל טויבעס ז"ל האָט פאַראַבלט זיין פרוי גיטעלע, זיין זון ר' לייבל, אייניקלעך און משפחה. דער נפטר האָט אויך פאַראַבלט די יידישע ליטעראַטור. מיר אַלע וועלן נאָך אים בענקען און אים געדענקען.

ת נ צ ב " ה.

**העניך בערמאַן**

# יעקב שמואל טויבעס ז״ל

(אויסצוג פון אַ הספד ביים קולטור־קלוב)

יעקב שמואל טויבעס, ז״ל, איז געווען אַ קאָמפּעריטער יידישער שרייבער, איבערהויפּט אין זיינע מאמרים, וואָס זיינען ליידער דערווייל ניט אויפגעזאַמלט געוואָרן און דעריבער ניט ברייט באַקאַנט. אין זיינע פּאָלעמישע אַרבעטן פאַר יידיש לשון איז ער אַלע מאָל געגאַנגען צום שורש, צום פאָלק, ווייל אין יידיש האָבן יידן געלעבט און געשאַפן.

ער איז געווען אַ טיף־גלויביקער, אַ שומר מצוות, און צי מען איז מיט אים יאָ מסכים געווען צי ניט, האָבן זיינע אָפּהאַנדלונגען פונקט ווי זיינע לידער, שטענדיק אָנגערעגט נאָכצוטראַכטן.

ביי אַ געוויסער געלעגנהייט האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט, אַז לויט זיין מיינונג מוז יעדער דיכטער האָבן אין זיך רעליגיעזע פונקען. אין דער הינזיכט איז ער ניט נאָר געווען אַ נאה דורש נאָר אויך אַ נאה מקיים. ער האָט פּראַקטיצירט דאָס אין וואָס ער האָט געגלייבט און איז דעריבער געווען גרייט צו ברענגען קרבנות כדי ניט עובר צו זיין אויף אַ לאַוו. ער איז אָבער געווען געבענטש דערמיט, וואָס אמונה און וועלטלעכקייט זיינען געווען ביי אים אָן אַ ריס, הגם אויסגעלעבט האָט ער זיך מער אין דער סעקולערער וועלט ווי אין דער רעליגיעזער.

ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ סך וויסן. ער איז געווען באַקאַנט מיט די פילאָסאָפישע ווערק פון שפּינאָזען ווי מיט די ווערק פון הערמאַן קאָהען. העגעלס דיאַלעקטיק און קאַנטס קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו האָבן ניט זעלטן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין זיינע אָפטע שמועסן מיט פריינד.

איך קאָן זיך דאָ ניט פאַרמעסטן צו געבן אַ קריטישע אָפּשאַצונג פון טויבעס׳ שריפטן. איך מוז אָבער דערמאָנען דעם באַזונדערן זשאַנער און חן פון זיין בוך „חסידים דערציילן״, האָט זיך געדרוקט מיט יאָרן צוריק אין „טאָג״. אין דער הקדמה צום בוך, שרייבט טויבעס, אַז ער איז דאָ ניט מכוון געווען קיין קונסט. ער האָט בלויז איבערדערציילט אין אַ חסידישן נוסח דאָס וואָס ער האָט אַליין געהערט פון חסידים. אָבער ביים לייענען אָט די דערציילונגען זיינע האָב איך דערפילט די ווירקונג פון זיין קינסטלערישן טאַלאַנט; אַז ס׳איז ניט גלאַט אַזוי איבערדערציילט, נאָר טאַקע אויך מיט גרויס ליבשאַפט און געשמאַק.

צום סוף פון דער הקדמה ווייזט ער אָן, אַז די מעשיות זיינען נוגע אַ תקופה, וואָס איז נאָך סיי היסטאָריש, סיי ליטעראַריש ווייט ניט אויסגעשעפּט און אַז ער האָפט, אם ירצה השם, דאָס משלים זיין אין די קומענדיקע בענדער. זיין פלייסיקייט איז געווען אין לשער. אָבער דער גורל האָט אַנדערש געוואָלט.

יעקב שמואל טויבעס האָט געלעכצט נאָך גאולה. ער האָט דאָס מסתמא איינגעזאַפּט אין זיך פון די גרויסע רבנישע און חסידישע גזעס פון וועלכע ער האָט געשטאַמט. זיין עלטער־עלטער־זיידע, הגאון מורנו ורבנו רבי אהרן משה טויבש, זיין עלטער־זיידע, הגאון הצדיק ר׳ יעקב טויבש, זיין זיידע ר׳ יצחק ישכר טויבש; זיין טאַטע, באַוווסט אין דער מאָדערנער יידישער וועלט ווי איינער פון די זיילן ביי דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ — פינף דורות וואָס האָבן אַ סך בייגעטראָגן צום קאָלירפולן יידישן לעבן פון קאָלאָמיי.

זיין לעצט ווערק: „סאָנעטקפון אַ מאמין״ איז געבוירן געוואָרן, ווי ער שרייבט, אונטער דעם רושם פון גרויסן יידישן חורבן. זיין ציל איז ניט געווען אַרויסצוברענגען די פיזישע ליידן, נייערט זייער השפעה אויף גייסט, אויף דער נשמה און אויף אונדזער ווייטערדיק לעבן. לויט זיין אויפפאַסונג האָט אַ ירא שמים אַנדערש געפילט דעם ווייטיק און אַנגסט ווי דער ניט גלויביקער. ער האָט דעריבער געשטרעבט צו געבן אין אָט די די סאָנעטן זיין אייגענעם געלייטערטן ענטפער אויף אונדדזער גרויסן חורבן.

די לעצטע פאָר יאָר האָט יעקב שמואל טויבעס אַ סך געאַרבעט כדי אַרויסצוגעבן אויף דייטש — זיין יוגנט־שפּראַך — אַ בוך

וועגן הייבריך היינען: ווי וואלט דער גרוי־
סער היינע רעאגירט אויף די געשעענישן
פון אונדזער צייט? דאס בוך האט ער גע־
שריבן אין דעם היינע סטיל, און ס׳האט
באקומען גרויס אנערקענונג אין איראפע.
דאס איז אייגנטלעך געווען די הויפט־סיבה
פון זיינע באזוכן אין עסטרייך, דייטשלאנד
און האלאנד, ווו ער איז אין דער דאזיקער
שליחות נפטר געווארן.
כבוד זיין אנדענק.

**אלעקס ראבין**

## משה אדערבערג ע״ה

נאך א לענגערע קראנקייט איז דער גוט־באקאנטער געזעלשאפטלעכער טוער, משה אדערבערג, אוועקגעריסן געווארן פון א לאנגן, פארדינסטפולן, געזעלשאפטלעכן לעבן. ער איז אלע זיינע רייפע יארן געווען אן אנפירנדיקער חבר אין די רייען פון די לינקע פועלי ציון — גאר אמאל אין ניו־יארק, נאך דעם אין שיקאגע, און במשך די לעצטע דרייסיק יאר, מיט אונדז אין לאס אנדזשעלעס.

זיינע בעסטע כוחות האט ער אוועקגע־געבן אין דינסט פאר א שענער און קול־טורעלער יידיש לעבן. ער איז געווען אק־טיוו אין די ארבעטער רינג שולן, אין נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד, אין דעם הסתדרות קאמפיין און איין דעם ל. א. יידישן קולטור־קלוב.

זיין איבערגעגעבנקייט צו אונדזער דא־איק לעבן, צו מדינת ישראל, פונקט ווי צו זיין אייגענעם משפחה־קרייז וועט אונדז אלעמען אויספעלן.

אונדזער טרייסט־ווארט זיין פאראבל־טער פרוי מ ר י ם און משפחה.

**די פארוואלטונג פון „חשבון״**

## אונדזער אויסדרוק פון מיטגעפיל צו גיטעלע טויבעס

מיר אלע זיינען שטארק געטראפן דורכן דורכן אומגעריכטן טויט פון דעם דיכטער און עסייאיסט, **יעקב שמואל טויבעס**. מיר דריקן אויס אונדזער מיטגעפיל צו ג י ט ע ל ע ן אויפן גרויסן פארלוסט פון איר מאן:

מרים אדערבערג
געניע קעניגזאהן
דזשאן און יעטא גרעי
סאניע קעי
באבי האריסאן
אסתר פריד
לינא מאסקאוויץ
קלארא טרייסטער
אסתר זאקלאד
סאניע סטערלינג
איידא פאטאשסקי
לייב און עטל ראזנבלאט
לאטי פ. מלאך און מאקס קרעמער
אסתר טאלמי
לואי ליפשיץ

# משה שטאַרקמאַן - חזקוני ז״ל

משה שטאַרקמאַן־חזקוני, טיף־דענקענדיקער יידישער און העברעישער שרייבער און מיטאַרבעטער פון „חשבון״, איז סוף יאַנואַר פון איצטיקן יאָר געווען אַ רעפערענט אויף דער קאָנפערענץ פון פאַראייניקטן יידישן אַפּיל אין מיאַמי ביטש, און נאָכן רעפעראַט האָט ער געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע און איז נפטר געוואָרן.

משה יוחנן שטאַרקמאַן איז געבוירן געוואָרן סוף דעצעמבער 1906, אין גאַליציע. מיט 14 יאָר שפּעטער איז ער אָנגעקומען אין אַמעריקע און שוין אין דעם עלטער פון בלויז 16 יאָר, אין 1922, האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן, אין אַלערליי יידישע שריפטן, זיינע דערציילונגען, אַרטיקלען, פעליעטאָנען און קינדער־מעשהלעך.

פון 1924 ביז 1926 האָט ער שטודירט אין סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע אונטער דער אָנפירונג פון ד״ר יעקב שאַצקי.

ער האָט גאַנץ פרי זיך אָפּגעגעבן מיט ביבליאָגראַפישער אַרבעט, מיט זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר ביבליאָגראַפישע ווערטערביכער און לעקסיקאָנען. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע און טעאַטער אין אַמעריקע, אין „פּינקס״ פון דער אַמעריקאַנער סעקציע פון „ייווא״, פילאָלאָגישע שריפטן פון „ייווא״ און אין אַנדערע שריפטן.

צוועלף יאָר איז ער געווען מיטרעדאַקטאָר פון דעם לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור. ער איז לאַנגע יאָרן געווען מיטאַרבעטער פון „טאָג״ און פון „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״, און זינט מאַי 1972, אַ מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״.

משה שטאַרקמאַן האָט רעדאַקטירט אַ צאָל ביכער און געשריבן צו זיי הקדמות. צווישן זיי דאָס גרויסע ווערק „חסד לאברהם״, אברהם גאָלאָמבס יובל־בוך צום בעל־יובלס גרייכן דעם עלטער פון גבורה.

משה שטאַרקמאַן איז אויך געווען רעדאַקטאָר און מיטאַרבעטער פון אַלערליי יידישע פּעריאָדישע ליטעראַרישע זשורנאַלן. אַ סך פון זיינע עסייען זיינען געווען געדרוקט אין „חשבון״. ער איז געווען פאַררעכנט ווי איינער פון די בעסטע לעקסיקאָגראַפן. ער האָט אויך געשריבן אין העברעיש אונטערן נאָמען משה חזקוני און האָט זיך באַזונדערסקונה שם געווען מיט זיינע פאַרטיפטע עסייען וועגן דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור.

משה שטאַרקמאַן איז געקומען קיין אַמעריקע ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג, אָבער פון דער אַלטער — שוין איצט לצערנו פאַרוויסטער — היים האָט ער מיטגעבראַכט אַן עילויאישן אוצר מיט יידיש וויסן פון פאַרטיפטער חסידות. ער האָט גוט געקענט העברעיש און איז געווען באַהאַוונט אין חכמת היהדות. ער האָט איינגעזען, אַז צו העברעיש מוז מען האָבן יידיש און אַז צו יידיש מוז מען האָבן העברעיש, און פון אים האָט ממש אַרויסגעשיינט אהבת עם ישראל ומדינת ישראל, ווי אַ מדרגה פון גשמיות צו רוחניות.

מיר האָבן מיט משה שטאַרקמאַן זיך דורכגעשריבן פון צייט צו צייט. ניט זייער אָפט. אויך פּערזענלעך האָבן מיר זיך זייער ווייניק געקענט. מיר האָבן אויך ניט געהאַט די געלעגנהייט צו פאָרשן אַ ל ע זיינע שריפטן. און אפילו ניט די מ ע ר ס ט ע פון זיי. זייער גוט און נאָענט האָט אים אָבער געקענט דער איציקער פּרעזידענט פון יידישן פּע״ן־קלוב, פּראָפ׳ ד״ר עזריאל נאַקס, און מיר ציטירן וואָס ער האָט געשריבן וועגן אים אין „פאָרווערטס״ פעב. 1, 1975):

משה שטאַרקמאַן האָט אַליין אויסגעקליבן וואָס עס זאָל זיין דער אינהאַלט און דער ניגון פון זיין לעבן. זיין וועג איז ניט געווען קיין צופעליקער, ווי עס טרעפט אָפט. ער איז געווען אַ באַוווסטזיניקער שותף צו זיין גורל. די וואָס האָבן אים געקענט נאָך פון זיינע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, וואָס האָבן געוווסט אַז ער איז געווען אַ געניטער און ראַיעלער לעקסיקאָגראַף און ביבליאָגראַף, ממש אַ מומחה פון דער יידישער פּרעסע און ליטעראַטור, און וואָס האָבן אים געלייענט אין ביידע שפּראַכן אונ־

דזערע (אין העברעיש אונטערן נאָמען מ. חזקוני) — אַזעלכע זיינען מסתּמא געווען אונטערן איינדרוק, אַז ער האָט זיך דערצויגן דורכויס אין מזרח־אייראָ־פּע, אַז ער האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט אין דאָרטיקע ישיבות, און בכן אַז ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער שוין געווען רייף מיט לומדות און דורכ־געדרונגען מיט ליבשאַפט צו אונדזערע גייסטיקע אוצרות.

משה שטאַרקמאַן געהערט צו דעם דור וואָס זיין שורש איז טאַקע געווען אין דער „אַלטער היים", אָבער וואָס האָט זיך געשטאַלטיקט אין אַמעריקע, און האָט זיך דערצויגן אין דעם קלימאַט פון אַמעריקע, און די קולטור פון אַמע־ריקע האָטאויף אים געהאַט אַ גוטע השפּעה, און האָט אָבער ניט פאַרטונקלט די ירושה וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך אויף יענער זייט ים. להיפּוך, דאָס האָט גורם געווען אַ שטאַרקערע געטריי־שאַפט צו אייגענעם שטאַם און אַ טיפערן אַריינבליק אין די גייסטיקע אוצרות פון אייגענעם פאָלק.

משה שטאַרקמאַן איז געבוירן געוואָרן אין גאַליציע, איז אָנגעקומען קיין אַמע־ריקע איז ער תיכף נאָך בר־מצוה. ער האָט דאָ פאַרזוכט דעם טעם פון דער עלעמענטאַרער שול און מיטלשול, ווו ער האָט זיך אויף גיך אויסגעלערנט ענגליש. ער האָט זיך ניט פאַרגונען צו־צוגרייטן זיך צו אַ פּראָפעסיע אָדער צו אַן אַקאַדעמישער קאַריערע מחוץ דער יידישער סביבה.

ער האָט אַ פּנים ניט געקענט אָטעמען קיין אַנדער לופט אָדער באַוועגן זיך פריי אין אַן אַנדער סביבה. ער האָט זיך פאַרקנסט צום יידישן וואָרט, אייגנט־לעך צום יידישן אלף־בית. ניט איין מאָל האָט ער באַטאָנט אין די אַרטיקלען זיינע די קדושה פון יידישן אלף־בית, און האָט אונדז דערמאָנט אַז די אותיות געהערן צו אונדזערע ביידע לשונות. ס'איז אַזוי ווי ער וואָלט תּמיד געזען פאַר זיך דאָס בילד פון חנניה בן תּרדיון (פון די עשרה הרוגי מלכות), וואָס ווערט פאַרפייניקט צום טויט פון די רוימער, און בשעת זיי פאַרברענען די ספר־תורה וואָס ער האַלט אין די הענט, טרייסט ער זיינע תּלמידים אַז ס'איז בלויז דער פּאַרמעט וואָס ווערט פאַרצערט פון די פלאַמען און אַז די אותיות, די הייליקע אותיות, שוועבן צום הימל־צו.

אין פערזענלעכע שמועסן האָט משה שטאַרקמאַן אַרויסגעשעפּטשעט אַז אפשר וואָלט ער אויך געדאַרפט שרייבן אין ענגליש, אָבער עס האָט זיך אים געדוכט אַז ער וואָלט דערמיט געזינדיקט קעגן די יידישע אותיות, אַז ער וואָלט פאַר־שוועכט זיין זיווג מיט זיי.

משה שטאַרקמאַן האָט ניט פאַרשעמט די יידישע אותיות. אין דעם היכל פון אלף־בית האָט ער אַרומגעוואַנדערט טאָג־איין־טאָג־אויס, וואָרים אויב די אותיות פון אלף־בית זיינען געווען די קערנער, וואָס האָבן זיך כּסדר געכפּלט, זיינען די ווערטער און ווערק אין יידיש געווען די אויסגעוואַקסענע זאַנגען. ווי אַ לעקסיקאָגראַפער האָט ער געהאָלפן פאַרצייכענען און פאַרמערן די ווערטער אין יידיש און ווי אַ ביבליאָגראַף האָט ער געהאָלפן פאַרהיטן די ווערק אין יידיש. און ער האָט אויך צוגעטראָגן זיין קלח צום שפּייכלער פון יידיש מיט אַ שפע אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, עסיי־ען, ווי אַ רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַ־טור, מיט זאַמלונגען און אַנטאָלאָגיעס אונטער זיין השגחה.

ווי ס'איז איצט די מערכה פון שריי־בערס ביי אונדז זיינען די אַרבעטן זיינע ניטאָ צווישן די טאָוולען אפילו פון איין בוך. און פאַראַן ביי אים אָפּהאַנדלונגען אין שייכות מיט דער יידישער פּרעסע, טעאַטער, עפּיזאָדן און אַספּעקטן פון לי־טעראַטור, וואָס זיינען געווען דער רע־זולטאַט פון פאָרשערישער מי, און עס וועט זיין אַ היפּשער שאָד, אויב מען וועט זיי פאַרלירן.

משה שטאַרקמאַן איז געווען קודם דער מענטש פון פּען. ער האָט זיך אָבער ניט באַגרענעצט מיט דעם. ניט געווען קיין שום שטח פון „געזעלשאַפטלעכקייט ווו ער האָט געפעלט: דער מענטש פון פּען איז געווען פאָרזיצער פון יידישן פּען־צענטער, און איז געווען טעטיק אין קולטור־קאָנגרעס, און מיט מדינת ישראל איז ער געווען פאַרקניפּט מיט אַלע

רמ״ח אברים. און די אַרטיקלען זיינע זיינען דאָך געווען אַן אומאויפהערלעכע דערמאָנונג אַז מיר טאָרן זיך ניט מיאש זיין, אַז ס'איז דאָ פרייד און שיינקייט און דערהייבנקייט אין יידישקייט. ס'איז געווען אַ מאָנונג און דערמאָנונג, ווי ער וואָלט עפעס געזאָגט אַז היום קצר והמלאכה מרובה( דער טאָג איז קורץ און די אַרבעט איז אַ סך).

וואָס קען מען זאָגן ביים טויט פון אַ חבר, אַ פריינד, אַ קאָלעגע פון איבער פערציק יאָר? וואָס עס זאָל ניט זיין, וועל איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן, און וועל אַלע מאָל באַוווּנדערן, ווי אַזוי משה שטאַרקמאַן פאַרוועבט אין זיך אויף אַ האַרמאָנישן אופן אַלע פעדעם פון יידישקייט: עם ישראל, מינת ישראל, כנסת ישראל. ס'איז ביי אים ניט געווען קיין סתירה צווישן יידן ווי אַ וועלט־פאָלק (עם ישראל) און די בענקשאַפט נאָך אַ לאַנד (מדינת ישראל), צווישן יידיש און העברעיש ווי צוויי נאַציאָנאַל־היסטאָרישע אמתן, צווישן „וועלטלעכקייט", וואָס ברייטערט אויס אונדזערע האָריזאָנטן און אונדזער רעליגיעזער טראַדיציע (כנסת ישראל), וואָס אָן דעם איז אונדזער „וועלטלעכקייט", ווי דער פראַגער גולם, אָן אַ זין און אָן אַ נשמה.

משה שטאַרקמאַן איז געווען אַ גאַנצער ייד. דאָס איז זיין צוואה פאַר אונדז.

---

א. גאָלאָמב

# ניטאָ מער משה שטאַרקמאַן

שווער צו שרייבן אַ נעקראָלאָג, שווערער איז צו שרייבן אַ נעקראָלאָג וועגן אַ יידישן שרייבער און אַ פערזענלעכן פריינד. שווער, אָבער פאַרפאַלן! מיר אַלע זיינען קאַנדידאַטן אַהין — ווער פריער, ווער שפעטער. דור הולך ודור בא. פאַרפאַלן. פאַר אונדז יידן איז עס באַזונדער שווער, אָט פאַרוואָס. ביי אומות העולם איז עס נאָר אַ בייט פון דורות. עס שטאַרבט איינער קומען אַנדערע. אַזוי איז אויך געווען ביי אונדז „דאָרטן". און דער „דאָרטן" קלינגט שוין ווי אַ לעגענדע, ווייל אַלע אונדזערע „דאָרטנס" זיינען שוין חרוב געוואָרן. דור הולך—דורות בייטן זיך והארץ לעולם עומדת—יידישקייט בלייבט, פראָגרעסירט, גייט פאָרויס, ווי יענער בוים אין יענעם קאַליפאָרניער וואַלד, וואָס איז אַלט עטלעכע טויזנט יאָר, ווי אברהם אבינו וואָלט אים געפלאַנצט. איז ער אויך איינגעפאַלן, געשטאָרבן. ניטאָ קיין אייביקייט אויף דער ערד. איינער שטאַרבט, קומען אַנדערע — יינגערע.

גיי איך אין אַ ביבליאָטעק, קלאַפט עס מיר אין האַרצן: אָט דאָ אויף די פאָליצעס, אין די ביכער, איז געבליבן דער גייסט פון די געשטאָרבענע דורות. די מענטשן זיינען געשטאָרבן, טויט, און זייער גייסט איז געבליבן, איר געפינט אים אין די ספרים. זע איך ווי עס לויפט אַרום אַ בחורל אין בית מדרש הין און צוריק, מאַכט מיט די הענט און רעדט ווי צו זיך אַליין: „אוי, רבי עקיבא, דו פלוידערסט דאָך...!"

האָט אַזוי רבי עקיבא מסתמא זיך געקריגט, דיסקוטירט מיט יונגע בחורימלעך אין בתי מדרשים. אַזוי האָט אויך יענער בוים עטלעכע טויזנט יאָר געהאָדעוועט פרישע נאָדלען און פרישע צווייגן. ווידער אַ מאָל דור הולך ודור בא. אַנדערש איז עס ביי אונדז איצט: דור הולך איז דאָ, קיין דור בא איז ניטאָ. עס ענדיקט זיך די יידישקייט וואָס האָט זיך געצויגן פון בבל אָן. קיינער ווייס ניט ווי יידישקייט וועט אין די גלותן אויסזען. מיט יעדער אַקטיוון שפערישן יידן גייט אַוועק אַ שטיק יידישקייט, און קיין דור בא איז ניטאָ. עס גייט אַוועק אַ שרייבער, בלייבט אַ ליידיק אָרט. ניטאָ קיין פאַרבייטערס, בלייבט עפעס אַ פאַסיווער עולם, וואָס שטאַמט פון יידן. ער טראָגט אויס די גאַנצע שינאת ישראל, וואָס גייט איבער יאָ פון דור צו דור אין דער וועלט.

אַלע יידישע שרייבערס, אַלע אַקטיווע יידן, שטאַמען נאָך פון דאָרטן, פון מיזרח־אייראָפע, אָבער קיין יידישקייט איז שוין דאָרטן ניט געווען. די עטלעכע שפעפערישע יידן וואָס זיינען נאָך דערווייל געבליבן, וועלן דאָך אויך אַוועקגיין, אַלע —

אַלע, בלייבט אַ שטום פאָלק, בלייבט אַ
פּאַסיווער אָביעקט פון דער וועלט־שינאה
צום אוראַלטן וועלט־פאָלק! יעדער אַוועק־
גייענדיקער שעפערישער ייד דערנענטערט
דעם פּאַסיוון מאַרגן פון יידישן פאָלק. איז
דער ווייטאָג אַ טאָפּעלער: דער שטראָם
ענדיקט זיך, דער טייך טריקנט אויס אין
מיטן מדבר. משה שטאַרקמאַן איז געווען
איינער פון די וואָס האָבן דעם שטראָם
פון אייביקער יידישקייט אָנגעהאַלטן און
אויפגעהאַלטן, איז אַוועק אַ זייל אין דער
אייביקייט.

אין דער היינטיקער יידישער וועלט,
ווען מיר זיינען אַזוי צעברעקלט, צעגרו־
פּירט, אויף פּאַרטייען און גרופּעס, ווען
דאָס גאַנצע, דער כלל עם ישראל האַלטן
אויף בעיקר די שונאים מיט זייער שינאה,
שינאת עולם לעם עולם, און יידן אַליין —
אין גרופּע שיט פעך און שוועבל אויף
דער צווייטער. אין דער דאָזיקער צעשאָ־
טענער יידישער וועלט איז שטאַרקמאַן,
דער פרומער ייד, געווען בליוז אַ ייד וואָס
האָט געהויזט מיט אַלע יידן פון אַלע אי־
דעען, אידעען פון אייביקער יידישקייט. איז
עס אַ שאָד וואָס זיי זיינען ניט צונויפגע־
זאַמלט אין אַ ספר. ניט באַשערט געווען.
דער טויט איז געקומען פּלוצלונג, גאָר
בעת אַ רייזע, אין אַ ווייטער שטאָט, אין
מיטן דער אַרבעט. געפאָרן קיין מיאַמי
עפּעס טאָן. האָט זיך דער טויט אונטער־
געאיילט.

אין וווּנטש איז פאַראַן ביי יידן, וואָס
צו ווינטשן אַ טויטן — ת.נ.צ.ב.״ה. דאָס
איז אַ ראשי תיבות פון אַ גאַנצן זאַץ:
תהי נשמתו צרורה בצרור החיים — דער
גייסט פון געשטאָרבענעם זאָל בלייבן
פאַרבונדן מיטן בונד פון לעבן. זאָל זיין
גייסט בלייבן ביי די לעבעדיקע. אַ גאַנץ
אַקטיוו לעבן געווען אַ שרייבער. צוגע־
בונדן צו כלל יידישקייט. אַ העברעער,
אָבער ניט קיין העברעיסט; אַ ציוניסט
בלב ונפש, אָבער ניט קיין אַנטי־גלותיסט;
געלעבט אַליין אין גלות. יידישקייט דאַרף
זיין אומעטום ווו יידן לעבן און ניט דווקא
אין ארץ ישראל. דאָרטן ווו זיי זיינען, דאַרף
זיין ארץ ישראל, ווו עס זיינען דאָ יידן,
דאָרטן דאַרף זיין ישראל.

ניט געווען ביי שטאַרקמאַנען קיין
שמאָלקייט: אויב איך האָלט פון איינעם,
טאָר איך ניט דערלאָזן קיין צווייטס. אַלץ
וואָס עס שאַפט זיך אין יידישקייט איז
יידישקייט און עס איז אויך מיינס אין דעם
פאַראַן. כל ישראל יש להם חלק — אַלע
יידן האָבן אַ חלק אין יידישקייט.

אַוועק שטאַרקמאַן, דער יידישער ייד,
דער יידיש־יידישער שרייבער, איז תהא
נשמתו צרורה בצרור החיים — זאָל זיין
גייסט זיין געקניפּט און געבונדן מיט דער
לעבעדיקער יידישקייט, און אַז יידישקייט
וועט לעבן, זאָל אין דעם זיין אויך אַ חלק
פון דעם געשטאָרבענעם משה שטאַרקמאַן־
חזקוני!

ת.נ.צ.ב.״ה!

# הענעך גאָלדשטיין ע״ה

געשטאָרבן אַ ייד! אַ גוטער ייד! אַ גע־
טרייער ייד. אַ ייד מיט תורה, וואָס איז
באַליבט און טייער, הגם זי איז ניט קיין
פרנסה־זאַך. אַ שטענדער אין שטוב. דער
שטענדער דערציילט אַ סך. היינטיקע יידן
ווייסן שוין ניט דעם טעם פון אַ שטענדער.
אַ יידן פון שטעטל דערציילט אַ שטענדער
גאָר אַ סך, פון שעהן שטיין און לערנען.
ווער עס לערנט אָדער לייענט, ווייל אַ ייד
ציט זיין חיונה פון לערנען, עס איז אַ פאַך.
אַ ייד אָבער וואָס זיין פאַך איז גאָר האַנדל,
אַז ער האָט אין שטוב אַ שטענדער, איז
עס ווייל מען קומט אַהיים פאַרמאַטערט,
מוז מען אָבער אַרייַנכאַפּן עפּעס — צו
עפּעס לייענען אָדער טאַקע לערנען. אַ ייד
פון עלטערן שניט איז אים אומעטיק אָן
אַ ספר. אַ ייד האָט אַ באַזונדערע ליבע
צו ספרים. אַזאַ ייד צאַצקעט זיך מיט
אַ ספר, האָט הנאה פון האָבן דעם ספר.

— אַי, זעט ס'אַראַ מציאה איך האָב גע־
קראָגן... היינטיקע ייִנגערע יידן האָבן ניט
אַזוי ליב אַ ספר. עס איז ניט קיין צירונג,
ניטאָ קיין פאַרגעניגן פון סתם האָבן דעם
ספר.־ יידן האָבן דעם טיטול „עם הספר״.
עס גייען אַוועק די יידן פון דעם מין, קיין
נייע קומען ניט צו. די עלטערע יידן האָבן
באמת געפילט אַ טעם אין אַ ספר. די
ייִנגערע לייענען, לערנען אַ בוך, אָבער
קיין פאַרגעניגן האָבן זיי ניט. עס גייט
אַוועק אַ יידישער לייענער, עס קומט ניט
קיין נייער אויף זיין אָרט. געשטאָרבן
גאָלדשטיין. ת.נ.צ.ב.״ה!

## די גאָלאָמבס

# אַ קיצור פון אַ הספד, וואָס שלמה צוקערמאַן האָט געזאָלט האַלטן ביי דער לוויה פון בלומע שטיינבערג ע״ה

בלומע שטיינבערג, אַ לאַנגיאָריקע געזעלשטאַפטלעכע טוערין און באַזונדערס אַקטיוו אין יידישן קולטור־קלוב, איז געשטאָרבן אין עלטער פון 81 יאָר, דעם 21טן פעברואַר, אין „סיטי אָוו האָופּ״ שפּיטאָל אין דואַרטע, קאַליפאָרניע. פר׳ צוקערמאַן איז ליידער געקומען שפּעט צו דער לוויה, דרוקן מיר דאָ אַ קיצור פון דעם הספד וואָס ער האָט געזאָלט האַלטן:

„בלומע איז געווען איינע פון די ראשונים פון יידישן קולטור־קלוב אין ל. א. דער קלוב איז געווען ביי איר הייליק ווי ביי אַ פרומען ייד דער בית המדרש. מיט איר וואָרט און מיינונג האָט זיך דער קלוב גערעכנט. זי האָטביים קלוב אָנגעהאַלטן פאַרשיידענע אַמטן; געפירט עטלעכע מאָל דעם פאָרזיץ שבת אָוונט, מיט טאַקט און עלעגאַנץ. איר יידיש איז געווען פּרעכטיק.

ווען דער קלוב האָט געפייערט פרידלאַנדס 25 יאָר אַלס פּרעזידענט פון יידישן קולטור־קלוב, ווו איך האָב געהאַט דעם כבוד אָנצופירן מיטן אָוונט, האָט דער קולטור־קלוב באַשטימט בלומען אַלס הויפּט באַגריסערין פון קלוב און אַלס פּערזענלעכער פריינד פון פרידלאַנדן. פאַר אַן עולם פון 300 האָט זי מייסטערהאַפט געהאַלטן איר רעדע.

אויך איך האָב צו פאַרדאַנקען בלומען מיין אַקטיוו זיין אין קלוב.

גענוי ווי היינט געדענק איך ווי דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב געפירט דעם פאָרזיץ אין קלוב. ווען דער אָוונט האָט זיך געענדיקט איז זי די ערשטע צוגעקומען צו מיר און מיך באַגריסט. זי איז געווען גליקלעך וואָס איך האָב ניט אַנטוישט דעם קלוב און די פריינד, און זי האָט מיך ווייטער דערמוטיקט אָנצוגיין מיט דער אַרבעט.

דאָס לעצטע מאָל וואָס איך האָב זי געזעמען אין קלוב האָט זי שוין כמעט ניט געקאָנט גיין. איך האָב זי שוין געמוזט העלפן פון אויטאָמאָביל אין הויז אַריין און אירע לעצטע ווערטער צו מיר: „שלמה, איך גלייב דאָס איז מיין לעצט מאָל אין קלוב. היט אָפּ די אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אונדז אַלעמען אַזוי טייער.״

אַזוי איז געווען בלומע.

זי וועט אונדז אַלעמען אויספעלן.

אינעם נאָמען פון די קלוב מיטגלידער און אויך אין מיין און אין ציליעס דריקן מיר אויס אונדזער מיטגעפיל צו דער משפחה.

זאָל איר גוטער נאָמען און גייסטרייך לעבן זיין אַ טרייסט פאַר איר איינציקן זון, בערנאַרד, די שנור, באַרבאַראַ, אירע דריי אייניקלעך, יד שוועסטער און שוואָגער, פלאָראַ און שמואל ווייס; איר ברודער, דר. אַברהם קאָרן, און דער גאַנצער משפחה.

כבוד איר אָנדענק.

---

(סוף פון זייט 85)

ג. — די משכילים האָבן ניט מיטגעפילט שעפן פון אייגענע ברונעמער און דאָס באַאַרבעטן, נאָר זי האָט זיך געלאָזט זוכן ביי פרעמדע מיט פרעמדע ברעקלעך.

ג. — די משכילים האָבן ניט מיטגעפילט דעם פאָלק אין זיינע צרות. דאָס פאָלק האָט געיאָמערט פון די גזירות און די משכילים האָבן געזען אין דעם בלויז חסדים.

ד. — די משכילים האָבן ניט געוואָלט לערנען פון פאָלק, פון זיין לאַנגער פאַרגאַנגענהייט, נאָר זיי זיינען געקומען מיט פרעמדע תורות און זיי געוואָלט איינפלאַנצן אין פאָלק.

ה. — מיר האָבן ביז איצט ניט געזעגנט זיך מיט דער נעגאַציע פון דער השכלה. אַז אַ שטעקן איז אויסגעבויגן אין איין זייט, בייגט מען עס אין פאַרקערטער זייט ביז עס גלייכט זיך אויס. נאָרמאַל דאַרף קומען צו אַ סינטעז: דאָס אַלטע מיט דעם נייעם. די נעגאַציע פון פאָלקישן איז נאָך פאַראַן.

ו. — די השכלה האָט ניט פאַרשטאַנען צו בויען די נאָרמאַלע קולטור־צירקולאַציע, וואָס דאַרף גיין אין לעבן פון אַ פאָלק: דער אינהאַלט פון פאָלקס־לעבן צו די קולטור־וואַרשטאַטן פון געלערנטע און קינסטלער און צוריק אין לעבן פון פאָלק. דער כלל איז: פון פאָלק איבערגעאַרבעט און צוריק צום פאָלק. די השכלה האָט עס ניט געוואָלט, ניט פאַרשטאַנען.